STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00091

ALE VERK

Sholem Aleichem

Permanent preservation of this book was made possible by
Langenthals, Myers, Gilberts and Turiels
in honor of
Dr. Philip Myers

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק פון שלום-עליכם

יוגענד-ראָמאַנע

שלום-עליכם פאָלקספאָנד אויסגאַבע—ניו-יאָרק, 1920

Copyright 1920, by Olga Rabinowitz (Sholom-Aleichem), New York

יוגענד־ראָמאַנען

אינהאַלט

טייבעלע 7
קינדער־שפּיעל 59

טייבעלע

געשריבען אין יאהר 1884.

טייבעלע

עס איזט איינע אַלטע געשיכטע,
דאָך בלייבט זי איממער ניי;
אונד וועם זי יוסט פּאַסיערטע,
דעם בריכט דאַס הערץ ענטצוויי...
(היינריך היינע).

I

אין אַ קליין ליכטיג צימער, ביי אַ קליין אָפען פענסטער, איז געזעסען טייבעלע, אַ יונג מיידעל פון אַ יאָהר אכצעהן, מיט איין ארבייט אין די הענד. איהר שען ליכטיג פּנים האָט בעוויזען, אַז זי איז צופריעדען; איהרע טונקעלע, גלענצענדיגע אויגען האָבען געברענט ווי פייער, איהרע שווארצע נעקרייזעלטע קורצאונטערגעשוירענע האָר האָבען פערשטעלט פון ביידע זייטען איהרע פערפלאַמטע באַקען, און אויף איהר קליין מיילכען האָט געשפּיעלט אַ צופריעדענער שמייכעל; מיט איהרע קליינע ווייסע הענטלעך האָט זי אָוועקגעלעגט די אַרבייט אָן אַ זייט, האָט אַ וואָרף געטהאָן מיט דעם קאָפּ, פערשאַרט די האָר, צונויפגעלעגט ביידע הענד אויף דעם האַרצען, און האָט געוואָרפען איהרע שענע שוואַרצע אויגען אויף דעם יונגען מאַן, וואָס איז געזעסען אקעגען איהר און האָט געלעזען אַ בריעף. דאָס איז געוועזען אַ הויכער שענער מאַן פון אַ יאָהר צוואַנציג, מיט אַ ווייס קיילעכיג געזיכט, מיט בלויע אויגען

און בלאָנדע האָר. געקליידט איז ער געווען זעהר עלעגאַנט, איירא־פּעאיש, ווי אונזערע האַלב־אַריסטאָקראַטישע גביר'ישע קינדער; אַ שווערע מאַסיווע גאָלדענע קייט מיט זעהר אַ טהייערען שטיין איינגעזעצט אין דעם רינג, וואָס ער האָט געטראָגען, און דערצו זיין ריין ווייס געזיכט מיט זיינע אויסגעגלעטע ווייסע הענד האָבען גע־וויזען, אַז ער איז געוואַקסען ביי רייכע עלטערען און האָט נאָך ניט געוואוסט וואָס הייסט אַרבייטען אין דער וועלט און פון וואַנען רייכקייט נעמט זיך. דאָס איז געווים אַ אידישער פינאַנץ־פּרינץ — איינער פון די, וואָס גלויבען ניט דעם, וואָס בעקלאָגט זיך אויף דער שלעכטער צייט, און מיינט, אַז ע ר ד אַ ר ף אַזוי לעבען, און דער אַנדערער — דער אַנדערער לאָז זיך לעבען, ווי ער פערשטעהט... נאָר מיר וועלען זיך נאָך בעקענען גאַנץ נאָהענט מיט אונזער העלד.

— מאַריץ! וואָס קלערט איהר צו ענטפערען דער מוטער אויף דעם בריעף? — האָט איהם דאָס מיידעל פּלוצים אַ פרעג גע־טהאָן. מאַריץ איז רויט געוואָרען און האָט איהר ניט באַלד גע־קאָנט ענטפערען; ער איז אויפגעשטאַנען פון דעם בענקעל און איז זיך אַ פּאָר מאָל דורכגעגאַנגען הין און צוריק; דערנאָך האָט ער זיך געזעצט נעבען דעם מיידעל און האָט גענומען איהר האַנד אין זיינע הענד און האָט לאַנג געקוקט איהר אין די אויגען. ער האָט געזאָגט צו איהר:

— וואָס פרעגט איהר מיך עפּיס היינט, וואָס איך קלער איהר צו ענטפערען אויף איהר בריעף? דאָס זעלבע וואָס אויף אַלע איהרע בריעף...

דאָס מיידעל האָט אַביסעל נאָכגעטראַכט און האָט שטיל אַרויסגעצויגען איהר האַנד פון זיינע הענד און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען. מאַריץ האָט זיך איינגעבויגען און האָט איהר גע־וואָלט אַ קוק טהון אין פּנים; זי האָט איהם מיט ביידע הענד אַרומגעחאַפּט דעם האַלז און האָט איהם לאַנג געקושט אין קאָפּ און אין די אויגען.

— טהייערער, טהייערער מאַריץ, דו ביזט מיין פריינד! טהייערער מאַריץ! זיי מיר מוחל, איך בין אַ שלעכטע; בע־שטראָף מיך, איך בין דיך ניט ווערטה: איך קלער אויף דיר שלעכטס... אַז דו נעהסט אוועק און איך זעה דיך ניט, ווערסט דו ביי מיר אָן דעם גאַנצען גלאַנץ; דו ווייזט מיר אויס קליין, אָרעם, נידעריג, פאַלש, נאָך ערגער פון פאַלש — שוואַך, שוואַך!! מאַ־ריץ! איך האָב פיינט אַ שוואַכען מענשען אָהן אַ כאַראַקטער, — ערגער, הונדערט מאָל ערגער פון אַ פאַלשען, פון אַ מערדער; דער מערדער איז אַ שלעכטער מענש, נאָר אַ מענש; אָבער דער „בעזכאַראַקטערנע" איז נאָר קיין מענש ניט ביי מיר — אַ פליעג, אַ וואָרעם...

ביי די ווערטער האָט טייבעלע ארויסגעלאָזט מאַריצען פון איהרע אָרעמס און איז ווידער געבליבען זיצען שטיל און האָט נאָר געקוקט אויף איהם. מאַריץ איז געוועזען פערוואונדערט אי־בער איהר היינטיגער אויפיהרונג; ער האָט געזעהן, אַז זי איז היינט צערודערט: אַט ווערד זי לעבעדיג און מונטער, און אַט ווערד זי פערטראַכט און עפּיס אַזוי אומעטיג, אַז דאָס האַרץ קאָן צעריסען ווערען קוקענדיג אויף איהר בלאַס געזיכט; עס איז עפּיס ניט כדרך הטבע.

— טייבעלע! מיין טהייערע! דו ביזט היינט ניט מיט אַלעמען. זאָג דעם אמת, וואָס איז מיט דיר? וואָס קלערסט דו איצט? וואָס זענען דיינע שענע אויגען אַזוי פערטראַכט? וואָס בעדייט דער וואָלקען, וואָס ווערד פּלוצים איבערגעצויגען אויף דיין שען געזיכט? איך קען דיך ניט פון נעכטען, דאַכט זיך, — זאָג, וואָס איז מיט דיר? דו צווייפעלסט אין מ י ר? אין דיין מאַריצען? דו ווייסט, ווי אַזוי איך האָב דיך ליעב, איך דאַרף דאָס דיר ניט דערצעהלען...

— איהר דאַרפט דאָס מיר ניט דערצעהלען — האָט טייבעלע איבערגעזאָגט זיינע ווערטער פערטראַכט ווי פריהער.

— וואָס זשע רען ? וואָס זשע דען זאָל איך קלערען ? מיר וועלען דאָך באַלד — דו ווייסט ? — מיר וועלען דאָך באַלד גליק־ ליך זיין : מיין מוטער וועט נאָר פון קאַרלסבאַד קומען, זאָג איך איהר באַלד מיינע פּלאַנען ; זי וועט זיך דאָס דערפרייען ; זי וועט דיך ארומנעמען ווי אַ קינד...

— אַך, מאַריץ, מאַריץ ! איהר זענט יאָ אַ קינד. און דערצו נאָך אַ פערצערטעלט קינד ! איהר רעדט זיך אליין איין גאָט ווייסט וואָס פאַר נאַרישקייטען, און ווילט נישט קוקען אויף דער אַנדערער זייט פון דער מטבע... איהר האָט דאָך ערשט אליין גע־ לייענט איהר בריעף ! איהר פערשטעהט דען ניט, צוליעב וואָס זי דולט אייך אַ קאָפּ מיט דער פאַמיליע נאַטקין און מיט די זעל־ טענע מעלות פון דער מאַמזעל נאַטקין, וועלכע האָט זיך, נאָך די ווערטער פון אייער מוטער, כמעט פערליעבט אין אייער פּאַר־ טרעט ?...

— נו, ווער הערט זי ! — האָט מאַריץ געענטפערט, ארומ־ געהענדיג איבער דעם צימער. — איך לעב ניט מיט דער מאַמע׳ס שכל, איך בין ניט דער „מאַמע׳ס קינד״... זי וועט ניט וועלען ? וואָס הייסט ? פאַר וואָס זאָל זי ניט וועלען ? ווייל מיין כלה האָט קיין געלד ניט ? נאַרישקייט ! איך האָב אליין געלד און דאַרף נאָר ניט קיין געלד ! יחוס ? וואָס טויג מיר יחוס ? זי וועט מורא האָבען פאַר אידישע מיילער : מע וועט זאָגען, אז מאַ־ ריץ, גאָלדע זילבערמאַנ׳ס בן־יחיד, האָט חתונה געהאַט פאַר איין אָרעם מיידעל, וואָס קיינער ווייסט זי ניט ? ווער הערט זיי ? וואָס בין איך — אַ קינד ? איך בין אַ מאַנספּערזאָן ! איך קאָן בעשטעהן פאַר זיך ! איך בין פריי : קיינער סמעיעט ניט מיר צו שטעהרען מיין גליק, אפילו מיין מוטער ! איך געה באַלד אַהיים און שרייב איהר אַ בריעף... און שיק איהר היינט אַ דע־ פּעש... איך געה שוין, די רגע...

וואָס וויטער מאַריץ האָט גערעדט, איז ער אַלץ מעהר פער־ פלאַמט געוואָרען. מע האָט געזעהן, אז ער רעדט דאָס ערנסט, מיט

געפיהל, מיט דעם גאנצען הארצען, מיט דעם רעכטען אמת... טייבעלע אָבער איז לאנגזאם צוגעגאנגען צו איהם און האָט איהם אָנגעריהרט ביי דער האנד.

— מאָריץ, גענוג! איילט דאָך ניט אזוי: מע דארף ניט טעלעגראפירען קיין קארלסבאד; אייער מוטער דארף ניך קומען אהיים; מיר וועלען נאָך האָבען צייט איהר צו זאָגען...

מאָריץ איז א ביסעל געשטילט געוואָרען און האָט געזאָגט:

— נו, וועל איך איהר חאָטש א בריעף שרייבען, אז איך בין אזוי גליקליך...

— מאָריץ! מע דארף דאָס אויך ניט! זי וועט ניט פערשטעהן אייער גליק; זי קאָן דאָס ניט פערשטעהן... אָבער אז זי וועט קומען און איהר וועט מיט איהר פערזענליך רעדען, וועט דאָס אנדערש זיין... איצט געהט אהיים: עס איז שוין זייגער צוויי. קומט ניט היינט, קומט מאָרגען פריה; איך בין היינט פערנומען א גאנצען טאָג — אדיע!

מאָריץ האָט אויף זיך ארויפגעוואָרפען דעם אויבעררא‏ָק, ער האָט אָפּגעזוכט דעם הוט מיט דעם שטעקען און האָט זיך געקליבען אוועקצוגעהן; ער איז צוגעגאנגען צו טייבעלען און האָט איהר געגעבען די האנד.

— דו גלויבסט מיר? טהייערע!...

— מאָריץ! — האָט זי איהם געענטפערט, און איהרע אויגען האָבען זיך ווידער אָנגעצונדען. — מאָריץ! איך גלויב דיר! טהייערער, טהייערער מאָריץ! זיי מיר מוחל מיינע נארישע געדאנקען... איך גלויב דיר, מאָריץ, דו ביזט מיין לעבען...

מאָריץ איז שוין געשטאנען ביי דער טהיר; טייבעלע האָט איהם צוריק צוגערופען און האָט איהם געזאָגט:

— מאָריץ! איך בין אינגאנצען דיינע... דו ביזט ביי מיר אלץ... אָהן דיר בין איך גאָרנישט, מאָריץ! אז דו נעהסט נאָר ארויס פון דער טהיר, ווייזט זיך מיר אויס, אז איך וועל דיך שוין מעהר ניט זעהען... וואָס וועל איך טהון? — זיי מיר מוחל,

טהייערער פריינד מיינער! דיין טייבעלע איז א נאריש קינד, א קאפריזנע מיידעל, חא־חא־חא!

מאריק איז אוועקגעגאנגען פערטיעפט אין געדאנקען: ער האט נאר ניט געקאנט פערשטעהן איהרע ווערטער, איהר געלעכ־טער... ער וואלט זיך אבער נאך מעהר פערוואונדערט, ווען ער זאל זיך געוועזן אומקעהרען צוריק: ער וואלט געטראפען טייבעלען אין בעט, בעגאסען מיט הייסע ביטערע טרערען...

II

מאריק זילבערמאן האט אמאל, מיט א יאהר צעהן פריהער, געהייסען „מאיר", און זיין מוטער, גאלדע רב מאיר'ס, רופט איהם נאך הייגט אויך „מאיר'על". נאר זינט די ציוויליזאציע האט אנ־געהויבען אריינקוקען צו אונזערע ברידער אויך, האבען מיר זיך דערשראקען פאר איהר, און האבען זיך באלד געחאפט צו די קליי־דער מיט די נעמען: די אטלעסענע זשופעצע מיט דעם קיילעכי־גען שטריימעל איז פערביטען געווארען אויף א קורצען פראק מיט א צילינדערהוט, און דער נעכטיגער מאיר בערעל'ס, זרח נפתלי'ס און קלמן רב וועלוועל'ס זענען פלוצים געווארען מאריק באריסא־וויטש, זאחאר פאנטעלעמאנאוויטש און קלימענטי וולאדימירא־וויטש... מאיר'על, וועלכען מיר מוזען אנרופען ווי ער וויל — „מאריק", איז געוואכסען א יתום ביי זיין רייכער מוטער, גאלדע זילבערמאן, אדער גאלדע רב מאיר'ס, — איהר פאטער רב מאיר איז געוועזן זעהר איין „אדם חשוב"; אין די יונגע יאהרען איז ער געוועזן א פשוט'ער ארענדאר, נאר דער פריץ האט איהם זעהר ליעב געהאט, און האט איהם געמאכט פאר דעם ערשטען פאקטאר אין הויף. רב מאיר האט בעקומען עטליכע קערבלעך, און אז דער

פריץ איז „מת" געוואָרען און האָט קיין קינדער ניט איבערגעלאָזט, איז ער געוואָרען ביי דער פריצה א „בן־בית", און האָט מיט איהר אזוי לאַנג געהאַנדעלט, ביז רב מאיר איז געוואָרען דער פריץ, און די פריצה האָט גענומען ביי איהם פענסיע. רב מאיר איז געוואָרען גרויס, האָט בעקומען א נאָמען, האָט אָנגעהויבען פאָהרען צום רבין... אויף דער עלטער איז רב מאיר ארויסגעפאָהרען קיין נ., האָט אָנגעהויבען פראַווען שלש־סעודות'ען, און „חברה" האָבען איהם געמאַכט דעם נאָמען אזוי גרויס, ביז ער האָט זיך משדך געווען מיט דעם רבינ'ס א שוועסטער און האָט געקויפט פאַר הונ־דערט טויזענד רובל איין איידעם א צאַצקע פאַר זיין בת־יחידה, גאָלדעניו, און איז בערוהט געשטאָרבען. דער איידעם, די צאַצקע, רב מאָטעלע, איז טאַקי געווען א גילדערנער יונגערמאַן, א תכשיט, און האָט ניט געוואוסט קיין צורת מטבע. ער איז אָבער געווען א קראַנקער, האָט ער זיך אָפּגעמוטשעט עטליכע יאָהר און איז גע־שטאָרבען און איבערגעלאָזט גאָלדען א יונגע אלמנה פון דריי און צוואַנציג יאָהר, מיט א קליין קינד פון צוויי יאָהר. גאָלדע האָט שוין דאָס צווייטע מאָל ניט געוואָלט חתונה האָבען (דאָס איז ביי אונז אפילו זעלטען), כדי איהר מאיר'על זאָל ניט דאַרפען אָנקומען צו א שטיפפאָטער. זי האָט איהר גאַנץ לעבען אוועקגעשענקט מאירל'ען, וועלכער איז אויפגעצויגען געוואָרען אויף זייד מיט אַלערליי פערגעניגענס. ביז צעהן יאָהר האָט מען איהם געהאַלטען מלמדים, און מאיר'על האָט זעהר גוט געלערענט. גאָלדע האָט אָבער געוואָלט, ער זאָל קענען אַלץ אויף דער וועלט. קיין געלד האָט זי ניט געקאַרגט. זי האָט געזעהן, ווי אַנדערע גבירים לאָזען לערנען זייערע קינדער, האָט זי איהם אויך צוגענומען א פראַנ־צויז איין שטוב אריין, מיט א לעהרער אויף רוסיש און דייטש; מע האָט איהם געלעהרענט פיאַנאָ שפּיעלען, טאַנצען, רייטען אויף א פערד און „עטיקעטע" (דרך־ארץ) — ווי אזוי צו געהן, צו רע־דען און זיך צו בענעמען צווישען מענשען. גאָלדע האָט אָבער געוואָלט, ער זאָל דערצו זיין איין עהרליכער איד אויך. צו דער

„בר־מצוה" האָט מאיר'ל געזאָגט פאַר איין עולם זעהר אַ פיינע דרשה, וועלכע האָט געקאָסט גענוג געלד און אויף וועלכער ער האָט נעבאַך גענוג געהאָרעוועט, חאָטש ער האָט זי אַליין ווינציג־וואָס פערשטאַנען, און אַז ער איז געקומען סאַמע צום רעכטען שפּיץ, וואו מע דאַרף אויסבויגען דעם גראָבען פינגער, האָט איהם ליפּאַ־קנאָבעל (אַזוי האָט געהייסען דער גמרא־מלמד) שיער איינגע־שלונגען, און רב נעצעל דער דיין איז געזעסען אויף אַזאַ שטיי־נער, ווי קופּערניק אין דער מינוט, ווען ער איז געפאַלען אויף דער המצאה, אַז די ערד דרעהט זיך. און גאָלדע? גאָלדע האָט געוויינט מיט זיסע גליקליכע טרערען און האָט נאָכדעם דריי טאָג כסדר אַלע רגע געשיקט נאָך ליפּשע די גראָבע, זי זאָל אָפּשפּרע־כען מאירל'ען אַ גוט אויג... אַזוי איז ער געוואַכסען דאָס, וואָס ביי אונז האַלט מען פאַר איין אידעאַל — „אַ ביסעל אַהין, אַ ביסעל אַהער", פון יעדער זאַך דאָס אויבערשטע, נאָר אין אמת אריין — אָהן תורה, אָהן חכמה, אָהן וויסענשאַפט, ניט אויסגעסוויסטשעט, ניט אויסגעבילדעט דעם שכל... אַלץ איז בערעכענט צו גלאַנצען פון אויבען, כדי מע זאָל קאָנען טהון אַ שענעם שידוך. דער שדכן שרייבט אויף דעם חתן, אַז ער איז אַ „מושלם", אַ „גאַנצער מענש", „צו גאָט און צו לייט", מע גיט איהם אַ סך נדן מיט אַ כלה, און אַזוי געהט פאַרביי זיין יוגענד, און אַז ער ווערד עלטער און געהט־ארוים אויף דער וועלט, זעהט מען ערשט דעמאָלט ארוים, ווי די ערציהונג האָט אויף איהם געווירקט... מאיר'ל האָט געהאַט אַזאַ ערציהונג ביז זיעבעצעהן יאָהר, ביז די געלעגענהייט האָט איהם צוזאַמענגעבראַכט מיט פעלדמאַנען, מיט וועלכען מיר וועלען אונ־זער לעזער באַלד בעקאַנט מאַכען.

III

מיכאיל פעלדמאַן איז געווען איינער פון די, וואָס האָבען זיך געשלאָגען פאַר דער „השכלה" און זענען מיט גוואלד געוואָרען „משכילים". זיי זענען געוועזען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע יונגע לייט, וואָס זענען געזעסען אויף קעסט און האָבען געשטודיערט אין קלויז, אַלע אויף איין פאַקולטעט: געריסען די גמרא, געבאַקען קאַרטאָפלעס, גע'גנב'עט ליכט פון די יאָהרצייטען, געשמיסען דעם שמש און געטהאָן נאָך אַזעלכע וויכטיגע זאַכען... דאָס איז געוועזען אין דער צייט, וואָס אידען האָבען נאָך פון קיין גימנאַזיעס ניט געהערט — ווער שמועסט אין די קליינע שטעדטלעך, וואו מע האָט מאַפּו'ס מיט שולמאַנ'ס ביכלעך געברענט, און ווער עס האָט בגנבה געלייענט דעם „המגיד", „המליץ", „קול מבשר", דער האָט געהייסען „אפּיקורס"... פעלדמאַן האָט ערגיץ געקראָגען דעם „תעודה" מיט דעם „זרובבל" און האָט זיי געלייענט פאַר די חברים, ביז רב פייביש דער לאַנגער, וואָס פלעגט אויך לערנען אין קלויז, האָט זיי גע'מסר'ט צו דעם גביר פון דער שטאָדט, רב נחמן פליאַסק, און עס איז געוואָרען אַ ווילדער כעס אין שטאָדט. רב נחמן איז געווען זעהר אַ פרומער איד; ער האָט געלעבט פון פּראָצענט און פלעגט עסען אָרעמע לייט מיט די ביינער, און אָפּשרייבען איין אָרעמאַן די בעבעכעס פאַר צעהן רובל פּראָצענט איז ביי איהם קיין נאָווינע ניט געווען, נאָר קיין עולות האָט ער ניט געקאָנט ליידען — ער האָט די אַלע ביכלעך געהייסען פערברענען, און דעם „אפס דמים" האָט ער פריהער אַליין צעריסען אויף פּיץ־פּיצלעך און דערנאָך ערשט פערברענט. די יונגע לייט האָט ער צעטריבען פון דער קלויז: איינינגע פון זיי האָט מען אָפּגעשיקט צום רבין אויף תיקון, און פעלדמאַנען, דעם רעכטען סם, האָט מען גענויט, ער זאָל גט'ען דאָס ווייב און פאָהרען „וואו

דער שווארצער פעפער וואכסט"... פעלדמאן איז אוועקגעפאָהרען קיין זשיטאָמיר אין דער ראבינער־שולע; ער האָט דאָרט געענ־דיגט און איז אוועק קיין פעטערבורג אין דער אוניווערזיטעט. נאָר די לעבענסמיטעל מיט דעם פעטערבורגער קלימאט האָבען איהם ניט ערלויבט צו לערנען ווייטער, איז ער געקומען קיין נ., וואו עס קומט־פאָר אונזער געשיכטע. ער האָט דאָ געהאט איי־ניגע פריינד, גאנץ רייכע לייט, נאָר ער האָט אָבער ביי זיי ניט געוואָלט זיין, און האָט געלעבט פון שטונדען. זיין געזונד, וועל־כעס איז אָפּגעשוואכט געוואָרען אין זשיטאָמיר פאר די אכט יאָהר, וואָס ער האָט דאָרט געליטען הונגער און קעלט, האָט זיך אין נ. אָנגעהויבען צו פערבעסערען, נאָר קיין פעטערבורג האָבען איהם די דאָקטוירים נאָך ניט געהייסען פאָהרען, ביז ער וועט ניט איינ־גאנצען געזונד ווערען, און אזוי זענען אוועקגעגאנגען דריי יאָהר. אין דער צייט האָט ער געהאט א שטונדע ביי דעם גראף וו., וועלכער פלעגט לייהען געלד ביי גאָלדע זילבערמאן. איינמאָל האָט דער גראף זעהר אָפּגעלויבט זיין אידישען לעהרער פאר גאָלדען. גאָלדע האָט געוואָלט, אז איהר מאיר'על זאָל ביי איהם אויך לערנען, האָט זי געשיקט נאָך איהם די קארעטע, נאָר פעלדמאן האָט געענטפערט, אז ער קאָן קומען צו־פוס. און אז ער איז גע־קומען, האָט ער מאיר'לען נישט געטראָפען. גאָלדע האָט איהם געבעטען זיצען.

— וויפיעל וועט איהר נעמען ביי מיר פאר מיין זוהן? — האָט איהם גאָלדע געפרעגט.

— איך וויל פריהער זעהן אייער זוהן און איהם קענען.

— וואָס הייסט? איהר קענט ניט מיין מאיר'לען?...

ביי די ווערטער איז מאיר'על אריינגעקומען, האָט א קוש געטהאָן דער מוטער די האנד, אויף פעלדמאנען האָט ער א וואָרף געטהאָן איין אויג און קוים א שאָקעל געטהאָן מיט דעם קאָפּ. פעלדמאן איז געזעסען, ווי אויף הייסע קוילען.

— מאיר׳על! איך וויל דיר דינגען אַט דעם נייעם לעהרער, ער לעהרענט מיט אונזער גראַפ׳ס קינדער.

מאיר׳על האָט אפילו קיין קוק ניט געטהאָן אויף איהם און האָט נאָר אַ פרעג געטהאָן די מוטער, צי זי האָט זיך שוין מיט איהם בעדונגען. פעלדמאַן האָט זיך אויפגעהאַפּט פון דעם שטוהל און איז צוגעגאַנגען צו גאָלדען און האָט געזאָגט:

— איך האָב אייך פריהער געזאָגט, אַז איך רעד ניט פון קיין געלד, ביז איך וועל זיך נישט בעקענען מיט דעם תּלמיד פּערזענליך. אייער זוהן דאַרף נאָך ניט קיין לעהרער: ער איז נאָך צו יונג און דאַרף זיך נאָך אַביסעל צו־לערנען, ווי אַזוי זיך צו בענעהן מיט מענשען. — מיט די ווערטער איז ער אוועק פון זילבערמאַנ׳ס הויז. גאָלדע האָט זיך געפונען שרעקליך בעלעדיגט און האָט איהם בעשיט מיט קללות, און מאיר׳על איז אריינגע־גאַנגען צו זיך אין קאַבינעט און האָט אָנגעהויבען בעקלערען פעלד־מאַנ׳ס ווערטער: ער האָט צום ערשטען מאָל אויף זיין לעבען געהערט אַזאַ מיינונג אויף זיך פון אַ פרעמדען מענשען. דאָס ער־שטע מאָל אויף זיין לעבען האָט ער זיך געפרעגט, וואָס איז ער אליין פאַר אַ מענש און ווער איז דער גראָבער לעהרער? צוויי מאָל האָט ער זיך מיט איהם בעגעגענט אין גאָרטען, און האָט קיין אויג ניט אראָפּגעלאָזט פון פעלדמאַנען, וועלכער האָט אויף איהם אפילו קיין קוק ניט געטהאָן. דאָס האָט איהם נאָך ערגער נעקרענקט, און ער האָט זיך ענטשלאָסען איין מאָל פאַר אַלע מאָל בעקאַנטשאַפט צו שליסען מיט איהם און אין עטליכע טעג ארום איז ער צוגעפאָהרען אין זעהר אַ שענער קאַרעטע מיט גרויס קוראַזש צו אַ קליין אָרעם שטיבעל, און האָט געטראָפען פעלד־מאַנען ביי׳ם טיש פערוואָרפען מיט ביכער און מיט פּאַפּירען, אַז מע האָט קוים ארויסגעזעהען זיין הויכען שטערן, די גרויע אויגען מיט זיין אויסגעטריקענט אויסגעדאַרט געזיכט. אַז פעלדמאַן האָט דערזעהן דעם גאַסט, האָט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפּען אַזאַ זיסער ליעבליכער שמייכעל, אַז מאיר׳על האָט זיך פערוואונדערט. ער

האָט זיך אָפּגערעקאָמאַנדירט. פעלדמאַן איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם טיש און האָט איהם מיט דעם זעלבען פריינדליכען שמייכעל געזאָגט:

— אַך, זעהר אַנגענעהם! איך געדענק אייער נאָמען, עס פרייעט מיך זעהר, וואָס איך האָב די עהרע אייך צו זעהען ביי זיך אין מיין נאָרע; זיצט, איך בעט אייך, זיצט ביי אונז... טייבעלע, קום נאָר אַהער!...

ביי דער זייט האָט זיך אויפגעעפענט אַ קליין וויים טהירעל, און אויף דער שוועל האָט זיך בעוויזען אַ קליין מיידעל פון אַ יאָהר פופצעהן און האָט אַ קוק געטהאָן אויף פעלדמאַנען, דערנאָך אויף דעם גאַסט, און איז צוגעגאַנגען צום טיש.

— עס וועט באַלד זיין טיי? — האָט זי פעלדמאַן אַ פרעג געטהאָן.

— די רגע! — האָט טייבעלע אַ וואַרף געטהאָן מיט איהרע שענע האָר און איז אַוועקגעלאָפען צוריק אין דעם אַנדערען צימער. פעלדמאַן האָט זיך געזעצט נעבען דעם גאַסט און האָט איהם געפרעגט: מיט וואָס קאָן ער איהם דיענען? מאיר׳על האָט איהם דערצעהלט אַלץ, וואָס ביי איהם אויפ׳ן הארצען האָט זיך אָנגע־קליבען, זינט ער האָט איהם געזעהען ביי זיך. מאיר׳על האָט זיך געפיהלט היימיש מיט פעלדמאַנען, און האָט איהם דערצעהלט, וואָס פאַר אַ שנאה ער האָט אויף איהם געטראָגען ביי זיך אין הארצען ביז היינטיגען טאָג. פעלדמאַן האָט זיך צעלאַכט און האָט איהם געזאָגט:

— איהר זענט נאָך גאָר ווילד, מיין ליעבער גאַסט. איך וואָלט געהרען געזעהען די חיות, מיט וועלכע איהר זענט ערצויגען גע־וואָרען!...

טייבעלע האָט דערווייל אַריינגעטראָגען גלעזער מיט דעם סאַמאָוואַר און האָט פערקאָכט טיי. פעלדמאַן האָט אויסגעפרעגט ביי מאיר׳לען, ווי אַזוי ער לעבט, וואָס ער לערענט, ווער עס זענען

זיינע לעהרער, און צי איז ער צופריעדען. מאיר׳על האָט איהם איבערגעגעבען וואָס ער האָט געוואוסט, און פעלדמאַן האָט איהם אויסגעהערט מיט דעם זעלבען ליעבליכען שמייכעלע, ערטערווייז האָט ער איהם איבערגעשלאָגען מיט זיינע פראגען, און טייבעלע האָט דערווייל אָנגעגאָסען טיי. זי האָט זיך געזעצט אקעגען דעם גאַסט און האָט זיך אויף איהם לאַנג פערטראַכט. פעלדמאַן האָט איהם אויסגעהערט ביז׳ן סוף, און נאָך דער טיי האָט ער איהם אזוי געזאָגט:

— אויב איהר ווילט מיט מיר בעקאַנט זיין, בעט איך אייך מיר מוחל זיין, וואָס איך רעד מיט אייך אויפריכטיג; איהר זענט געוואָהנט געוואָרען, אז אייערע לעהרערס, וואָס האָבען גע־לעבט פון אייך, זאָלען אייך חנפ׳ענען. זיי האָבען אייך געזאָגט, אז איהר ווייסט שוין און קענט שוין אַלץ, חאָטש אין אמת׳ען זענט איהר נאָך א קינד. אייער מוטער וויל, איהר זאָלט זיין א אידישער „מושלם”, דאָס הייסט, א אידישער ענציקלאָפּעדיסט, מיט פיעל רוסישע, דייטשע, פראַנצויזישע ווערטער, נאָר אָהן וויסענשאַפט. געלייענט האָט איהר נאָך גאָר ניט. אויסגעוואַכ־סען זענט איהר אויף גרוים ראָסקאָש, און אויף אייערע ערציהער האָט איהר געקוקט ווי אויף ניאַנקעס, משרתים. די אַלע מענשען, מיט וועלכע איהר זענט אויפגעוואַכסען, נעמען־אראָפּ פאַר אייך דאָס היטעל, און יעדער ווייזט אויף אייך מיט די פינגער: „אָט געהט דער יונגער מיליאָנער!” איהר זענט אויפגעוואַכסען, ווי א נעבלאָזענער פּרינץ, נאָך דעם פאַלשען אריסטאָקראַטישען סיס־טעם, און איהר האָט געמיינט, אז די אַלע מענשען, וואָס איהר זעהט, דרעהען זיך ארום אויף דער וועלט נאָר צוליעב אייך...

מאָריצען איז פעלדמאַנ׳ס רעדע אפילו ניט געפעלען, נאָר ער האָט זיך ניט ווילענדיג צוגעהערט צו זיינע ווערטער, וועלכע האָ־בען זיך ווי געגאָסען און זענען געוועזען אין אזא טאָן, אז ער האָט זיך ניט געקאָנט בעלעדיגען פון זיי. פעלדמאַן האָט פיינט גע־האַט אין זיין רעדען אריינצומישען הויכע ווערטער. זיין לשון איז

געווען איינפאך, נאר געגאנגען גלייך אין הארצען, מיט א זעלטע־נער הארמאָניע; אז פעלדמאַן האָט נאָר אָנגעהויבען צו רעדען, האָט זיך געגלוסט הערען און הערען אָהן א שיעור... אז מאָריץ איז ארויסגעגאנגען פון פעלדמאַנען, האָט ער געפיהלט אין האר־צען עפּיס א נייע אומבעקאנטע ליכטיגקייט און ווארעמקייט, און ער איז געקומען אהיים אזוי פריילידּ, לעבעדיג, אז גאָלדע האָט איהם ארומגעהאפּט קושען, און זיין לאָקיי האָט אויף איהם פערוואונ־דערט געקוקט, וואָס ער געהט ארום ביי זיך אין קאבינעט און זינגט... אויף מאָרגען איז ער ווידער אוועקגעגאנגען צו פעלד־מאַנען, און פון דעמאָלט אָן האָט מען שוין געזעהען מאָריצען אַלע טאָג געהן פון דאָרט מיט א בוך; אָפטמאָל האָט מען איהם צו־זאמען מיט פעלדמאַנען געזעהען שפּאַציערען אין גאָרטען. גאָלדע איז ניט צופריעדען געווען פון דעם, וואָס ער האָט זיך אזוי פלייסיג גענומען „צו די ביכלעך“, ביי וועלכע ער פלעגט אויסזיצען גאנצע נעכט, און פון דעם, וואָס ער פלעגט גאנצע טעג פערברענגען מיט דעם אָרעמען לעהרער... איינמאָל איז ער נעפאַלען גאָלדען אויף דעם האַלז:

— מאַמוניו! איך וויל ברענגען פעלדמאַנען! אַט וועסט דו אליין זעהען, וואָס דאָס איז פאר א מענש...

עס פערשטעהט זיך, אז גאָלדע האָט אויף איהם גאָרניט ארויסגעזעהען „קיין פייגעלעך“, ווי זי האָט נאָכדעם געזאָגט. דאָס האָט אָבער מאָריצען ניט געשטעהרט, ער זאָל זיין ביי פעלד־מאַנען טאָג ווי נאַכט. פעלדמאַן האָט איהם ליעב געקריגען פאר זיין פעהיגקייט און פאר זיין ווייכען גוטען כאראקטער, און האָט איהם אזוי צוגעבונדען צו זיך, אז מאָריץ האָט איהם אלסדינג פערטרויעט, און האָט קיין זאַך ניט געטהאָן און ניט געקלעהרט, ביז ער האָט פריהער איהם ניט דערצעהלט. איינמאָל איז פעלד־מאַן שלאָף געוואָרען; מאָריץ האָט געשיקט זאָגען דער מוטער, אז מע זאָל אויף איהם ניט ווארטען, ער וועט נעכטיגען ביי דעם לעהרער, און האָט זיך געזעצט ביי דעם בעט, וואו מיכאיל איז

געלעגען, און האָט איהם מיט גרוים געטריישאַפּט צוגעלעגט קאַל־טע קאָמפּרעסען צום קאָפּ.

טייבעלע איז אויך געזעסען און האָט זיך געביטען מיט מאַ־ריצען. גאָלדע האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען און איז גע־קומען זייגער צוועלף ביינאַכט זעהען, וואָס טהוט דאָ מאַיר'על אַזוי שפּעט. זי האָט געטראָפען מאָריצען מיט טייבעלען זיצען ביי'ם בעטעל, אין וועלכען פעלדמאַן איז געלעגען אין גרוים היץ. זי איז אריינגעקומען מיט אַ ליאַרעם, ווי זי איז געוואָהנט גע־וואָרען. זיי ביידע האָבען איהר געוויזען מיט דעם פינגער, אַז זי זאָל הויך ניט רעדען. זי איז צוגעגאַנגען צום בעט און האָט זיך איינגעבויגען צום קראַנקען. דאָס הארץ האָט זיך איהר אַ וואָרף געטהאָן פאַר רחמנות: ער איז געווען בלאַס, געלבליך, מיט דאַרע געלע הענד, ווי ביי אַ טוידטען, נאָר אויף זיינע ליפּען האָט געשפּיעלט אַ שוואַך שמייכעל. גאָלדע האָט בעטראַכט דאָס קליינע שטיבעל מיט דעם אָרעמען מעבעל, וועלכעס איז אפילו גאַנץ ריין געווען; זי האָט אַ קוק געטהאָן, ווי די קינדער (מאָריץ מיט טייבעלען) זיצען אַזוי ערנסט נעבען דעם חולה, איז זי צו־געגאַנגען צו טייבעלען, האָט זי ארומגענומען און האָט איהר אַ קוש געטהאָן אין קאָפּ. דער חולה האָט זיך איבערגעוואָרפען, האָט אויפגעעפענט די אויגען און האָט דערזעהען אַ פרעמדע פרוי ביי זיך, איז ער אביסעל צעמישט געוואָרען. מאָריץ האָט דאָס פערשטאַנען, האָט זיך צו איהם אָנגעבויגען און האָט געזאָגט, אַז דאָס איז זיין מוטער.

— אפשר וואָלט איך געשיקט צו מיין דאָקטאָר? ער וועט באַלד קומען. — האָט איהם גאָלדע געזאָגט פערזאָרגט.

— אַ דאַנק. — האָט איהר פעלדמאַן געענטפערט. — אַ בי־סעל בין איך אַליין אַ דאָקטאָר, און אביסעל פערלאָז איך זיך אויף דער נאַטור: זי דאַרף אַליין איבערארבייטען.

גאָלדע איז פאַר'ן אוועקגאַנג צוגעגאַנגען צו טייבעלען און האָט איהר נאָך אַ מאָל אַ קוש געטהאָן. מאָריצ'ס מיט טייבעלע'ס

אוינגען האָבען זיך בעגנעגנט, און זיי זענען ביידע רויט געוואָרען.
אז מיכאַילען איז גרינגער געוואָרען, זענען זיי זיך צעגאַנגען — מאָ־
ריץ איז אוועק אהיים, און טייבעלע צו זיך אין איהר צימער — יע־
דער מיט זיינע געפיהלען אין הארצען... מאָריץ איז געקומען אהיים,
און האָט זיך באַלד געלעגט שלאָפען. עס האָט זיך איהם גע׳־
חלומ׳ט, אז ער ליגט אין בעט, און טייבעלע האָט זיך איינגע־
בויגען צו איהם, און מיט איהרע שווארצע געקרייזעלטע האָר האָט
זי אָנגעריהרט זיין געזיכט, און איהרע שענע שווארצע אויגען
קוקען אויף איהם אזוי טרויעריג, אז עס גלוסט זיך צו וויינען...
טייבעלען האָט זיך אויך גע׳חלומ׳ט, נאָר אויף איין אנדערען
אופן: עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז מאָריץ האַלט זי
שטארק מיט זיינע ווייכע ווייסע הענד, און זיי דרעהען זיך ביידע
אין א גרויסען זאַל אָהן א שיעור. זי וויל איהם האַפּען ביי דעם
קאָפּ און געבען א קוש אין זיין שענעם ליכטיגען שטערן, רייסט
ער זיך אויס און לויפט אוועק ווייט־ווייט! און קומט ווידער,
און נעמט זי ארום אין זיינע אָרעמס און רייסט זיך ווידער אויס
און לויפט אוועק...

IV

ווער איז געווען טייבעלע?

געבוירען פון אָרעמע, אָרעמע עלטערען. איהר פאָטער איז
געווען א בעל־מלאכה, א שניידער. איין עהרליכער. נאָר איין
אָרעמער. אז טייבעלע איז אַלט געווען פינף יאָהר, פלעגט זי זיין
איין עדות פון גאַנץ פיינע סצענעס: איהר מוטער איז געווען
נאָר א יונגע און זעהר א שען ווייבעל פון א יאָהר פיער און
צוואַנציג; זי איז געווען ביי „יאָסעל דעם קרומען" (אזוי האָט
מען גערופען טייבעלע׳ס פאָטער) דאָס צווייטע ווייב. זי האָט
איהם ניט ליעב געהאַט און געטריבען אין דער ערד אריין; ער

האָט געהאָרעוועט ווי איין אייזעל טאָג ווי נאַכט, און זי האָט געלעבט ווי גאָט אין אדעם: גענעסען און געטרונקען, און איהם פלעגט זי פערשטאָפּען דאָס מויל מיט אַ שטיקעל ברויט און מיט אַ שיסעלע קוליש פון פּאַסאָלים. זיינע ארבייטער פלעגען איהר טראָגען שטילערהייד נים מיט קאָנפעקטען, און די נאָהענטע שכנות האָבען אויף איהר אונטערגערעדט... דעם מאַן פלעגט זי רופען „קרומער הונט", און קיין קללות האָבען זיך ביי איהר קיינמאָל נים אויסגעלאָזט; יאָסעל פלעגט איהר אָבער נים ענט־פערען. אז זי פלעגט זיך נוט צעשעלטען, פלעגט ער זינגען שטיקלעך פון „כתר", פון „הלל", פון „ויאתיו", מיט זעהר אַ טרויעריג קול, וועלכעס טייבעלע האָט ליעב געהאַט צו הערען. די נאָדעל פלעגט דעמאָלט פליהען גאַנץ הויך, און אין זיינע שוואַר־צע גרויסע אויגען פלעגט גלאַנצען אַ טרער... עס איז געווען שווער איהם אין כעס אריינצוברענגען. נאָר איין מאָל אויף איהר לעבען געדענקט טייבעלע אזאַ סצענע: עס איז געוועזען „וויבאָ־רעס" אין דער „צעהאָוואַי אופּראַווע", יאָסעל האָט זיך עפּיס פּער־זאַמט און איז געקומען אַהיים אַ ביסעל פערשמאַכט...

— שיכור'ניק!! — איז אויף איהם אָנגעפאַלען יענטעל (אזוי האָט מען גערופען טייבעלע'ס מוטער). — אַ שיכור דאַרפסט דו נאָך זיין?! אָך און וועה איז מיינע יונגע יאָהר און טעג!...

זי האָט איהם לאַנג געשאָלטען און האָט איהם געוואָרפען די זיפ מיט קלייען אין קאָפּ אריין. יאָסעל האָט געהאַט שוואַרצע געקרייזעלטע האָר. די קלייען האָבען איהם געמאַכט ווי אַ שד. יענטעל האָט זיך צעלאַכט און האָט צונויפגערופען די ארבייטער און טייבעלען, זי זאָל אָנשפּייען דעם טאַטען אין פּנים. טייבעלע האָט נאָך נים אויסגעיעט צו־לויפען צום טיש, איז שוין יאָסעל געשטאַנען מיט אויפגעהויבענע קולאַקעס; זיינע אויגען זענען געווען אָנגעגאָסען מיט בלוט, זיין פּנים איז געוועזען שרעקליך; ער וואָלט געקאָנט צערייסען יענטלען אויף שטיקלעך, ווען טייבעלע זאָל נים געווען אונטערפאַלען אונטער זיינע פיס מיט אַ געוויין.

יאָסעל איז געבליבען שטעהן אויף א מינוט שטיל. נאָכדעם האָט ער זיך געחאפּט מיטביידע הענד פאר די פאות מיט דער באָרד און האָט זיך אויסגעריסען צוויי זשמעניס האָר... שפּעטער מיט א פערטעל שעה איז טייבעלע געלעגען אין בעט פערחליפּעט, יענטעל איז געזעסען אין א ווינקעלע, אָנגעשפּאַרט אויף צוויי פינ־גער פון דער לינקער האנד, און האָט געשאָלטען אויף דעם אלטען שטיינער, און יאָסעל איז געשטאנען איינגעבויגען איבער'ן קינד'ס קאָפּ. אין די אויגען זענען איהם געווען טרערען.

פונקט אין אזא פּאָזע געדענקט טייבעלע איהר אָרעמען פאָ־טער, ווען איהר מוטער איז געווען געפעהרליך שלאָף, א האלבע שעה פאר דעם טוידט. עס איז געווען א קאלטער ווינטער־טאָג; יאָסעל האָט נאָר־וואָס אריינגעטראָגען צוויי שייטלעך האָלץ און האָט גענומען איינהייצען דעם אויווען; זיין געקרייזעלטע באָרד און פאות זענען געווען אָנגעפילט מיט פעדערען; דאָס פּנים איז איהם געווען אויסגעצויגען, די אויגען רויט; ער איז ארומגעלאָפען אהין און אהער מיט דעם פינגערהוט אויף דעם אויסגעבויגענעם פינגער און האָט געשלונגען די טרערען. טייבעלע איז געזעסען אויף דעם אויוועל און האָט געקוקט אראָפּ, ווי ער איז צוגעגאנגען צו דער מוטער און האָט זיך אָנגעבויגען צו איהר. יענטעל האָט קוים אויפגעהויבען די האנד און האָט א מאך געטהאָן ארויף. יאָסעל איז אָפּגעטרעטען אביסעל ווייטער. זי האָט איהם עטליכע מאָל געוויזען מיט דער האנד ארויף... זי האָט, אפּנים, געוואָלט, ער זאָל איהר צוטראָגען דאָס קינד פאר איהר טוידט. יאָסעל האָט ניט פערשטאנען וואָס זי מיינט. יענטעל האָט א מאך גע־טהאָן מיט דער האנד, האָט נאָך א מאָל א קוק געטהאָן ארויף, האָט זיך איבערגעקעהרט אויף דער אנדערער זייט, און איז... אויסגעגאנגען. יאָסעל האָט זיך לאנג ניט געמוטשעט אויף דער וועלט: ער האָט פאר צרות אָנגעהויבען טרינקען, האָט אָפּגע־לעבט צוויי יאָהר, און איז געשטאָרבען.

V

טייבעלע איז געבליבען עלענד ווי א שטיין. זי איז אלט גע־וועז נייען יאָהר, און האָט זיך ארומגעוואלגערט איבער דער שטאָדט, ביז פּעסי די מעקלערין האָט איהר געפונען איין אָרט ביי צירעלע דער פאריקמאכערין. צירעלע איז געוועזען זעהר א פיין ווייבעל, א גרושה, אָהן קינדער, און האָט זיך פערדיענט איהר שטיקעל ברויט, ניט אזוי פון דער ארבייט, ווי פון אנדערע ספעקולאציעס... אונ־זערע לעזער מיינען, אז צירעלע איז געוועזען א סוחר, אָדער זי פלעגט פערלייהען געלד אויף משכונות? חלילה! צירעלע איז געוועזען א ווייבעל א גאנץ סאָלידנע. ביי איהר האָבען זיך שטענדיג געפונען עטליכע יונגע מיידלעך יתומות. זי פלעגט זיי אויסהאלטען און זעהר שען קליידען, און אז זיי פלעגען אלט ווערען פופצעהן־זעכ־צעהן יאָהר פלעגט זי אָנהויבען מיט זיי שפּאציערען אין גאָרטען און ווייזען זיי דער וועלט... צירעלע איז בעקאנט געוועזען מיט פיעל יונגע לייט פון דער שטאָדט און אויך מיט אלע פּריצים. אונזערע לעזער מיינען, אז צירעלע איז געוועזען א הולטייקע — חס ושלום! איהר דאַווענען, איהר ראש־חודש בענשען, איהר קנייטלעך לעגען, איהר תחינות זאָגען האָבען געהאט א שם! פערקעהרט, זי פלעגט נאָך זאָגען, אז א י ה ר מעג טאקי גאָט־ברוך־הוא העלפען פאר איהר חסד, וואָס זי טהוט מיט די אָרעמע יתומות... טייבעלע איז אָפּגעוועזען פיער יאָהר ביי צירעלען. זי האָט זיך אָנגעזעהען גאנץ שענע זאכען, וואָס האָבען זיך אָפּגעטהאָן מיט איהרע עלטערע חברת'עס, פון וועלכע מיר ווילען אונזערע לעזער בעפרייען... זי איז אלט געוואָרען דרייצעהן יאָהר און איז געוועזען שען, ווי דער זומער־טאָג. צירעלע האָט זיך געשפּיעגעלט אין איהר. זי האָט זי ניט אָפּגעלאָזט פון די אויגען און פלעגט זי רופען „טאָכטער", און האָט זי אויסגעקליידט ווי א גרעפין. טייבעלע איז געוועזען צו־פריעדען מיט צירעלע'ס בעהאנדלונג. נאָר איין זאך האָט זי ניט

געקאָנט איבערטראָגן: אויסהערען די קאָמפּלימענטען פון די פרעמדע יונגע לייט, וואָס פלעגן זיך צונויפקלייבן ביי צירעלען אַלע טאָג.

ווער זענען די יונגע לייט, וואָס פערברענגען ביי איהר די צייט?... און ווער איז דער יונגערמאַן, וואָס וואָהנט דאָ אויף דעם הויף, אין דעם קליינעם שטיבעל, און געהט אַלע טאָג אוועק אויף עטליכע שעה און קומט צוריק צו אַ געוויסער צייט אהיים, און זיצט אַמאָל אַ גאַנצע נאַכט איבער ביכער? פאַר וואָס געהט ער אויך ניט צו צירעלען צו־גאַסט, גלייך מיט יענע יונגע לייט? מע דאַרף פרעגן ביי צירעלען. צירעלע האָט איהר געזאָגט, אַז דאָס איז עפּיס אַ שלים־מזל, איין אָרעמער לעהרער. ער הייסט פעלדמאַן. זי האַלט ניט פון אַזעלכע יונגע לייט: זי האָט ליעב שענע, רייכע, פריילבע, קלוגע...

פעלדמאַן האָט עטליכע מאָל בעמערקט טייבעלען ארומגעהן איבער דעם הויף איינע אליין. פעלדמאַן האָט געוואוסט, ווער צי־רעלע איז, און וואָס פאַר מענשען עס געהען צו איהר... איינמאָל איז פעלדמאַן אהיימגעקומען שפּעט פון די שטונדען און האָט גע־טראָפען טייבעלען אריינקוקען צו איהם אין פענסטער. טייבעלע האָט זיך אביסעל דערשראָקען, וואָס ער האָט זי אַזוי געטראָפען. עס האָט זיך צווישען זיי אָנגעהויבען אַזאַ געשפּרעך:

— איהר האָט אריינגעקוקט צו מיר אין מיין חדר?

— יאָ... איהר זענט היינט אַזוי שפּעט אהיים געקומען...

זיי זענען עטליכע מינוט געשטאַנען שטיל און נאָר געקוקט איינער אויף דעם אַנדערען און זיך געמאָסטען מיט די אויגען. ענדליך האָט זי פעלדמאַן אַ פרעג געטהאָן:

— איהר זענט שוין לאַנג ביי צירעלען?

— איהר קענט זי? — האָט איהם טייבעלע פערוואונדערט געפרעגט.

— איך האָב געהערט פון איהר.

— פאַר וואָס נעהט איהר קיינמאָל ניט אַריין צו אונז, ווי יענע יונגע לייט? — טייבעלע האָט זיך אויסגעדרעהט צו צירע־לע'ס הויז און האָט איהם געוויזען מיט דעם פינגער אויף דעם פענסטער, וואָס איז געווען שטאַרק באַלייכט.

— איהר ווילט, איך זאָל אויך גערן אַהין? — האָט זי פעלד־מאַן געפרעגט האַלב לאַכענדיג.

— הא? ניין! איך פרעג, פאַר וואָס איהר געהט ניט אַהין?

— פאַר וואָס איך געה ניט? קיין רעכטער מענש געהט ניט צו צירעלען... — פעלדמאַן האָט זיך פערכאַפּט. — איך בין זעהר אַ פערנומענער מענש און האָב קיין צייט ניט.

טייבעלע האָט זיך אַביסעל פערטראַכט.

— פאַר וואָס־זשע זענען י ע נ ע ניט פערנומען? פאַר וואָס האָבען זיי יאָ צייט? זיי זענען דען ניט קיין רעכטע מענ־שען?...

פעלדמאַן האָט ניט באַלד געענטפערט.

— זיי האָבען ניט וואָס צו טהון, זיי זענען לעדיגגעהער, פוסטע לייט, נידעריגע מענשען, זיי האָבען געלד און האָרעווען ניט דערויף, זיי מוזען ערגיץ פערברענגען די צייט, כדי זיי זאָלען ניט משוגע ווערען פאַר ראַסקאָש.

— איך האָב אויך געטראַכט דאָס זעלבע, — האָט טייבעלע געזאָגט און איז צוגעגאַנגען נעהענטער צו פעלדמאַנען, — נאָר צי־רעלע זאָגט, אַז דאָס זענען די פיינסטע יונגע לייט אין שטאָדט, און לויבט זיי גאָר אָהן אַ שיעור... אָט פון אייך לאַכט זי דוקא: איהר זענט איהר ניט געפעלען...

זיי האָבען זיך ביידע צעלאַכט.

— איהר זענט שוין לאַנג ביי איהר? — האָט פעלדמאַן וויע־דער געפרעגט.

— שוין פיער יאָהר.

— איהר זענט צופריעדען?

טייבעלע האָט ניט געענטפערט אויף זיין פראַגע און האָט נאָר א וואָרף געטהאָן מיט איהרע שווארצע געקרייזעלטע האָר, און איהרע גרויסע שווארצע אויגען זענען געבליבען פערטראַכט.

— איהר קלערט דאָרט לאַנג צו בלייבען? — האָט זי פעלדמאַן ווייטער געפרעגט.

טייבעלע איז געשטאַנען אין דער זעלביגער פּאָזע און האָט איהם שטיל געענטפערט:

— איך קלער שוין אליין גאַנץ לאַנג דעריבער און קאָן גאָר ניט צו־קלערען... קיין עלטערען האָב איך ניט, קיין פריינד אויך ניט — און אַז איך דערמאָן זיך, וואָס מיט מיין עלטערער חברת'ע האָט זיך אויסגעלאָזט!... זי איז ניט לאַנג געקומען צו אונז א צע'הרג'עטע, א פערשוואָלענע, הונגעריג ווי א הונד... מיר האָבען זי קוים דערקענט!... צירעלע האָט זי צוריק ניט געוואָלט צונעמען. איך האָב זי געבעטען, מיר האָבעןביידע געוויינט פאר איהר, און זי וויל ניט און וויל ניט!... מיר האָט זי שטילערהייד געזאָגט, איך זאָל אוועק פון דאַנען, וואָרום עס קאָן מיט מיר אויך זיין אַזאַ סוף, ווי מיט איהר... זי האָט זיך מיט מיר געזעגענט און האָט אַזוי געוויינט...

פון טייבעלע'ס שענע אויגען האָבען זיך מיט א מאָל א גאָס געטהאָן טרערען. פעלדמאַן איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנד. טייבעלע האָט זיך אויסגעריסען און איז אַנטלאָפען.

פון יענעם טאָג אָן האָט זי פעלדמאַן ניט געזעהען א וואָך צווי. ער האָט גערעכענט, אַז זי איז אַנטלאָפען פון צירעלען; נאָר ווי גרויס איז געווען זיין פערוואונדערונג, אַז ער איז איינמאָל געקומען אהיים און האָט געטראָפען די טהיר פון זיין שטיבעל אָפענגעשלאָסען און טייבעלע איז געזעסען ביי'ם טיש און האָט געקוקט אין א בוך! אַז זי האָט איהם דערזעהן, האָט זי געשווינד צוגעמאַכט דאָס בוך, איז אויפגעשטאַנען און איז געבליבען פערשעמט, ווי

א קליין קינד, וואָס האָט זיך אריינגעכאַפּט אין קעמערעל, וואו די עפּעל מיט די באַרען ליגען, און פּלוצים איז אָנגעקומען די מוטער...

— איך האָב געוואַרט אויף אייך א פּאָר שעה, — האָט זיך טייבעלע פערענטפערט — און האָב געזעהען, אז איהר קומט ניט, האָב איך גענומען דעם שליסעל (איך האָב געזעהען וואו איהר בעהאַלט איהם) און בין אריינגעגאַנגען צו אייך און זיץ שוין דאָ לאַנג. איך האָב דערווייל געזעהען אייערע ביכער; מיין עלטערע חברת'טע, פון וועלכער איך האָב אייך דערצעהלט, האָט מיך אויסגעלעהרענט לייענען רוסיש. איך בעט אייך, איהר זאָלט זיך אויף מיר ניט בייזערען. איך בין געקומען צו אייך פרעגען איין עצה...

פעלדמאַן איז געשטאַנען און האָט בעטראַכט דאָס יונגע אומגליקליכע מיידעל; איהרע שענע אויגען זענען געווען רויטליך, ווי ביי א מענשען, וואָס דערשלאָפט ניט א נאַכט, פון איהר שען ווייס געזיכט איז געווען צו זעהען, אז עס איז איהר ביטער אויפ'ן האַרצען. פעלדמאַן האָט איהר צוגעטראָגען א בענקעל און האָט זי געבעטען זיצען.

— זאָגט, איך וועל אייך העלפען מיט וואָס און וויפיעל איך קאָן.

טייבעלע האָט זיך געזעצט און האָט אָנגעשפּאַרט איהר קאָפּ אויף דער רעכטער האַנד, מיט דער לינקער האָט זי געבלעטערט דאָס בוך, וואָס זי האָט פריהער אוועקגעלעגט, די אויגען מיט די לאַנגע ברעמען האָט זי אראָפּגעלאָזט, און אויף איהרע קליינע רויטע ליפּען האָט געשפּיעלט א ביטער שמייכעלע.

— איך קאָן מעהר ניט זיין ביי צירעלען... איך...

— איהר קאָנט דען ניט אוועקגעהן פון איהר? — האָט זי פעלדמאַן איבערגעשלאָגען. — זי האָט אייך דען געקויפט? זאָגט איהר, אז איהר ווילט מעהר ניט זיין ביי איהר — און גענוג.

טייבעלע האָט אויפגעהויבען די אויגען אויף פעלדמאַנען.

— איך בין ארויסגעגאַנגען היינט פון צירעלע'ס הויז, און מיין פוס וועט שוין דאָרט ניט זיין אזוי לאַנג ווי איך וועל לעבען!...

ביי די ווערטער האָט איהר די אויבערשטע ליפּ א ציטער געַ־ טהאָן און איהר געזיכט האָט אויסגעוויזען בייז. פעלדמאַן האָט פון איהר ניט אראָפּגעלאָזט קיין אויג: אין איהרע ווערטער האָט ער געהערט א קול פון א מענשען, ניט ווי פון א קינד. ער האָט זיך בעטראַכט, אז עס איז גלייכער זי ניט צו פרעגען די אורזאַכע פון איהר בעשלוס. ער האָט איהר פאָרגעלעגט אלערליי פּלאַנען: אויב זי וויל, וועט ער איהר אָפּזוכען איין אָרט אויף צו לערנען זיך נעהען און ארבייטען, און אויב זי וויל, וועט ער זי לעהרנען לייענען און שרייבען, און אויב ער וועט זעהען, אז זי האָט דערצו א טאַ־ לאַנט, וועט ער זי אַליין לעהרנען וואָס מע דאַרף און וואָס ער קאָן. ער האָט איהר געגעבען צו פערשטעהן, אז דאָס איז גאָר ניט אזוי שווער, ווי זי מיינט; מע דאַרף נאָר האָבען געגוג געדולד. ער האָט איהר געזאָגט, אז אויב זי וויל, קאָן זי אפילו היינטיגען טאָג איבערבלייבען ביי איהם אין דעם צווייטען צימער בעזונדער, ביז זי וועט קאָנען אליין האָרעווען און זיך פערדיענען צום לעבען און וועט ניט דאַרפען אָנקומען צו קיינעם. פעלדמאַן האָט געקאָנט רעדען: ער האָט איהר געוויזען אביישפּיעל פון זיך אליין, און האָט איהר דערצעהלט, ווי עלענד און אומגליקליך ער איז געווען, אז מע האָט איהם ארויסגעטריבען פון זיין שטאָדט, ווי אזוי ער האָט בעדאַרפט געהן דאָס לעצטע מאָל צו רב נחמן פליאַסק בעטען ביי איהם אויף הוצאות, און ווי אזוי רב נחמן האָט איהם אויפגענו־ מען: פריהער איז ער ארויסגעגאַנגען אויף צוויי שעה, נאָכדעם איז ער אריינגעגאַנגען אין שטוב, האָט אָפּגעשווענקט די הענד, האָט פערגלאָצט די אויגען און מיט גרויס כוונה געזאָגט „אשר יצר"... ער האָט געהייסען פעלדמאַנען שטעהן אין הויז ביי דער טהיר, ביז ער וועט זיך איינאַנצען אָפּפּאַרטיגען, און ער האָט זיך געשטעלט דאַוונען, וועלכעס האָט אויך געדויערט צוויי שעה. נאָך דעם דאַוונען האָט ער געזאָגט א ביסעל זוהר, האָט געמאַכט א כוסה און האָט פערביסען מיט צוויי אָפּגעשיילטע אייער, גוט איינגעקאַטשעט אין זאַלץ. נאָכדעם האָט ער געהאַט א חשבון

מיט א פערוויינטער אלמנה, וועלכע האָט איהם געבראַכט, א חוץ דעם זילבער, וואָס איז שוין לאַנג געלעגען פערזעצט ביי איהם פאַר צוואַנציג רובעל, א זיידען קלייד, וואָס זי האָט געמאַכט איהר טאָכטער צו דער חתונה און האָט עס פערזעצט ביי איהם פאַר צעהן רובעל, דערצו האָט זי זיך אונטערגענומען פערצעהן וואָכען אויסצוצאָהלען צו צוויי רובעל מיט א פערטעלע יעדע וואָך, נאָך דער פרשה, און אז עס וועט געהען חוקת מיט בלק און מטות ומסעי צוזאמען, דאַרף זי יענע וואָכען צאָהלען דאָפּעלט צו 4.50, און די וואָכען דאַרפען זיך אלץ רעכענען איינציגע. פון די צעהן רובעל האָט ער דערווייל אראָפּגענומען פּראָצענט פאַר „יענער" וואָך, א חוץ פופציג קאָפּיקעס אויף „לחם־אביונים". די וויסטע אלמנה איז ארויסגעגאַנגען ווילד צופריעדען, און רב נחמן האָט זיך גע־זעצט עסען אליין, און פעלדמאַן איז אלץ געשטאַנען ביי דער טהיר, און האָט געהערט, ווי רב נחמן האָט געשאָלטען די קעכין, פאַר וואָס דאָס טייגעכץ איז אויסגעקומען אזוי לויז, און די פּאָלקע פון דעם עוף איז געווען א ביסעל איבערגעבראָטען... נאָכדעם האָט ער געבענשט אויפ'ן קול, און צו „ובנה ירושלים" האָט ער זיך צע־וויינט, ווי א קליין קינד. נאָך דעם בענשען האָט איהם דאָס ווייב אריינגעטראָגען צוויי געלע בארען מיט א פלאַם־פייעריגען ארבוז אָהן קערלעך; ער האָט איהם אויפגעגעסען אינגאַנצען, און האָט זיך צוגעלעגט אָפּרוהען וויעדער אויף א שעה צוויי. אז ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער זיך געוואַשען די הענד און אריינגערו־פען פעלדמאַנען צו זיך, און האָט איהם גענומען זאָגען מוסר, אז דער גיהנום מיט אלע זיינע שטראָף איז קאַרג פאַר אזא שייגעץ, וואָס האָט א העזה צו לייענען איטשע־בער'ס ביכלעך אין א מקום־קדוש, און האָט געוויזען מיט ראיות ברורות, אז געבען אזא הולטאַי א נדבה איז די גרעסטע עבירה, א סך ערגער ווי צו הרג'ענען א מענשען. דערמיט האָט ער איהם אָפּגעלאָזט אויף אלע פיער זייטען. נאָר אז פעלדמאַן איז פערביטערט ארויסגעגאַנגען פון שטוב, האָט רב נחמן א קרעכץ געטהאָן און האָט פערשריבען מיט רש"י־

כתב אין „צעטעל של הוצאה והכנסה״: אז דעם שייגעץ, ימח שמו, וואס מע האט ביי איהם געפונען דעם „אפס דמים״, איז ארויסגעגעבען געווארען פון לחם אביונים געלד 5 רו״כ על הוצאות הדרך...

פעלדמאן האט איהר דערצעהלט זיין גאנצע ביאגראפיע פון יענער צייט אן ביז ער איז אריין אין פינפטען קלאס ראבינער־שולע. ער האט ניט פערגעסען צו דערצעהלען די מעשה, וואס האט זיך מיט איהם געטראפען אין דער שטאדט „בלאטע״. ער האט געהאט א רעקאמענדאציע צו דעם גביר פון דער שטאדט „בלאטע״ — רב גרשון שפּרינגער, וועלכער האט איהם צוגענומען לעהרנען מיט זיין בן־זקנים פייטעל. רב גרשון שפרינגער איז רייך געווארען פון א קליינינקייט: ער האט אויסגעדרונגען עטליכע אידישע פאמיליעס די מיהלען, וואס דער גראף האט געהאט אין דער שטאדט, און זיי געהען נאך עד היום אין די הייזער, און אליין איז ער געווארען א גביר, האט געטהאן שארפע שידוכים און איז געווארען מיט חסידים א חסיד און מיט אריסטאקראטען איין אריסטאקראט — דאס וואס הייסט ביי אונז א מעורב עם הבריות. ער האט געקאנט אויסקומען מיט דער גאנצער וועלט, דאס הייסט, יעדען בעזונדער אפנארען. ער האט געוואלט בעקומען א נאמען אויף דער וועלט, פלעגט ער ארייִנשיקען פון דער אימעניע צעהן וועגען שטרוי אין „הקדש״ אריין, און זיין „אייגענער״ קאררעספאנדענט האט צעבלאזען אויף אלע גאזעטען, אז הגביר רב גרשון שפרינגער בעהייצט ווינטער אלע ארעמע לייט אין דער שטאדט „בלאטע״. און אז דער אנדערער גביר אין דער זעלביגער שטאדט האט בעדארפט שטארבען, און עס האט זיך איהם פארגלוסט דוקא אין גן־עדן אריין, האט ער איבערגעלאזט זיין גאנצען קאפּיטאל אויף עולמות מיט גמילות־חסדים מיט תלמוד־תורה, און האט געמאכט פאר איין אפּעקון, פערשטעהט זיך, רב גרשון שפרינגער, וועלכער האט דאס געלד פערטהאן וואו אהין ער האט געוואלט, און א „חשבון״, האט ער געזאגט, וועט ער

ווייזען, אם ירצה השם, אז משיח וועט קומען, וואָרום איצט איז ער שטאַרק פערנומען מיט זיינע אייגענע געשעפטען...

חאַטש רב גרשון איז געווען איין עם־הארץ און האָט קוים געקענט דאַווגען, נאָר „משכילים" האָט ער פיינט געהאַט בתכלית השנאה, און פלעגט זיי רופען „זשוליקעס", און „השכלה" האָט ביי איהם געהאַט אַ נאָמען — „קראַנצעפּאָליע" *...

זיין בן־זקונים פייטעל וואָלט בעדאַרפט געבאָרען ווערען גאָר אַ גרויסער חכם, האָט איהם דער מלאך געגעבען צו אַ שטאַרקע שנאָל אונטער דער נאָז, איז ער געוואָרען אַ טיפּש... ער איז אַלט געווען אַכצעהן יאָהר און האָט זיך געריבען צווישען די „משכילים", און דער גמרא־מלמד פלעגט איהם אַ מאָל פאַרשרייבען אַ קאָר־רעספּאָנדענציע אין אַ לשון־קודש־צייטונג, אויף וועלכער ער פלעגט שטעלען זיין נאָמען. אַז פעלדמאַן איז אָנגעקומען צו איהם פאַר אַ לעהרער, האָט ער זיך געפּרובט מיט איהם אויך מאַכען די זעלבע שווינדלערייען, האָט ער איהם אָפּגעזאָגט. פייטעל איז ברוגז געוואָרען און האָט איהם געזידעלט, געמאַכט מיט דער בלאָטע. פעלדמאַן האָט איהם מיט זיינע דאַרע הענד, אַזוי ווי מיט אַ צוואַנג, אָנגענומען ביי'ם נאָרגעל און האָט איהם אַרויס־געוואָרפען דורך דעם פענסטער... דערפאַר איז ער אָפּגעזעסען צוויי וואָכען אין פּאָליציע און איז קוים מיט דעם לעבען אַנטלאָפען פון דער שטאָדט „בלאָטע".

טייבעלע האָט מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט זיין ביאָ־גראַפיע, וועלכע פעלדמאַן האָט געקאָנט דערצעהלען און בעשענען מיט אָנעקדאָטען און משלים. ער האָט זי אויפגעקלערט, אַז אַ מענש קאָן פון זיך מאַכען וואָס ער וויל, און קיין שום שלעכטע

---

* מיר האבען געזוכט דאס ווארט „קראנצעפאליע" אין אלע נייע און אלטע ווערטערביכער און האבען אזא ווארט נישט געפונען; לכן בעטען מיר אונזערע לעזער, זיי זאלען איינ'חזר'ען דאס ווארט „קראנצעפאליע", וועט דאס אונז בלייבען לדור דור...

ד ע ר פ ע ר פ א ס ע ר.

אומשטענדען קאָנען איהם ניט שטעהרען צו זיין דער אָרענטליכ־סטער מאַן אויף דער וועלט, אבי ער קוקט נאָר אויף יעדער זאַך מיט אָפענע אויגען און מיט זיין אייגענעם שכל, מיט זיין אייגען געפיהל. ער מוז האָרעווען צו ווערען זעלבסטשטענדיג, צוליעב זיך און צוליעב דעם כלל מענשען.

טייבעלע האָט איהם אויך דערצעהלט אַלץ, וואָס איהר יונגער שכל האָט געקאָנט בעמערקען אין איהר לעבען. זי האָט איהם פערשיט מיט פראַגען: פאַר וואָס איז דאָס אָדער יענעס אַזוי און ניט אַנדערש? און אַז עס איז שוין גאַנץ שפּעט געוואָרען און מע האָט שוין בעדאַרפט געהן שלאָפען, האָט זי פעלדמאַן אַריינגעפיהרט אין דעם צווייטען צימער און האָט שוין געוואָלט אוועקגעהן צו זיך אין צימער, האָט איהם טייבעלע אָפּגעשטעלט און האָט איהם געגעבען איהר האַנד מיט די ווערטער:

— איהר זענט ניט אַזוי, ווי יענע יונגע לייט?... איהר זענט באמת איין אָרענטליכער מאַן?

פעלדמאַן האָט אַ קוק געטהאָן איהר אין די אויגען מיט אַ שמייכעל און האָט גאָרניט געענטפערט. טייבעלע האָט איהם די האַנד ניט אַרויסגעלאָזט און האָט איהם ווידער געפרעגט:

— איהר שווערט מיר ביי אייער לעבען?

— איך שווער ביי מיין לעבען!...

VI

די ערשטע צייט האָט טייבעלע געקוקט אויף פעלדמאַנען מיט צווייפעל: זי האָט ניט געוואוסט, צי זאָל זי איהם גלויבען, צי ניין. פעלדמאַן האָט דאָס פערשטאַנען, און טייבעלע האָט איהם אַמאָל אַליין געזאָגט, וואָס עס מוטשעט זי. פעלדמאַן האָט איהר דערויף געענטפערט, זי זאָל דאָס איבערגעבען דער צייט, וואָס קאָן אַלץ איבערמאַכען און אויסזאָגען דעם רעכטען אמת.

עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט: אין אַ האַלב יאָהר אַרום איז טייבעלע צו איהם צוגעבונדען געוואָרען, ווי אַ שוועסטער; זי האָט אַליין אַלץ געטהאָן אין שטוב: געקאָכט, געראַמט, גערעט געוואַשען, און נאָך אַזעלכע ארבייט. אין לערנען האָט טייבעלע בעוויזען אַזאַ פעהיגקייט, אַז פעלדמאַן האָט זיך געוואונדערט. ער האָט מיט איהר געלעהרענט עטליכע שעה אין טאָג; די איבער־ריגע צייט האָט זי געלעזען ביכער. פעלדמאַנען האָט זי ניט געלאָזט אָטהעמען: זי האָט אַלץ געוואָלט וויסען. עס איז פערגאַנגען נאָך אַ יאָהר. עס האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז מע האָט פעלדמאַנען גערופען צו אַ רייכען מאַן און מע האָט איהם פאָרגעלעגט אַ שטונדע געבען אַ קליין מיידעלע פון אַ יאָהר צעהן; פעלדמאַן איז אָבער געווען זעהר פערנומען, און האָט רעקאָמענדירט טייבעלען. טייבעלע האָט דאָרט אָנגענומען די לעקציע פאַר צוואַנציג רובעל אַ חודש און איז פאַר פרייד שיער ניט אַרויפגעפאַלען פעלדמאַנען אויף דעם האַלז:

— נו, מיכאיל, היינט בין איך כמעט אַזוי רייך ווי איהר; איך האָב שוין קיין מורא ניט, טאָמער וועט איהר מיך אַרויס־טרייבען...

יענעם אָבענד האָבען זיי לאַנג געפּלוידערט צוזאַמען. טייבעלע האָט זיך געמאַכט נאַריש, ווי אַ קליין קינד, און פעלדמאַן האָט אָנגעקוואָלען פון איהר, ווי אַ גליקליכער פאָטער. זיי האָבען אַזוי לאַנג גערעדט, ביז עס איז געקומען צו גאַנץ וויכטיגע זאַכען. טייבעלע האָט אויפגעהערט צו לאַכען און האָט פערטראַכט געהערט פעלדמאַנען, וועלכער האָט אין דעם אָבענד אויס־געגאָסען פאַר איהר אַלע זיינע געפיהלען. טייבעלע האָט איהם ניט רעכט פערשטאַנען און געבעטען, ער זאָל איהר זאָגען וואָס ער מיינט. פעלדמאַן האָט איהר צום ערשטען מאָל אין די צוויי יאָהר אויסגעזאָגט, אַז ער ליעבט זי מעהר פון אַלץ אויף דער וועלט!... טייבעלע איז רויט געוואָרען ווי אַ רויז; זי איז צו־געגאַנגען צו איהם, האָט גענומען זיין האַנד צו זיך אין די הענד,

האָט זיך איינגעבויגען צו איהם און האָט איהם לאַנג געקוקט אין די אויגען. פעלדמאַן האָט געפיהלט די וואַרימקייט פון איהרע קליינע גלאַטע הענטלעך, מיט דעם ריח פון איהרע האָר, וועלכע האָבען אָנגעריהרט זיין געזיכט. זיי האָבעןביידע קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, און אַזוי זענען זיי זיך צעגאַנגען אין זייערע צימער, ווי אַלע נאַכט. איבער טייבעלע'ס בעט איז געהאַנגען פעלדמאַנ'ס פּאָרטרעט; זי האָט איהם אַראָפּגענומען, האָט צוגע־שלאָסען די טהיר און האָט געקוקט אויף דעם בילד:

— אָ, טהייערער מיכאיל, דו ביזט זעהר אומעהרליך!...

אין דער נאַכט האָט טייבעלע געזעהען אַזאַ חלום:

א גרויסער, ברייטער, טיעפער גרוב, אָהן א גרונד; עס פליהען אַרום אין דער לופטען קליינע מענשעלעך, וואָס האָבען א פּנים פון שלאַנגען און יאָגען זיך איינע נאָך די אַנדערע. זי האָט דאָרט דערקענט צירעלען, וועלכע האָט זיך מיט צעשפּרייטע אָרעמס און מיט א שמייכעלע געקאַטשעט און געדרעהט אהין און אהער; אַרום איהר האָבען זיך אַרומגעדרעהט נאָך קלענערע מענ־שעלעך מיט פערשיעדענע פיזיאָגנאָמיען. זי האָט צווישען זיי דערקענט אייניגע יונגע לייט, וואָס פלעגען זיין פון צירעלע'ס געסט. אָן א זייט האָט זי דערזעהען איהר עלטערע חברת'ע, וועל־כע האָט אויף זיך געריסען די קליידער און געוויינט, געיאָמערט מיט א משונה קול. זי האָט אויפגעהויבען די אויגען, האָט זי דערזעהען פעלדמאַנען אַזוי גרויס און שען, אַז זי האָט שוין גאָר פערגעסען אָן די אַלע קליינע מענשעלעך; נאָר זיין געזיכט איז געווען אַזוי ווי מיט א וואָלקען בעדעקט; זיינע אויגען האָבען גע־קוקט אויף איהר מיט א געבעט, מיט רחמנות. זי האָט זיך גע־וואָלט אויפהויבען א ביסעל העכער, נאָר זי האָט ניט געקאָנט, גלייך ווי עמיצער וואָלט זי צוגעהאַלטען. זי האָט געפיהלט, אַז זי פאַלט אַלץ נידעריגער און נידעריגער...

אויף מאָרגען, אַז פעלדמאַן האָט זי דערזעהען, האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ביי טייבעלען זענען רויט די אויגען, גלייך

ווי זי וואָלט געווייגט אַ גאַנצע נאַכט. ער האָט זי געוואָלט פרעגען, וואָס דאָס בעדייט, נאָר ער האָט זי ניט געפרעגט. פון דעמאָלט אָן פלעגט טייבעלע זיין פערטראַכט און ווי פערזאָרגט, און פעלדמאַן האָט ניט געהאַט קיין געלעגענהייט אויפמישען דאָס אַלטע געשפּרעך. אַזוי איז איבערגעלאָפען נאָך אַ האַלב יאָהר. טייבעלע איז שוין אַלט געוואָרען פופצעהן־זעכצעהן יאָהר און איז געווען ווי אַ בלום, וואָס הויבט נאָר אָן צו בליהען.

אונזערע לעזער דאַרפען געדענקען, ווי אַזוי עס איז געשלאָ־סען געוואָרען די ערשטע בעקאַנטשאַפט צווישען מיכאַיל פעלדמאַן און מאַריץ זילבערמאַן. אויף דעם צווייטען טאָג האָט איהם פעלדמאַן פאָרגעשטעלט פאַר זיין שילערין טייבעלע זאַנענשיין, און אַזוי זענען די יונגע מענשען בעקאַנט געוואָרען. זיי פלעגען זיך זעהען אַלע טאָג, צוזאַמען לערנען, ביכער לייענען, אָפטמאָל זיך קריעגען איבער אַ בוך און געהן שפּאַציערען. עס איז איבער־געגאַנגען עטליכע מאָנאַט ביז דער צייט, וואָס פעלדמאַן איז שלאַף געלעגען און נאָלדע זילבערמאַן איז ביי איהם געוועזען. ער איז אָפּגעלעגען נאָך פינף טעג און איז אינגאַנצען געזונד גע־וואָרען. מאַריץ מיט טייבעלען זענען אַזוי פריילין געווען דער־פון, אַז זיי האָבען בעשלאָסען צו מאַכען מיכאַילען אַ סורפּריז (איבעררעשונג). עס איז געוועזען חודש מאַי. זיי האָבען אָנ־געקויפט פיעל בלומען און האָבען בעהאַנגען די ווענד פון זיין צימער. אַז פעלדמאַן איז אריינגעקומען, האָט ער זיי געדריקט די הענד און האָט זיי געדאַנקט פאַר זייער געטריישאַפט. דאָ האָבען זיך מאַריץ מיט טייבעלען ווידער בעגעגענט מיט די אויגען און זענען ווי רויט געוואָרען. פעלדמאַן האָט דאָס בע־מערקט און האָט זיך אַ ביסעל פערקלערט דערויף. דעם גאַנצען טאָג האָט ער ווייניג גערעדט און איז געווען פערטראַכט. טיי־בעלע האָט זיך צו איהם געטשעפּעט, וואָס איז מיט איהם; ער האָט איהר געזאָגט, אַז דער קאָפּ טהוט איהם אַ ביסעל וועה, און איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין צימער. מאַריץ האָט טייבעלען

נאָך קיין איינציג וואָרט געזאָגט פון זיינע נעפּיהלען צו איהר. איינמאָל זענען זיי נעזעסען אַזאַמען ביי'ם טיש און האָבען גע־וואָרט אויף פעלדמאַנען און האָבען ביידע געשוויגען. מאַריץ האָט עפּיס יאָ געוואָלט זאָגען, נאָר ער האָט זיך גיך פערהאַפּט און האָט אַ הוסט געטהאָן. פעלדמאַן איז נעקומען, און זיי זענען לעבעדיגער געוואָרען. נאָך דער לעקציע האָט זיך מאַריץ גע־קליבען אוועקצוגעהן און ביי'ם געזעגענען האָט טייבעלע דער־פיהלט אין דער האַנד אַ שטיקעל פּאַפּיער. מאַריץ איז אוועק־געגאַנגען, און טייבעלע איז געוואָרען בלאַס, דאָס האַרץ האָט איהר געקלאַפּט, ווי מיט אַ האַמער, די הענד האָבען איהר געציטערט. זי האָט דאָס צעטעלע אריינגעלעגט אין קעשענע און האָט גע־רעדט מיט פעלדמאַנען. פעלדמאַן האָט אָבער בעמערקט, אַז טייבעלע ענטפערט ניט צו דער זאַך, האָט ער אויף איהר פער־וואונדערט אַ קוק געטהאָן. דאָס נעזיכט האָט איהר געפלאַמט, ווי פייער. ער האָט איהר צוגעלעגט די האַנד צום שטערן: דער קאָפּ איז איהר נעווען הייס.

— טייבעלע! וואָס איז מיט דיר?!

— גאָרניט, כלעבען, גאָרניט... — האָט איהם טייבעלע גע־ענטפערט און איז אַרויסגעגאַנגען צו זיך אין צימער, האָט אַרויס־גענומען דאָס צעטעלע, וואָס מאַריץ האָט איהר איבערגעלאָזט, און האָט איבערגעלייענט די ווערטער:

„היינט, זיינער פינף, וועט איהר זיין אין שטאָדט־גאָרטען אונטער דעם עפּעלבוים. איך דאַרף אייך זאָגען זעהר אַ נויטיגע זאַך".

זיינער פיער, אַז פעלדמאַן איז נאָך געווען אויף די שטונדען, האָט זיך טייבעלע אָנגעטהאָן, האָט פערשלאָסען די שטוב און איז געשווינד אַרויסגעגאַנגען. אויף דער גאַס האָט זי זיך אַנידער־געשטעלט און האָט זיך אַ חאַפּ געטהאָן ביי'ם האַרץ, וועלכעס האָט ניט אויפגעהערט צו קלאַפּען... אַז זי איז אַריינגעקומען אין גאָרטען, איז זי באַלד צוגעגאַנגען צו דעם עפּעלבוים און האָט זיך

צוגעזעצט אויף דער באנק. די זון האט דורכגעשלאגען איהרע שטראהלען דורך די נעדריכטע צווייגען פון די בוימער, דער סאַ־לאַוועי האט געזונגען. טייבעלע האט ארויפגעקוקט אויף דעם בוים און האט בעמערקט, ווי צוויי פייגעלעך האבען זיך גע־שלאגען; זייער מלחמה האט זי אזוי שטארק פעראינטערעסירט, אז זי האט ניט געהערט, ווי מאריץ איז צוגעגאנגען צו איהר. ער איז געבליבען שטעהן און האט געקוקט אויף איהרע שווארצע געקרייזעלטע האר, וואס דאס ווינטעלע האט געשאקעלט; איהר הארץ האט זיך געהויבען ארויף און אראפ, און איהר מיט א וויים זעקעל בעדעקט קליין פיסעל האט ארויסגעשטארט פון דעם שווארצען קלייד און איז אראפגעהאנגען פון דער באנק. מאריץ האט מורא געהאט חאפען דעם אטהעם, ער זאל זי ניט אויפוועקען. עס איז אוועקגעגאנגען נאך צוויי מינוט. מאריץ האט שטילערהייד געזאגט:

— טייבעלע...

— אך! מאריץ?!... — האט זי זיך אויפגעחאפט און אין איין אויגענבליק איז זי שוין געשטאנען אויף די פיס. ווי אזוי דאס איז געווארען — געדענקען זיי ניט, נאר מאריץ האט גע־האלטען טייבעלען אין זיינע ארעמס און האט איהר ווי פער־טומעלט געזאגט:

— טהייערע, טהייערע טייבעלע! איך האב דיר שוין לאנג געוואלט זאגען, נאר איך האב מורא געהאט פאר דיינע שווארצע בייזע אויגען!...

און מיט די ווערטער האט ער צוגעדעקט מיט זיינע הייסע קושען איהרע אויגען, די ברעמען, דעם קאפ, די הענד... טייבעלע האט זיך ניט געפרובט אויסרייסען פון זיינע הענד; זי האט נאר געזאגט:

— שוין לאנג, טהייערער מאריץ?... זאג: שוין לאנג, שוין לאנג?...

VII

דריי טאָג איז טייבעלע נאָכדעם ארומגעגאנגען צעטראָגען. זי האָט געשיקט צו מאַריצען אזא צעטעלע:

„מיין טהייערער! וואַרט נאָך א טאָג און גייה ניט צו אונז: איך וויל ניט, איך קאָן ניט! איך וועל פערברענט ווערען פאַר שאנד, וואָס איך האָב גענאַרט אונזער איינציגען פריינד מיכאיל און האָב איהם נאָך ביז היינט ניט אויסגעזאָגט מיין גליק. היינט — מאָרגען וועל איך איהם דערצעהלען. וואַרט נאָך א טאָג, נאָך א טאָג, ביז איך וועל דיר שרייבען, דו זאָלסט קומען צו אונז. איך וויל דיך שוין זעהען!“...

אין יענעם אָבענד, זייגער צוועלף, אז פעלדמאַן האָט זיך שוין געקליבען לעגען שלאָפען, האָט איהם טייבעלע א קלאַפּ געטהאָן אין דער טהיר. ער האָט זיך שטאַרק פערוואונדערט אויף איהר שפּעטיגען וויזיט. טייבעלע האָט זיך צוגעזעצט אקעגען פעלדמאַנען מיט די ווערטער:

— מיכאיל, איך האָב אייך איצט א וויכטיגע זאַך צו זאָגען: מיין הארץ, וואָס איז ביז אהער פריי געוועזען, איז ניט לאַנג געוואָהר געוואָרען פון א נייעס...

פעלדמאַן האָט ברייט אויפגעעפענט די אויגען, און טייבעלע האָט ווייטער גערעדט, גלייך און ריין:

— איך האָב ביז אהער ניט געוואוסט, אז ליעבע איז אזוי שטאַרק, אז זי ווייסט ניט קיין גרעניץ, קיין שעמעוודיגקייט.

פעלדמאַן האָט געהערט נייע ווערטער פון איהר, און האָט זיך געקלערט: „דאָס איז זי געקומען אויפדעקען איהר הארץ פאַר מיר און אויסזאָגען, אז זי ליעבט מיך אויך, ווי איך זי, שוין אזוי לאַנג“...

— מיין בעסטער פריינד מיכאיל! איך מוז אייך אלץ דערצעהלען, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט די לעצטע טעג: איך האָב ליעב מאַריץ זילבערמאַן...

פעלדמאַן איז געוואָרען בלאַס, ווי די וואַנד, און האָט זיך געריבען איין האַנד אָן דער אַנדערער. ער האָט געוואָלט עפּיס זאָגען און האָט ניט געקאָנט... טייבעלע האָט דאָס געזעהען און האָט ווייטער גערעדט:

— איך ווייס, אַז דאָס זעהט ביי אייך אויס קרום... מאָריץ איז ניט מיין גלייכען: ער איז אַ פּרינץ... נאָר וואָס זאָל איך אָבער טהון מיט מיין האַרץ? קאָן איך דען זאָגען: „שאַ, שווייג שטיל"? ניין, איך בין ניט שולדיג. איך האָב איהם ליעב אַזוי פיעל, אַז מעהר קאָן מען שוין קיין מענשען ניט ליעבען!...

— קינד, קינד! — האָט איהר פעלדמאַן געענטפערט. — דו פערענטפערסט זיך אומזיסט: איך האָב שוין לאַנג אַרויס־געזעהען, אַז עס דאַרף גיך קומען די צייט, ווען דיין האַרץ וועט אייך אָנהויבען צו רעדען. אמת, איך האָב ניט געוואוסט אויף וועמען דיינע אויגען קוקען... (דאָ האָט זיך פעלדמאַן אַ ביסעל פערהוסט). איך האָב ניט געוואוסט, אַז דו האָסט פאַר דיינע אויגען אַזאַ מענשען, וואָס זיין שען געזיכט מיט זיין געשטאַלט קאָן האַרמאָנירען מיט אַזאַ פריילין, ווי דו...

טייבעלען זענען די ווערטער ניט געפעלען. זי האָט איהם איבערגעשלאָגען:

— האָט קיין פאַראיבעל ניט, מיכאיל, איהר ווילט מיר פאָר־וואורף מאַכען, אַז איך האָב ליעב געקריגען אַ שען פּנים...

— טייבעלע! דו קענסט מיך ניט פון נעכטיגען טאָג; דו ווייסט, אַז מיר איז אויך ליכטיגער צו זעהען פון דער ווייטענס, אַז די ליעבענדע זענען ביידע שען און יונג; עס איז אַנגענעהם צו זעהן אַזאַ פיין פּאָר, ווי דו מיט מאָריץ זילבערמאַן... נאָר זאָג מיר, טייבעלע, וואָס איך וועל ביי דיר פרעגען, און זאָלסט זיך ניט געפינען בעלעדיגט, וואָס איך מיש זיך אריין אין אייערע געשעפטען: צי קענסט דו איהם שוין גוט? צי האָט איהר שוין גערעדט וואָס ווייטער וועט זיין? צי האָט איהר זיך געפרעגט, וואוהין דאָס וואַסער טראָגט אייך?...

פעלדמאַן האָט נאָך לאַנג גערעדט איבער דעם ענין. טייבע־לע האָט איהם ניט געענטפערט; זי איז געזעסען אָנגעשפּאַרט אויףביידע הענד און האָט ניט אראָפּגעלאָזט קיין אויג פון פעלד־מאַנען, וועלכער איז ארומגעגאַנגען אהין און צוריק שטאַרק צע־טראָגען איבער אַ האַלבע שעה, אין וועלכער ניט פעלדמאַן ניט טייבעלע האָבען קיין וואָרט ניט גערעדט. ענדליך איז פעלדמאַן צוגעגאַנגען צו איהר, האָט ארויפגעלעגט ביידע הענד אויף איהרע אַכסלען און האָט איהר געזאָגט מיט אַ שטיל קול:

— טייבעלע! דו ווייסט, אז דו ביזט ביי מיר טהייער... ווי אַ שוועסטער, ווי אַ קינד... פערלאָז זיך אויף מיר, איך וועל אייך ביידע ניצליך זיין. נאָר דאָס בעט איך פון דיר: אויב, בעהיט גאָט, אונזערע פּלאַנען וועלען ניט אויסגעפיהרט ווערען און עס וועט זיך ניט גוט אויסלאָזען — זאָלסט דו זיך דערמאָנען אָן דיין איינציגען בעסטען פריינד, מיכאיל פעלדמאַן...

VIII

די גרעסטע שרייבער, פּאָעטען, פּסיכאָלאָגען האָבען לאַנג גע־האָרעוועט איבערצוגעבען אויף דעם פּאַפּיער די בעסטע מאָמענטען פון דער אמת'ער ליעבע, נאָר דאָס קאָן נאָר פערשטעהן דער, וואָס האָט אַליין ליעב געהאַט און איז געוועזן געליעבט. נאָר ניט אַלע גליקליכע ליעבענדע טרינקען אַלע גלייך פון דעם זעלטענעם טהייערען וויין: איינער פערזוכט דאָס פערגעניגען אַ מינוט, איין אויגענבליק; דער אנדערער געניסט עס זיין גאַנץ לעבען. מאַריץ מיט טייבעלען האָבען זיך געבאָדען אין דעם ליכטיגען ריינעם וואַסער צוויי יאָהר. צוויי יאָהר גליק! צוויי יאָהר כסדר זעהען אַלע טאָג דעם מענשען, וואָס מיט איין קוק, מיט איין וואונק

ווערען בעלייכט אלע פערבארגענע ווינקעלעך פון זיין הארצען, וואס דערוועקט אונזערע מענשליכע געפיהלען, וואס קאן אונז איבערארבייטען אינגאנצען. — ליעבע לעזער! איהר ווייסט, וואס הייסט צוויי יאהר גליק?... אין די צוויי יאהר האט עס מאריצען וויט געבראכט: פעלדמאן האט איהם פארבעררייטעט איינצו־טרעטען אין דער אוניווערזיטעט; טייבעלע האט נאך בעסער געלערענט און האט גערעכענט אין א יאהר ארום אויך פאהרען לערנען אין דער שטאדט, וואו מאריץ וועט זיין. וועלכע שענע לופטשלעסער האבען זיך די גליקליכע געבויעט! דאס קינפטינע גליק איז ביי זיי שוין נעוועזן בעשטימט. אויף דעם ערשטען בלאט פון אונזער ערצעהלונג האבען מיר איבערגעלאזט טייבעלען ליגען אין בעט בעגאסען מיט טרערען. אונזערע לעזער ווילען שוין וויסען די אורזאכע, וואס די איבערגליקליכע טייבעלע האט גע־וויינט. מיר וועלען זיי באלד ערקלערען:

גאלדע זילבערמאן איז קראנק געווארען. די דאקטוירים האבען איהר געהייסען פאהרען קיין קארלסבאד. גאלדע האט גע־וואלט מיטנעמען מאריצען אויך קיין אויסלאנד, נאר ער האט בשום אופן ניט געוואלט פאהרען. פון קארלסבאד האט איהם גאלדע געשיקט אלע טאג בריעף, אז עס איז איהר זעהר שווער צו זיין אליין אין א פרעמד לאנד, און ווען ניט די פאמיליע נאט־קין, מיט וועלכער זי האט זיך בעקענט, וואלט זי שוין לאנג גע־קומען צוריק אהיים. ישראל נאטקין איז געוועזן א רוסישער איד, זעהר א רייכער, און איז געקומען מיט דער גאנצער פאמיליע קיין קארלסבאד אויף דעם גאנצען סעזאן. גאלדע האט זיך גארניט געקאנט אפלויבען פון דער פאמיליע, בעזונדערס פון רב ישראל׳ס טאכטער, א מאמזעל פון א יאהר צוואנציג, זעהר א פיינע, א געבילדעטע און מיט אלע מעלות. גאלדע׳ס בריעף זענען געוועזן פול מיט קאמפלימענטען אויף דער מאמזעל נאטקין, וועלכע האט נאך פופציג טויזענד רובעל נדן... זי האט זיך געוואונשען, אז גאט זאל איהר צושיקען אזא שנור... מאריץ האט זיך אויסגע־

לאכט אויף אלע איהרע בריעף, און האט זיי געוויזען טייבעלען און פעלדמאנען. ענדליך האט ער דערהאלטען פון דער מוטער א בריעף, אין וועלכען זי מיט דער גאנצער פאמיליע נאטקין בעטען איהם, ער זאל זיך דורכפאהרען קיין קארלסבאד. אט דאס איז געוועזען דער בריעף, וואס מאריץ האט געוויזען טייבעלען, און דורך דעם האט זיך ביי זיי פערבונדען דער שמועס, וואס איז שוין בעקאנט אונזערע לעזער, פון דעם ערשטען קאפיטעל פון אונזער ערצעהלונג. אז מאריץ איז אוועקגעגאנגען, איז פעלדמאן געקומען און האט געטראפען טייבעלען אין טרערען. האט ער באלד פערשטאנען, אז עס איז שוין עפּיס א נייעס געשעהן ביי די ליעבענדע. ער האט זיך צונעזעצט צו איהר און האט געענטפערט, וואס וועט זי זאגען.

— מיכאיל, איהר ווילט וויסען, וואס איך וויין? גלויבט מיר, מיין פריינד, אז איך וויים אליין ניט, צי איז דאס פאר פרייד, צי פאר צרות?... מאריץ איז דא ערשט געוועזען... אך, מיכאיל, איהר זאלט געוועזען זעהן, הערען, ווי ער האט גערעדט!... ער האט געוואלט שיקען א דעפעש קיין קארלסבאד, אז די מוטער זאל קומען...

— וואס דארף ער די מאמע? — האט זי פעלדמאן מיט א שטאך געפרעגט.

טייבעלע איז פאר כעס אונטערגעשפרונגען אויף דעם בעט:

— וואס דארף ער די מאמע?... מיכאיל, איהר זענט צו מאריצען צו שטרענג: זי איז דאך פארט א מוטער! זי דארף דאך וויסען, וואס איהר איינציגער זוהן טהוט! זי איז א מוטער!...

— קינד מיינס! — האט איהר פעלדמאן שטיל געענטפערט. — דו ביזט איצט צעטראגען, ווייסט דו נישט וועך עס זאגט גלייך — איך, צי דו...

טייבעלע האט זיך נאך ערגער צערייצט.

— איך בין צעטראגען? רעכט!... נו, זאגט־זשע איהר בעסער, אז איהר קאנט און ווייסט!

טייבעלע האָט זיך ווידער בעגאָסען מיט טרערען. פעלד־מאַן האָט זי איינגעשטילט, איינגענומען, ווי אַ קליין קינד; ער האָט זי אַרומגענומען און צוגעצויגען צו זיך. טייבעלע האָט אָנ־געהויבען שטילער ווערען, און אין עטליכע מינוט אַרום איז זי שוין ווייטער געווען מונטער, ווי אַלע מאָל. זי האָט זיך אָפּגע־וואַשען, אָנגעטהאָן, גערעדט, געשפּעט און געלאַכט. אויף דעם קאָפּ האָט זי אָנגעטהאָן אַ קרענצעל פון רויזען, וואָס מאַריץ האָט איהר געשענקט פון זיין גאָרטען; די אויגען האָבען איהר גע־ברענט, ווי צוויי בריליאַנטען ביי'ם ליכט. פעלדמאַן האָט אָנגע־קוועלט פון איהר. ער האָט איהר עפּיס געוואָלט זאָגען, נאָר אין מיטען האָט זיך אויפגעעפענט די טהיר און עס איז אַריינגע־קומען מאַריץ. ער איז געווען אָנגעטהאָן רייזע־פּערטיג... טיי־בעלע האָט געפיהלט, אַז עס האָט זיך איהר אָפּגעריסען דאָס האַרץ; זי איז געבליבען שטעהן אויף איין אָרט, בלאַס ווי דער טויט, און האָט ניט געקאָנט אויסרעדען קיין וואָרט. מאַריץ איז צוגע־גאַנגען צו איהר. פעלדמאַן האָט איהם געבעטען זיצען. ער האָט זיך געהאַפּט און האָט געזאָגט:

— טייבעלע, מיכאיל, זייט געזונד: איך פאָהר קיין קאַרלס־באַד... אָט ערשט האָב איך דערהאַלטען אַ דעפּעש: די מאַמע איז שטאַרק שלאַף; מע רופט מיך אַהין... איך וועל אייך אַלע טאָג שרייבען בריעף... איך וועל גיך קומען צוריק... טייבעלע! איך וועל רעדען מיט איהר וועגען אונז... זייט געזונד, מיינע טהייערע...

פעלדמאַן האָט געזעהען, אַז טייבעלע שטעהט קוים אויף די פיס. ער איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט איהר שטיל געזאָגט:

— טייבעלע! וואָס איז מיט דיר?...

— האַ? איך? גאָרניט!... דו פאָהרסט?... איהר פאָהרט?... — האָט טייבעלע געזאָגט און האָט אַרויפגעצויגען אַ פריילּיכע מאַסקע אויפ'ן פּנים.

— נו, פאָהרט געזונד! — האָט איהם פעלדמאַן געזאָגט. — און פערגעסט אונז ניט — פאַר צרות, אָדער פאַר פרייד...

ער האָט אָפּגעזוכט דאָס היטעל און איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, בכדי די ליעבענדע זאָלען זיך קאָנען געזעגענען אָהן א דריטען. אז מאַריץ איז איבערגעבליבען אליין מיט טייבעלען, האָט ער איהר געוואָלט פאַלען אויפ׳ן האלז; זי האָט איהם אָבער אָפּגעהאַלטען.

— מאַריץ... דאָס ניט, דאָס דאַרף מען ניט... טהייערער, איך וועל דיך מאָרגען ניט זעהן? און איבערמאָרגען אויך ניט? און אפשר קיינמאָל ניט?...

— טייבעלע! וואָס רעדסט דו? איך וועל דיך גיך, גיך זעהען...

— מאַריץ! דו ווייסט: איך בין דיינע, דיינע, מאַריץ!...

— דו ביזט מיינע, מיינע אויף אייביג! טייבעלע, איך וועל דיך ניט פערגעסען אויף א מינוט!...

ער האָט זיך געצויגען צו איהר און האָט זי געוואָלט אַרומ־נעמען; זי האָט איהם לייכט אָפּגעשטויסען פון זיך.

— ניין, מאַריץ, ניט דאָס, ניט דאָס... גיב מיר דיין האַנד, אָט אזוי, און שווער מיר ביי מיין נאָמען, דו הערסט? ביי מיין נאָמען, אז וואָס עס זאָל זיך ניט מאַכען מיט דיר, זאָלסט דו מיר שרייבען... רעכט?

— רעכט!...

פעלדמאַן איז אַריינגעקומען מיט א פריילליכער מינע:

— נו, שוין? גענוג אָנגערעדט זיך? הא? היינט לאָזט מיך אויך אביסעל רעדען מיט אייך, ברומענדיגע טייבעלעך, אויס־לענדישע פייגעלעך! טייבעלע! שטעל אויף דעם סאַמאָוואַר: עס איז נאָך פריה צום פּאַיעזד, און מיר וועלען דערווייל אביסעל שמועסען פון אונזערע אינטערעסען...

מיט די ווערטער האָט ער אַריינגעפיהרט מאַריצען צו זיך אין צימער און האָט זיך מיט איהם פערשלאָסען.

— נו, מאַריץ, היינט מוזען מיר רעדען אביסעל אָפענער... מע רופט אייך אַרויס אהין מיט א דעפּעש, אז אייער מוטער איז

שלאף? עס איז א ליגען! מע רופט אייך צו דער מאמזעל נאַטקין: איהר זענט א בן־יחיד, אייער מוטער איז רייך, איהר זענט א ווינאַדנער חתן... געלד נעהמט צו געלד...

— מיכאיל! וואס רעדט איהר! איהר מיינט, איך בין דערזעלבער מאַריא, וואס פריהער מיט דריי יאָהר?

— א!... איך וויים, איך וויים!... איך קען אָבער אייער וויך הארץ, אייער שוואכען כאראקטער... אייער מוטער'ס טרערען וועלען אויף אייך ווירקען... מיר זענען וויים, און ווער ווייסט, וואס פאר א פאניבריה די מאמזעל נאַטקין איז דאָרט! איהר זענט נאָך צו יונג...

— פאר וועמען רעכענט איהר מיך? איך וועל פערבייטען טייבעלען אויף... מיכאיל! איהר בעלעדיגט מיך... איהר ווייסט מיין ציעל...

— מאַריא! אויב איהר געפינט זיך בעלעדיגט פון מיינע ווערטער, בעט איך אייך מיר מוחל זיין. נאָר איהר דארפט פערשטעהן מיט וועמען איהר רעדט: איהר רעדט מיט איין עלענדען מענשען, וואס זיין אומגליקליך מזל האט איהם אָפּגעריסען פון דער פאמיליע, פון פריינד, פון בעקאנטע, כמעט פון אונזער גאנצער נאציע, און ער האט ארויסגעצויגען, גאָט ווייסט פון וועלכע הענד, א פרעמד עלענד קינד און האט זי צוגעבונדען צו זיך, און איז אליין צו איהר צוגעבונדען געוואָרען... מיין לעבען איז שוין צוזאמענגעוואכסען מיט איהר לעבען... אייך ליעבט זי גאָר אָהן א ברעג!... אז מיט אייך וועט חלילה עפּיס פאסירען, הרג'עט איהר זי אוועק, און מיך דעסגלייכען... איהר ווייסט? איהר ווייסט? איך האָב אמאָל געהאָפט, אז מיין ליעבע צו איהר (צו וואס זאָל איך לייקענען?) וועט אפשר דערוועקען אין איהר הארץ אזא געפיהל, ווי צו אייך איצט... נאָר איך האָב שלעכט גערעכענט... ווי קומט דאס צו מיר?!... איך בין דערמיט געוועזען צופריעדען, וואס זי איז ביז אהער אזוי גליקליך געווען מיט אייך.

איהר לאזט זי מיר הײנט איבער אין א נעפּעהרליכער לאגע...
נעדענקט, מאַריץ, אײער טײבעלע — זי איז אינגאַנצען א י י ע־
ר ע: א י ה ר זענט דער אויסגעקליבענער...

מאַריץ האַט נעווײנט, ווי א קלײן קינד. דאָס הארץ איז איהם שיער צעריסען געוואָרען אויף שטיקער. ער האַט נישט געקאָנט אויסרעדען קײן אײנציג וואָרט. ער האָט געחאַפּט פעלד־מאַנען בײ בײדע הענד און האָט זײ געקושט... פעלדמאַן האָט נעפינטעלט מיט זײנע גרויע אויגען און האָט געריבען ציגד־העלצלעך, וועלכע האָבען זיך אלץ פערלאָשען... ער האָט פער־רויכערט א ציגאר און האָט געזאָגט:

— נו, נענוג, נענוג שוין, זילבערמאַן! ווישט זיך אָפּ דאָס פּנים און זײט א מאַנספּערזאָן!

דאָס טײ־טרינקען איז איבערגענאַנגען נישקשה. פעלדמאַן האָט געזאָגט ווערטלעך, דערצעהלט אנעקדאָטען. אלע האָבען געלאַכט. ער האָט מורא געהאַט, אז טײבעלע זאָל נישט מאַכען קײן סצענע אין די לעצטע מינוטען, פאַר מאַריצ׳ס אָפּרײזע. ווי פערוואונדערט איז ער אָבער געוועזען, אז בשעת מאַריץ איז אויפגעשטאַנען צו פאַהרען, איז טײבעלע זעהר פרײליך געוועזען! איהר געלעכטער האָט נאָך קײנמאָל אזוי נישט געקלונגען, ווי אין די מינוטען; זי האָט שוין צופיעל געלאַכט און נערעדט... פעלד־מאַן האָט פערשטאַנען, וואָס דאָס געלעכטער האָט זי געקאָסט; דאָס הארץ האָט זיך איהם צוזאַמענגעצויגען פאַר וועהטיג... נאָך א מאָל אדיע, נאָך א מאָל אדיע... אָט זענען שוין די פערד... ער זיצט שוין אין וואָגען... דער קוטשער האָט א קנאַק געטהאָן מיט דער לאַנגער בײטש. די פערד האָבען א ריס געטהאָן דעם וואָגען, און ער איז פערפאַלען געוואָרען אין דעם געדיכטען שטויב פון די נאַסען, וואָס פיהרען צום וואָקזאַל. נאָר א ווײס טיכעלע האָט זיך געזעהען אין דער הויך. דאָס פאָסטגלעקעל האָט נאָך גע־קלונגען עטליכע מינוט אלע מאָל שטילער, ביז עס האָט זיך נאָך פערלאָרען אין דער ווײטער לופט, וואו די זון האָט זיך אראָפּ־

געלאָזט, ווי אין וואַסער אַריין... שטיל און לעדיג איז געוואָרען ביי פעלדמאַנען אין שטוב. שטיל און לעדיג ביי טייבעלען אין האַרצען...

IX

ליעבע לעזער! מיר וועלען אייך ניט פיהרען קיין קאַרלסבאַד זעהען, וואָס טהוט דאָרט אונזער העלד, מאָריץ זילבערמאַן. ער איז דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען אַרויסגעפאָהרען אויף דער וועלט. פון יעדער סטאַנציע, פון יעדען וואָקזאַל זענען געגאַנגען פון איהם הייסע בריעף צו טייבעלען. אַז ער איז אַריבער די גרעניץ, האָט זיך פאַר איהם געעפענט אַ נייע וועלט. ער האָט זיי צוגעזאָגט אַלסדינג צו שרייבען, און ער האָט זיין וואָרט געהאַלטען. נאָר פּלוצים איז זיין קאָררעספּאָנדענציע איבערגעריסען געוואָרען. מיר דאַרפען ניט דערצעהלען, וואָס פאַר שמערצען דאָס האָט צוגעטהיילט דער אָרעמער טייבעלע. איהר קאָפּ האָט געגנוג איבערגעטראַכט! פעלדמאַן האָט מורא געהאַט צו רעדען דערפון מיט איהר: ער האָט געזעהען, אַז זי צאַנקט, ווי אַ ליכט. און אַזוי זענען איבערגעגאַנגען צוויי חדשים, וועלכע האָבען זיך איהר אויסגעוויזען ווי צוויי יאָהר, ביז דער פּאָסטטרעגער האָט איהר איינמאָל געבראַכט אַ גרויסען בריעף. דער שטעמפּעל איז געוועזען פון קאַרלסבאַד. זי האָט באַלד דערקענט זיין האַנדשריפט אויף דעם קאָנווערט. די הענד האָבען איהר געציטערט: זי האָט קוים אויפגעריסען דעם קאָנוועֶרט. פיער מאָל האָט זי אָנגעהויבען צו לעזען דעם בריעף, און האָט ניט פערשטאַנען קיין וואָרט... אָט דאָס האָט איהר מאָריץ געשריבען:

„טהייערע טייבעלע! איך בין ניט ווערטה, אַז דיינע הענד זאָלען האַלטען מיין בריעף און דיינע שענע אויגען זאָלען קוקען אויף מיין שריפט, וועלכע ניט דיר איבער מיינע ווערטער ניט

מיט טינט אויף פאפיער, נאָר מיט מיין בלוט אויף מיין איינענער פעל. פערענטפערען זיך פאר דיר — וואָלט געווען די גרעסטע מערדעריי מיט דער גרעסטער נידעריגקייט פון מיין זייט, נאָר איך בעט דיך (דאָס לעצטע מאָל) אויסהערען דיין מאַריצען, וואָס איז ביי דיר אמאָל געווען אזוי טהייער! וויים, טהייערע טייבעלע, אז מאַריץ איז געפאלען, אז מאַריץ איז איצט דער אומגליקליכ־סטער אויף דער גאַנצער וועלט! וואָס האָט איהר מיך געלאָזט אליין אויף דעם וואסער? איך זאָג דאָס דיר און אונזער טהייערען מיכאיל. וואָס האָט איהר מיך מפקיר געווען? איהר האָט דען ניט געוואוסט, אז שווימען אין דעם טיעפען ים איז זעהר א גע־פעהרליכע זאך פאר דעם מענשען, וואָס איז ניט געוואָהנט צו די גרויסע חוואַלים? צום אָנפאנג, אז איך בין נאָך ביי דעם ברעג געשוואומען, איז מיר זעהר אנגענעהם געווען צו קוקען, ווי די בייזע ווינדען פלעסקען דעם ים. זיי האָבען מיך געטראָגען וויי־טער און וויטער... איך האָב געפרובט א מאָל ארומקוקען זיך אויף דעם שטיק וועג, וואָס איך האָב שוין אָפגעשוואומען, האָב איך שוין ניט געקאָנט אָפזוכען מיט די אויגען דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט: איהר האָט אויסגעוויזען ווי צוויי ליכטיגע פינ־קעלעך, ווי צוויי גלאַנצענדיגע שטערען אויף דעם דונקעלען הימעל... ווייד־טען הימעל, און נאָכדעם זענען די צוויי פינטעלעך אויך פער־שוואונדען געוואָרען... איך זוך איצט ביי זיך אין קאָפּ און קאָן נאָר זיך ניט דערמאָנען, וואו און ווען בין איך געפאלען... איך געדענק נאָך דער מוטער'ס טרערען, די ערשטע בעקאַנטשאַפט מיט דער פאמיליע נאַטקין, מיט זייער טאָכטער, און נאָכדעם זייערע וויזיטען צו אונז, און מיינע וויזיטען צו זיי, אונזערע שפּאַציער־גענג אין דעם שענעם גאָרטען, אונזער פאָהרען אויף דעם שיף, קלארא'ס (אזוי רופט מען זייער טאָכטער) בלאָנדע האָר, בלויע אויגען, הויכע געשטאַלט, און איהר שטאַרקע שטי־מע... צו דעם צווייטען וויזיט ביי זיי האָט מען מיך געבעטען שפּיעלען פּיאַנאָ. איך האָב געשפּיעלט שוּבערט'ס א מעלאָדיע,

און קלארא האָט מיר אַקאָמפּאַנירט. דער רעזאָנאַנס פון דעם זאַל איז געווען גרויס און ברייט, און עס האָבען זיך אַ גאַס געטהאָן אַזעלכע פערשיעדענע, ווייכע, קלינגענדיגע, וואַרעמע טענער, אַזאַ זעלטענע האַרמאָניע!!... איך האָב אויפגעהויבען אויף איהר די אויגען, איז זי ווי אויסגעוואַכסען אויף אַ גאַנצען אַרשין, און זי האָט מיר אויסגעוויזען אַזוי שען און ריין, ווי אַ מלאך... אין מיין האַרץ האָט זיך אָנגעצונדען אַ פייער, וואָס האָט אין מיר געברענט, און איך האָב מורא געהאַט צו צוגעהן צו איהר. אַזאַ פּרוב האָב איך געליטען אַלע טאָג! זי האָט מיך געמוטשעט מיט איהר קול, און עס איז מיר ליעב געווען צו מוטשען זיך, אַבי נאָך און נאָך הערען איהר געזאַנג... עס ווייזט אויס, אַז זי האָט געוואוסט וואָס מיט מיר טהוט זיך, חאָטש איך האָב מיט איהר דערפון ניט גערעדט. איינמאָל איז זי געווען ביי אונז. מיין מוטער איז געווען אין גאָרטען, און קלארא איז געזעסען מיט מיר. איך בין געווען שטאַרק פערזאָרגט און פערטראַכט. זי האָט מיך געפרעגט די אורזאַכע. איך האָב איהר ניט געוואָלט ענטפערען, איז זי אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבען זינגען אַ מעלאָדיע, ביז איך ווי בעטויבט געוואָרען... מיין פאַנטאַזיע האָט מיך פערטראָגען ווייט! איך האָב זי גערעכענט העכער פון אַ מענשען — איך בין אַנידערגעפאַלען פאַר איהר!... איך געדענק ניט, ווען און ווי אַזוי איך בין געשטאַנען מיט קלארא'ן אונטער דער חופּה... דער פּרעדיגער האָט אַ רעדע געהאַלטען, זיינע ווערטער האָבען מיר לאַנג נעקלונגען אין די אויהערען, און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז ער זאָגט מיר: „געדענק וואָס דו טהוסט!"... מיין מוטער האָט געוויינט פאַר פרייד, און קלארא האָט מיך געפרעגט, וואָס קלאָפּט ביי מיר דאָס האַרץ... טייבעלע! איך בין אומגליקליך: דיך האָב איך אָנגעוואָרען, פערלאָרען אויף אייביג; זיך האָב איך פערקויפט אַ פרעמדער... זי איז ווייט פון מיר, ווי דער הימעל פון דער ערד... מיין ציעל קאָן איך שוין יעצט ניט דערגרייכען: איך געהער היינט ניט זיך אַליין; איך בין אַ

קנעכט... איך האָב שוין מיין ראָלע אָפּגעשפּיעלט גאַנץ קאָמיש! דער גרויסער זינדיגער קאָן מיט חרטה און מיט גוטע ווערק ניי געבאָרען ווערען, אָבער ניט אזא „וואָרעם" ווי איך... טייבעלע! מיכאיל! פערגעסט אָן מיר: איך בין ניט ווערטה, איהר זאָלט מיך געדענקען! זייט גליקליך,ביידע צוזאַמען!..."

X

פעלדמאַן איז נאָר־וואָס אוועקגעגאַנגען אויף זיינע שטונדען בעת טייבעלע האָט דערהאַלטען דעם שענעם בריעף פון קאַרלס־באַד. אז זי האָט געענדיגט דעם בריעף צו לעזען, איז זי געבליבען זיצען אַ קליינע צייט ווי אַ פערשטיינערטע. איהרע אויגען האָ־בען אַ ווילע אַנגעוואָרען דעם גלאַנץ. נאָכדעם איז זי אויפגע־שטאַנען, האָט אַ וואָרף געטהאָן מיט דעם קאָפּ און האָט אָנגע־הויבען ארומצוגעהן איבער דער שטוב פון איין ווינקעלע צום אַנדערען, צונויפגעלעגט די הענד אויף דעם הארצען; די אויגען האָבען אָנגעהויבען צו בעקומען זייער פריהעריגען גלאַנץ, איהר געזיכט איז ליכטיגער געוואָרען, דאָס האַרץ האָט איהר שטאַרק געקלאַפּט, דער קאָפּ האָט ביי איהר געאַרבייט. זי האָט אָפּגע־זוכט אַ בויגעלע פּאָסט־פּאַפּיער און האָט זיך געזעצט שרייבען. עס האָט געדויערט אַ האַלבע שעה. זי האָט צונויפגעלעגט דאָס בויגעלע פּאַפּיער מיט מאַריצ'ס בריעף און האָט זיי אין אַ קאָנ־ווערט אַנידערגעלעגט אויף דעם טיש. זי האָט אויפגעעפענט איהר קעסטעל, האָט ארויסגענומען פון דאָרטען אַלע איהרע זאַ־כען און האָט זיי איינגעפּאַקט אין אַ קליין רייזע־זעקעל, האָט אהין ארייַנגעלעגט פעלדמאַנ'ס פּאָרטרעט און האָט איבערגעצעהלט איהר געלד, וואָס זי האָט צונויפגעקליבען פון איהרע שטונדען, — דאָרט איז געוועזען הונדערט און צוואַנציג רובעל. זי האָט זיך אביסעל צוגעזעצט און האָט בעטראַכט די שטוב, וואו זי איז אויפ־

געצווינגען געוואָרען. נאָכדעם איז זי אריינגעגאנגען צו פעלדמאנגען אין צימער, האָט זיך אָנגעבויגען צו זיין בעטעל און האָט א קוש געטהאָן דאָס קישעלע... זי האָט צוגעשלאָסען די שטוב, אויפגעהאנגען דעם שליסעל און איז מיט דעם רייזע־זעקעל אין די הענד אוועקגעגאנגען אויף דער פּאָסט־סטאנציע. אין א האלבע שעה ארום איז זי שוין געזעסען אין א וועגעלע, וועלכעס האָט זי געטראָגען צום וואָקזאל, און דאָ האָבען מיר זי שוין פערלאָרען אין דער מאסע פּאסאזשירען, וואָס האָבען געווארט אויף דעם פּאָיעזד פון אָדעסער ליניע.

דאָס איז דער בריעף, וואָס טייבעלע האָט געשריבען פעלדמאנגען:

„אז איהר וועט דערהאלטען מיין בריעף, וועל איך שוין זיין אין וועג. איך בעט אייך, איהר זאָלט מיך ניט נאָכיאָגען. איך וואָלט גאָר ניט בעדארפט אנטלויפען און וואָלט געקאָנט אזוי אוועקפאָהרען: איך בין פריי, און קיינער קאָן מיר מיין פרייהייט ניט שטעהרען! נאָר איך האָב ניט געוואָלט זעהען, ווי מיין טהייערער, עהרליכער, גוטער מיכאיל וועט בעגלייטען זיין נארישע טייבעלע, וועלכע ער האָט ערשט ניט לאנג אויפגעהויבען פון דער גאס פון מיסט... לייענט איבער זיין בריעף, וועט איהר זעהען, אז קיין אנדער פּלאַן איז פאר מיר ניטאָ. זיך אליין דאָס לעבען נעמען איז די גרעסטע נארישקייט; דאָס דארף נאָר טהון דער מענש, וואָס פערשטעהט ניט, צו וואָס ער לעבט אויף דער וועלט, אָדער דער גרויסער עגאָאיסט, אז עס געהט איהם ניט אזוי ווי ער וויל, ווערד ער ברוגז און שיסט זיך. איך וויים, אז איך בין א מענש (א פרוי — אלץ איינס), קאָן איך ניצליך זיין און עפּיס געבען דער וועלט א חוץ ליעבע. — איך וויים, איך וועל אייך פיעל שמערצען מאכען מיט מיין אנטלויפען פון אייך: איך געדענק אייערע ווערטער, וואָס איהר האָט מיר געזאָגט פריהער מיט צוויי יאָהר... איך וויים, אז איך וואָלט געקאָנט אייער לעבען גליקליך מאכען אויף אייביג, און אפשר (ווער וויסט?) זיך

זעלבסט... נאָר איך רעכען אייך דערויף צו הויך און זיך צו קליין, אַז איך האָב געקאָנט האַלטען פאַר אַ גאָט אַזאַ קליין מענשעלע, ווי מאָריץ זילבערמאַן... איך זאָג ניט, אַז איך קאָן צו אייך ניט גרייכען. איך פיהל אָבער אין זיך פיעל קראַפט צו דערגרייכען עטוואָס וויכטיגערס, גרעסערס און מעהר ניצליכעס פאַר דער וועלט — און איך וועל דאָס געוויס דערגרייכען, ווייל איך וויל דאָס!... איהר מיינט, אַז מיין בעשלוס איז אין איין רגע געוואָרען? ניין, טהייערער מיכאיל! זינט ער איז אוועקגעפאָהרען פון אונז (געדענקט איהר?) האָב איך געפיהלט, אַז מיין הארץ ברעקעלט זיך אויף שטיקלעך, און עס ווערד דאָרטען ווי לעדיג... וואָס מיין קאָפּ האָט איבערגעארבייט אין די לעצטע צוויי מאָנאַטען — בין איך ניט אים שטאַנד אייך איבערצוגעבען, און דאָס, וואָס איך האָב בעקלערט, איז בעשטימט, און אַזוי דאַרף זיין — ניט אַנדערש! אפשר וועלען מיר זיך נאָך אַמאָל זעהען ביי אַנדערע אומשטענדען, ווער ווייסט? דערווייל בעט איך אייך, טהייערער מיכאיל, מיך ניט צו זוכען און ניט נאָכצופרעגען זיך אויף מיר. מיין ליעבע האָב מיר געגעבען אַ גוטע לעקציע!... אייך וועל איך געדענקען, ווי אַ מלאך, וואָס האָט מיך פון דער בלאָטע ארויסגעשלעפּט און האָט מיך צו מיין מענשליכקייט אומ־געקעהרט און מיר די פרייהייט געגעבען... איך בעט, מיך צום שלעכטען ניט צו דערמאָנען, און די גרעסטע מתנה פון אייך וועט ביי מיר זיין, אַז איהר וועט דאָס צום הארצען ניט נעמען און ניט וויינען אויף דעם אומגליק פון אייער טייבעלע, וואָס גלויבט אין זיך און האָפט אויף זיך אליין... מיר דאַרפען זיך צעגעהן שטיל, אַזוי ווי מיר האָבען זיך בעקאַנט שטיל...״

פעלדמאַן איז היינט אין ח., אין דער אוניווערזיטעט, אויף דעם פערטען קורס. ניט לאַנג איז ער געוועזען אין קיעוו און האָט זיך בעגעגענט אויף קרעשטשאַטיק מיט אַ רייך געקליידטען יונגער־

מאַן, געאַרעמט מיט אַ הויכער יונגער פרוי. זיי זענען אַרויס־געגאַנגען פון דעם שענסטען גאַסטהויז — „גראַנד האָטעל".

דאָס איז געווען מאָריץ זילבערמאַן מיט זיין פרוי קלאַראַ.

— מיכאיל ! — האָט מאָריץ אויסגעשריגען און האָט זיך אויסגעריסען פון דער דאַמע. פעלדמאַן איז צוגעגאַנגען און האָט אויפגעהויבען זיינע גרויע אויגען אויף מאָריצען : ער האָט איהם ניט דערקענט.

— מיכאיל !... וואָס מאַכט איהר ? שוין פינף יאָהר !... וואו איז טייבעלע ?...

פעלדמאַן האָט אַ זאָג געטהאָן : „אַ־אַ־אַ !"... ער האָט זיך גאַנץ העפליך געווינטעט מיט מאָריצען, האָט אַ קוק געטהאָן אויף קלאַראַ'ן און איז אַוועקגעגאַנגען ווייטער. קלאַראַ האָט מיט אַ גרימאַסע געפרעגט מאָריצען אויף פראַנצויזיש :

— Qui est ce mal-appris?*

מאָריץ האָט איהר גאָרניט געענטפערט ; ער איז געשטאַנען מיט אַ פערפינסטערט געזיכט און האָט נאָכגעקוקט פעלדמאַנ'ס טריט... קלאַראַ האָט זיך אָנגעבלאָזען אויף איהם, און אַז זיי זענען געקומען אַהיים, האָט זי איהם געמאַכט אַ סצענע.

גאָלדע איז געשטאָרבען און האָט איבערגעלאָזט מאָריצען אַ היבש קאַפּיטאַל. ער האָט געעפענט אַ קאָנטאָר און אויף דער טאַבעלע איז אויפגעצייכענט : „זילבערמאַן, נאַטקין עט קאָמ־פּאַניע". — צי איז ער גליקליך ? — דאָס איז אַזאַ פראַגע, וואָס מיר נעמען זיך ניט אונטער צו ענטפערן אויף איהר.

און טייבעלע ? — מיר בעטען אונזערע לעזער ניט צו זאָר־גען פאַר איהר : אַזעלכע ווי זי ווערען ניט פערפאַלען אויף דער וועלט. עס קאָן זיין, אונזערע לעזער וועלען זיך בעגעגענען מיט

---

* ווער איז דער גראָביאַן ?

איהר אין ניכען; נאָר דערווייל געהט טייבעלע שטיל אַראָפּ פון דער סצענע, אַזוי ווי זי איז אַרויפגעגאַנגען אויף איהר. עס מאַכט זיך אַפּטמאָל, אַ שטערן גלאַנצט ליכטיגער און שענער פון אַלע שטערען אין הימעל; ער לייכט אַלע מאָל גלייך: אי אין אָבענד, ווען ער בעוויזט זיך נאָר אויף דעם הימעל, אי צום פריה־מאָרגען, ווען ער דאַרף זיך בעהאַלטען...

ענדע.

קינדער־שפּיעל

אַ מערקווירדיגע ליעבע־געשיכטע פון אַ געפּעסטעטע, געבּאַלעווועטע רייכע אידישע בן־יחיד.

געשריבען אין יאָהר 1886.

קינדער־שפּיעל

דאָס ערשטע קאַפּיטעל.

אין חדר.

אין די יונגע יאָהרען זענען זיי געווען די בעסטע גוטע ברי־דער: אין איין חדר געלערענט, געהאַט גלייכע פעהיגקייטען, גלייכע יאָהרען, און האָבען ביידע ניט געוואָלט לערנען. דער חילוק צווישען זיי, וואָס איינער איז געווען גראָב און קיילעכיג ווי איין ארבוז, שרעקליך פויל, תמיד פערזאָרגט, תמיד פערוויינט און אַ גרויסער פרעסער, אַ נאַשער, — דערפאַר האָט מען איהם אין חדר אַ נאָמען געגעבען „קוואַשע"; דער אַנדערער איז געווען פּונקט דער היפך: אַ לאַנגער און אַ דאַרער, אַ לעבעדיגער און אַ פרייליכער, אַ פליהער און אַ טענצער, אַ סמיעליאַק און אַ חיטרע יונגאַטש, אַ ריהרעוודיגער און אַ קרעפּטינער, אַזוי אַז קיינער האָט איהם נישט געקאָנט בייקומען, און דער גאַנצער חדר האָט פאַר איהם דרך־ארץ געהאַט: וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען גע־זאָגט, און וואָס ער האָט געוואָלט, האָט ער געטהאָן. גערופען האָט מען איהם „מאָטעל־מזיק".

מאיר־קוואַשע און מאָטעל־מזיק זענען געווען די ערגסטע תלמידים ביי רב יוסי דעמבענער אין חדר. רב יוסי פלעגט זיי הרג'ענען צעהן מאָל אַ טאָג, ברעכען די ביינער מיט אַ שטעקען,

אָדער קאַטעווען מיט אַ פּאַדעשווע, נאָר וויפיעל מע האָט זיי ניט געשלאָגען אין קאָפּ אריין, האָט זיך צו זיי די גמרא נעקלעפּט, ווי איין ארבעס צו דער וואַנד! געקומען דער „דאָנערשטאָג", האָבען זיי זיך שוין געריכט אויף אַ מפּלה: אָט געהט רב יוסי דעמבענער פון קלויז מיט דעם טלית־ותפילין אונטער'ן אָרעם... זיין גראָבע נאָז מיט די גריבלעך, זיין אויסגעפליקטע באָרד, זיין בעלמעוואַטע אויג מיט זיין גאַנצער „אָסאָבע" ווארפען אויף אַלעמען אַ שרעקליכע מרה־שחורה: עס ווערד פערקיהלט אינוועניג. דער גרעסטער חריף קאָן פערגעסען, ווי מע רופט איהם, בשעת עס טהוט אויף איהם אַ קוק רב יוסי דעמבענער'ס בעלמעוואַטע אויג.

— נעמט די גמראס!

די קינדער נעמען די גמראס, דאָס האַרץ קלאַפּט און די קניהעס ציטערען. זיי מישען־אויף. דער רבי צעשאַקעלט זיך און זאָגט:

— נאָ־נאָ!

זיי הוסטען זיך אויס, ווי די סאָלדאַטען אויף דער אוטשעניע. דער רבי צעשאַקעלט זיך נאָך שטארקער און זאָגט נאָך אַ מאָל:

— נאָ־נאָ! אָמר רב פּפּא, האָט רב פּפּא געזאָגט! רעדט!!!...

חברה טהוען אַלע אַ קלאַפּ אין איין קול:

— אָמר רב פּפּא, האָט רב פּפּא געזאָגט!

און עס ווערד אַ שרעקליכער ליארעם פון דרייצעהן מיילער. אַלע שרייען, אַלע קלינגען און אַלעמען איז פריילּיך אויפ'ן האַרצען, מחמת אַלע ווייסען די גמרא, אַלע זאָגען ווי אַ וואַסער, איינער האַפּט פאַר'ן אַנדערען, קוקט מיט איין אויג אין דער גמרא און מיט דעם אַנדערען אויף דעם רבינ'ס בעלמעוואַטע אויג; אפילו מאיר־קוואַשע און מאָטעל־מזיק שרייען אויך, שאָקלען זיך אַזוי ערנסט און דרעהען מיט'ן גראָבען פינגער אַזוי געטריי, גלייך ווי קיינער פערשטעהט ניט אַזוי, ווי זיי פערשטעהען. און פּלוצים...

— שאַ! שששששאַ! שאַ!...

אַזוי זאָגט דער רבי און טהוט אַ פּאַטש מיט דער האַנד איבער'ן טיש; ער נעמט מיט דער אַנדערער האַנד דאָס אויסגע־

פליקטע בערדעל, גלעט דאָס מיט ישוב־הדעת און קוקט אַראָפּ צו זיך אויף די פּאַנטאָפעל... אַלע ווערען פערשטאַרבען. זיי פּיהלען, ווי עס ווארגט זיי עפּיס אין האלז און זיי קאָנען דאָס ניט אַראָפּ־שלינגען. אַ שרעקליך שטילשווייגעניש! גאַנץ שטיל טהוט זיך דער רבי אַ פרעג:

— זאָג־זשע, מאיר־סערדצע, וואָס לאָזט מיך דאָ רב פּפּא הערען?... זאָג, זאָג! שעם זיך ניט!

ביי מאיר־קוואשע קייקלען זיך שוין טרערען פון די אויגען, גלייך — גלייך אויף דער גמרא אַראָפּ. דער רבי קוקט אַלץ אונ־טען, צו זיך אויף די פּאַנטאָפעל, און רעדט זיך ווייטער אַזוי גלאַט, אַזוי בנעימות'דיג:

— זאָג, סערדצע, זאָג, מאיר'על, שעם זיך ניט, וואָס אהרט דיך?...

ביי מאיר־קוואשע זענען די באַקען שטאַרק פערפלאַמט און די נאָז גלאַנצט, ווי איין עפּעלע. ער ווייסט שוין זיין פּסק; ער ווייסט, אַז אָט באַלד וועט מען איהם הייסען ארויסגעהן פונ'ם טיש, אליין אַראָפּנעמען די ריטער פון דעם באַלקען, אַליין אַראָפּציהען זיך, מחילה, די תחתונים'לעך, אַליין אויסציהען זיך מיט'ן פּנים אַראָפּ אויף דער באַנק, און נאָכדעם — נאָכדעם ווייסט ער שוין וואָס!...

אַ רויטער, אַ געשוואָלענער, אַ צע'הרג'עטער, זעצט זיך מאיר־קוואשע צוריק אויף זיין אָרט און קוקט אין דער גמרא אריין טיעף־טיעף, און זעהט נישט קיין אות פאַר די אויגען, וואָס זענען שוין געשוואָלען פון געוויין. נאָר, דאַנקען גאָט, אַבי ער איז שוין זיינס איבערגעקומען!

איצט איז מאָטעל אויפ'ן צעטעל.

— אַנו, מאָטעלע! — זאָגט צו איהם דער רבי אַ ביסעל פרייליכער. — אַנו, מאָטעלע, זאָג נאָר דו, סערדצע, וואָס וויל דאָ רב פּפּא האָבען? זאָג, מאָטעלע, זאָג!...

מאַטעל־מזיק איז אָבער ניט מאיר־קוואשע: מאַטעל־מזיק וויל אָפּנאַרען דעם רבי׳ן, אָפּנאַרען אַלעמען און זיך אַליין אויך; ער צעשאָקעלט זיך און טהוט אַ קלונג טאַקי נאַר ווי אַ מזיק:

— הניחא למאן דאית ליה כרב פפא; אלא למאן דלית ליה כרב פפא — מאי איכא למימר? תיקו — בלייבט אַ קשיא!...

דער רבי הויבט אויף דעם קאָפּ, שטעלט אַנידער דאָס בעלמע־וואַטע אויג גלייך אויף מאָטלען און פרעגט איהם איבער נאָך אַ מאָל קאַלטבלוטיג:

— וואָס לאָזט מיך דאָ רב פפא הערען?...

מאָטעל־מזיק פאַלט ביי זיך אַלץ נישט אַראָפּ און זאָגט זיך ווייטער זעהר רוהיג, קוועטשענדיג מיט דעם גראָבען פינגער:

— וואָרום זעלטאָם אַנדערש זיין, אַז עס זאָל זיין ווי רב פפא זאָגט, וואָלט דאָך געווען אַ וויעדעראַנאַנד אַקעגען טאַקי אויף רב פפא׳ן אַליין; אלא וואָס דען? — מוז איך דאָך שוין אָנקומען דערצו, אַז עס איז אויף רב פפא׳ן קיין קשיא ניט — פאַר וואָס? מחמת קרבנות? היינט וואָס לאָזט ער מיך דאָ הערען? איז דער תירוץ: תיקו!...

דער רבי געהט־אַרוים פון די כלים; ער האַפּט זיך אויף און לאָזט אַראָפּ מאָטלען עטליכע קלינגענדיגע פּעטש, אַזוי אַז מאָטעל פאַלט־אַראָפּ פונ׳ם בענקעל און פערלירט דאָס היטעל. מאָטעל קוקט זיך אַרום פערוואונדערט: וואָס טהוט זיך דאָ מיט איהם? דאכט זיך, ער ווייסט אַזוי גוט און זאָגט אַזוי גלייך?!...

דער רבי הייסט איהם זיך אַנידערלעגען אויפ׳ן בענקעל און ער שמייסט איהם און קאַטעוועט איהם, וויפיעל עס געהט אין איהם אַריין. און מאָטעל? מאָטעל שווייגט, גלייך ווי ניט איהם מיינט מען. ער זאָל דאָס לאָזען אַ טרער, אַרויסלאָזען חאָטש אַ פּיפּס פונ׳ם מויל — ניין! דער רבי איז אויסער זיך פאַר כעס, עס ווערד איהם נמאס שמייסענדיג, האַפּט ער אַ שטעקעל, אַ „יאַמ־שאָווע״ שטעקעל, און ברעכט איהם די ביינער. מאָטעל שרייט ניט, וויינט ניט, קרעכצט ניט; ער טהוט נאָר ביי יעדען שנייד

מיט'ן שטעקעל א פינטעל מיט די אויגען — און געגוג. ניין, רב יוסי דעמבענער קאן דאס שוין מעהר ניט איבערטראגען! מיט אויגען אנגעגאסענע מיט בלוט טהוט ער זיך א לאז צו מאטלען; ער חאפט איהם אן ביי דער האנד און טהוט זי איהם א דרעהע־אוים הינטער די פלייצעס. מע הערט א קנאק... נאר מאטעל שווייגט. ער קריצט נאר מיט די צייהן — און מעהר נישט. דער רבי שלאגט איהם מיטביידע הענד אין הארצען אזוי לאנג, ביז ער טהוט אויף איהם א שפיי און גיט א פאל־אום אליין אויף דער סאפע. עס געדויערט לאנג, ביז דער רבי סאפעט זיך אפ...

די תלמידים, צעהן־יאהריגע חברה, זעהען דאס אלע דאנער־שטאג; און ווער איז דאס אים שטאנד ארויסצוגעבען, וואס עס פיהלט דעמאלט זייער קינדערש הארץ און וואס עס טראכט דע־מאלט זייער קינדערשער קאפ!...

דאָס צווייטע קאַפּיטעל.

גע׳פּטר׳ט דעם חדר.

אין יענער צייט האָט שוין אָבער מאָטעל נישט געהייסען „מאָטעל־מזיק” און מאיר האָט שוין מעהר נישט געהייסען „מאיר־קוואַשע”. דעם ערשטען האָט מען גערופען „מאָטעל בערצי׳ס”, און דעם אַנדערען — „מאיר לייבצי׳ס”.

זיי האָבען חתונה געהאַט ביידע אין איין חודש און פון איין שטאָדט.

בערצי בערעשעס (אַזוי האָט מען גערופען מאָטעל׳ס שווער) האָט געהאַט אַ טאָכטער אַ בת־יחידה, זעהר אַ שען מיידעל. האָט ער איהר געגעבען אַ פּאָר טויזענד רובעל נדן מיט אַ ציקאַווע חתן פון אַ שען אָרט, אפילו נישט קיין גרויסער למדן, דערפאַר איז ער אָבער אַליין אַ מענש, אַ קלוגער יונגאַטש, אַ יונג מיטביינער, אַ מענש מיט אַ פּיסק.

מאָטעל׳ס עלטערען זענען געוועזען געמיינע לייט און האָבען זיך קוים־קוים דורכגעשלאָגען דערמיט, וואָס דער פאָטער איז געוועזען... עס איז שווער צו זאָגען, וואָס ער איז געוועזען! ער איז געוועזען איי־נער פון די געפאַלענע נגידים און מיוחסים, וואָס פערנעמען תמיד דעם אויבענאָן סאַי אין קלויז, סאַי אויף אַ שמחה, און וואָס אַלע געדענקען, אַז זיי זענען אַמאָל געוועזען נגידים, מיוחסים. מע לאָזט זיי נישט אינגאַנצען פאַלען, זיי זאָלען דאַרפען חלילה געהן איבער

די הייזער. די שטאָדט שאַרט זיי צו יענע ברעקלעך, וואָס דאַרפֿען ממילא אַראָפּפאַלען; מע פֿרעגט ביי זיי אַמאָל איין עצה און מע פֿערלאָזט זיך אויף זיי מיט אַ בוררות, ווייל מע האַלט זיי פֿאַר קלו־גע לייט, פֿאַר קאָפּ־מענשען. מיט איינעם וואָרט, זיי זענען אָט דאָס. וואָס ווערד אָנגערופֿען: „די פֿינפֿטע ראָד צום וואָגען"... אָט אַזעלכער איז געווען מאָטעל'ס פֿאָטער אויך. און זיין מוטער האָט געהאַט אַ חוץ אַ פּרנסה: אַ קלייטעל אַ צעלניק, וואָס נאָר איין גאָט ווייסט דעם אמת, וואָס פֿאַר אַ סחורה דאָרט האָט זיך געקאָנט געפֿינען און ווי גרויס איז געווען דער פּדיון ביי איהר, מחמת דער מאַרק געדענקט שוין ניט די צייט, ווען עס זאָל אהין אַריינשמעקען אַ קונה. דאָך פֿלעגט זי פֿון קלייטעל ניט אַרויס־טרעטען, און האָט אַזוי אַ צייט מיט יאָהרען פֿערבראַכט אָט דאָ אויפֿ'ן ברעט־בענקעל, אַרויסקוקענדיג אויף אַ קונה, ביז די אויגען זענען איהר אויסגעטריקענט געוואָרען און איהר אַמאָליג שען גע־זיכט איז איינגעקנייטשט און איינגעשרומפּען געוואָרען אַזוי, אַז צו פֿערציג יאָהר איז זי שוין געווען איין אַלטע אידינע.

געלעבט האָבען זיי אין גרויס דחקות, און אָפּטמאָל איז נישט געווען אַפֿילו אויף אַ פּוד מעהל. נאָר מאָטעל געדענקט ניט, אַז זיין פֿאָטער זאָל זיין אַמאָל פֿערזאָרגט, אָדער ער זאָל אָכקען און קרעכצען אויף דער ביטערער צייט, ווי אַנדערע קבצנים; אדרבה, דאָס איז געווען אַ פֿריילינער קבצן, אַן אָפּגעפּוצטער און אַ רייד־נער, אַז ווען איהר גיט אויף איהם אַ קוק, וואָלט איהר זיכער גע־מיינט, אַז עס ליגען ביי איהם שווערע טויזענדער אין קאַסטען. מאָטעל געדענקט, ווי די מוטער פֿלעגט יאָ אַמאָל דעקוטשען דעם טאַטען וועגען דעם, וואָס מע זעהט נישט קיין קונה אין די אויגען; פֿלעגט זי דער פֿאָטער אָפּשטופּען מיט אַ ווערטעל. די מוטער אָבער האָט נישט געהאַלטען פֿון קיין ווערטלעך, פֿלעגט זי איהם זאָגען:

— אוודאי, ביי דיר איז אַלץ ווערטלעך, און מיר ווערען פֿאַר־קיהלט אַלע געבליטען, אַז איך נעם אויפֿ'ן קאָפּ און טהו אַ טראַכט,

וואָס וועט זיין מיט אונזער מאָטעלען? עס וואַקסט, אָהן עין־הרע, א בחור...

— עט, שטות׳עריי! — שלאָגט זי איבער דער פאָטער. — נארישקייטען, כלעבען! מיט אונזער מאָטעלען האָב איך שוין רוקא קיין דאגה ניט. אונזער מאָטעלע וועט זיין א גביר, דו הערסט צי ניין? אָט וועסט דו זעהן, אז ער וועט זיין, אם ירצה שם, א גביר!... איאָ, מאָטעל? הא? וואָס זאָגסט דו עפּים מכח דעם? דו ווילסט זיין א גביר?

ניט אזוי איז דערצויגען געוואָרען מאיר־קוואשע; ער איז אויסגעוואכסען דוקא אויף ראָסקאָש מיט פערגעניגען. די נאַטור האָט איהם ארויסגעלאָזט אויף דער וועלט א היבשען, א געפּאַקטען, מיט א געזונטען מאָגען און מיט גראָבע ליפּען, גלייך ווי זי האָט געוואוסט פאָראויס, אז איהם וועט די מוטער פון קינדווייז אָן כסדר שטאָפּען מיט פעטע קנישעס און קאָנפעקטען, פייגען, ניס און באָקסערען. אז מע האָט איהם א חאָפּ געטהאָן אין חדר, האָט מען ביי איהם שטענדיג געפונען אָנגעשטאָפּטע קעשענעס מיט עסענוואַרג, און מיר, זיינע חברים, פלעגען ארום איהם אָפּלעקען א ביינדעל, האָטש פון דער נאַטור איז ער ניט געווען קיין גוטער, — אדרבה, געווען איז ער דוקא א קאַרגער, ניט קיין פערגינער, נאָר מיר האָבען ביי איהם תמיד גענומען מיט גוואַלד, און דערצו נאָך געשענקט איהם אמאָל עטליכע בוכענצים, אזוי אז ער פלעגט זיך בעוואַשען מיט טרערען. וויפיעל מאָל פלעגט ארייגלויפען אין חדר אריין זיין מוטער, א גראָבע, א שווארצע אידינע, און צושטעלען אונז א בענקעלע צום רבי׳ן, ווי אזוי „דאָס קינד" (מאיר־קוואשע) קלאָגט זיך נעבאך, אז מע „אָביזשאַיעט" איהם, אז מע רייסט אויס ביי׳ם קינד דעם לעצטען ביסען פון מויל, אז דאָס קינד איז נעבאך שטענדיג הונגעריג, וועה און ווינד איז איהר! און אוועקגעהענדיג פלעגט זי איהם איבערלאָזען א גאַנצע טאָרבע מיט געבראָטענע פּופּקעס, העלזלעך, דארע קישקעס, קאָרענע לעקאך, צוקערקעס. טאָרט, צוקערלעקאך, וועלישע ניסלעך, באָקסערען וכדומה.

געוועהנליך, האָבען מיר איהם שטאַרק מקנא געוועזן און פּלעגען זיך אָן איהם נוקם זיין וואו מיר האָבען נאָר געקאָנט, און שטענדיג אויפגעוואָרפען איהם „דעם טאַטען דעם בעל־עגלה".

מע זאָגט, אַז אַמאָל, שוין גאַנץ לאַנג, איז זיין פאָטער געוועזן אַ בעל־עגלה. גאָט האָט איהם בעגליקט, איז ער געוואָרען פון אַ בעל־עגלה אַ ליוועראַנט (אַ פערד־הענדלער), און פון דעמאָלט אָן איז ער „אָנגעשטאָפּט מיט געלד ווי אַ גוי"... אַז ער האָט בעקומען געלד, האָט ער זיך אָנגעהויבען „איידלען", דהיינו: געקויפט זיך איין אָרט אין „מזרח", שבת — „שלישי" אָדער „שישי", ניט אַנדערש; בעקליידט זיך און דאָס ווייב און קינדער ווי עס דאַרף צו זיין; אַריינגעגעבען דריי „רייניגקייטען" אין די בתי־מדרשים אַריין און, וואו עס פּאַסט, געשענקט די שענסטע נדבה. און כאָטש דער בעל־עגלה איז איהם שטענדיג געלעגען אויפ'ן פּנים, דאָך איז דאָס וואָרט „בעל־עגלה" געוועזן פאַר איהם ערגער ווי גע'שמד'ט; זאָגען איהם הונדערט מאָל „גנב" איז איהם אַ סך אָנגענעהמער געוועזן, ווי מע זאָל איהם אויפוואַרפען, אַז ער איז געוועזן אַמאָל אַ בעל־עגלה, — חיות ניט זיכער!... און ווער שמועסט זיין ווייב — די האָט זיך נאָך מעהר „געאיידעלט" פון איהם; זיין ווייב האָט געשאָטען מיט גאָלד צוליעב כבוד, בכדי זי זאָל זיין לייטען גלייך; איהרע קינדער האָט זי אָפּגעגעבען צו די גרעסטע מלמדים פון שטאָדט; אויף שבת האָט זי גענומען צעהן אָרעמע לייט מיט אַ מאָל; אַלע גבאי'טעס זענען געוועזן איהרע איבערגעגעבענע אויף תמיד און האָבען זי געהויבען אויף דריקעם; שידוכים האָט זי געוואָלט טהון נאָר מיט די גרעסטע מיוחסים, און האָט געצאָהלט אַ סך געלד פאַר שניר מיט איידעמס, ניט אַזוי צוליעב די שניר מיט די איידעמס, ווי צוליעב די מחותנים מיט די מחותנת'טעס. אַז זי האָט חתונה געמאַכט אַ קינד, האָט זיך די חתונה געלאָזט הערען גאַנץ ווייט!

איצט קאָנט איהר אייך שוין פאָרשטעלען, ווי גליקליך זי איז געוועזן, אַז זי האָט אַ שידוך געטהאָן מיט רב לייבצי רב פּנחס'על'ס!

ווי גליקליך איז זי געווען, אז איהר מאיר'על איז רב לייבצי רב פינחס'על'ס איין אײדעם, און רב לייבצי רב פינחס'על'ס טאָכטער איז איהר שנור, און רב לייבצי רב פנחס'על'ס אליין א ׃ איהר מחותן, און רב לייבצי רב פנחס'על'ס ווייב איז איהר מחותנ.ת'טע!

רב לייבצי רב פינחס'על'ס איז געווען כל ימיו איין עני ואביון, נאָר ווייל ער קומט ארויס פון „גוטע אידען" און האָט געהאט עט־ליכע שענע טעכטער, האָט ער שוין קיין דאגות פרנסה נישט בע־דארפט האָבען: מע פלעגט איהם צוצאָהלען אין בייטעל אריין. אז מאיר־קוואשע איז געוואָרען זיין אײדעם, האָט מען איהם אָפּ־געצאָהלט אחת ואחת טויזענד רענדלעך, און דערפאר וואָס ער האָט געהאלטען דאָס פּאָרפאָלק אויף קעסט, האָט מען איהם אחוץ געצאָהלט חודש־געלד. זכות־אבות, דארפט איהר וויסען, איז נישט פון די קליינע זאכען!

זיין אײדעם אָבער, מאיר־קוואשע, אָדער מאיר רב לייבצי'ס, האָט זיך נישט געפיהלט אזוי גליקליך: איהם האָט דעם שוועהר'ס יחוס נישט אזוי שטארק געוואָרעמט; ער האָט פשוט געליטען הונגער און האָט נישט געקאָנט סובל זיין די חסידישע תנועות פונ'ם שוועהר, וואָס פלעגט איהם שטארק דעקוטשען, ער זאָל נעמען א אידיש ספר אין האנד אריין... אונזער מאיר־קוואשע איז קוים פּטור געוואָרען פונ'ם פינסטערען וויסטען חדר, און דאָ דערמאָנט מען איהם ווידער וועגען א „אידישען ספר"!

זעלבסטפערשטענדליך, אז ביי אָט אזעלכע אומשטענדען האָט דער אײדעם נישט געקאָנט הויזען מיט'ן שוועהר; זיי האָבען זיך צעקריגט, צעפּאטשט — און מאיר איז ארויס פון רב לייבצי פינחס'על'ס הויז אויף תמיד.

מאיר איז נים אנטלאָפען אהיים צו זיינע עלטערען, וועלכע האָבען זיך אזוי גע'יחוס'ט מיט'ן טייערען מחותן, — ניין; ער האָט זיך בעזעצט אויף א קליינער צייט ביי זיין אלטען חבר, ביי מאַטעל־מזיק, וואָס הייסט שוין היינט מאָטעל בערצי'ס.

דאָס דריטע קאַפּיטעל.

חתונה געהאַט.

מאַטעל בערצי'ס איז שוין געווען אַ סך גליקליכער פון זיין חבר מאיר רב לייבצי'ס.

בערצי ווינשענקער איז געווען אַ פּראָסטער איד, נאָר אַ וועלטמענש, איין אויסגעריבענער, וואָס איז דורכגעגאַנגען, ווי מע זאָגט, דורך פייער און דורך וואסער און דורך מעשענע רעהרען. אין דער יוגענד איז ער געוואַכסען אין אַ קליין שטעדטעל, און אַז ער איז געבליבען אַ יתום, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין אדעס, געשטעלט זיך אין אַ ווינקעלער פאַר אַ משרת, אָפּגעדיענט אַ סך יאָהרען, צונויפגעשלאָגען אַ היבשען קאַפּיטאַל, חתונה געהאַט און אַרויס אין דער דאָזיגער שטאָדט, וואו עס קומט־פאַר אונזער אמת'ע געשיכטע, און האָט זיך איינגעפיהרט דאָס געשעפט שטיל, נישט געפלוינגען, בעל־הבתיש. אויף די עלטערע יאָהרען, אַז זיין ווייב איז געשטאָרבען און אליין האָט ער זיך שוין געוואָלט אַ ביסעל אָפּרוהען, האָט ער געזוכט פאַר זיין איינציגער טאָכטער אַזאַ חתן, וואָס זאָל קאָנען פערטרעטען זיין אָרט און איבערנעמען דאָס געשעפט; דאָס זעלבע האָט אויך געמיינט זיין טאָכטער.

מלכה בערצי'ס (אַזוי האָט געהייסען זיין טאָכטער) איז ניט געווען אַזאַ פאַרשוין, ווי טייבעלע רב לייבצי'ס; דערפאַר איז זי געווען פונדאַמענטאַלער פון טייבעלע רב לייבצי'ס. טייבעלע האָט

טאקי געהאט שווארצע אויגעלעך, רויטע בעקעלעך, לאנגע ברעמען, שענע געקרייזעלטע האר, איין אויסגעטאקט נעזעל, אויסגעשניצטע ליפעלעך — זי איז אבער געווען אט דאס, וואס מע רופט אן א „רוחניות”, זעהר־זעהר איין איידעל בעשעפעניש, גרינג ווי א פעדער און לופטיג ווי א מלאך. מלכה דאגעגען האט געהאט גרויסע גרויע אויגען, לאנגע ליכטיגע האר, א ביסעל א גראבליכע נאז, פולע ליפען, און אליין הויך און גרויס, מיט לאנגע גראבע הענד — און פון דעסטוועגען נישט קיין מיאוסע. מאטלען איז זי פון דער ערשטער מינוט אן אזוי שטארק געפעלען געווארען, אז ער האט קוים דערלעבט די מינוט, די רגע, ווען זיינע עלטערען האבען זי גענומען צו זיך אויף שבועות. אך, אין די דאזיגע צוויי טעג האט געבאך אונזער מאטעל־מזיק איבערגעטראגען אלע שמערצען פון דער ערשטער ליעבע!

שטעלט אייך פאר: אט זעהט מאטעל מיט זיינע אויגען די דאזיגע, מיט וועלכער ער דארף אפלעבען א וועלט. אט קוקט זי אויף איהם מיט איהרע קלוגע גרויע אויגען. אט שמייכעלט זי, און דאס פנים פלאמט איהר פאר פרייד. אט הערט ער איהר קול. זי רעדט, נאר ניט צו איהם. זי לאכט, נאר ניט צו איהם. ער איז „א חתן”, און דארף זיך שעמען... אט פערקאטשעט זי די ארבעל, און איהרע ווייסע דיקע הענד בלייבען נאקעט — און ער, מאטעל נעבאך, איהר אייגענער חתן, טאר זי אפילו נישט קיין קוש טהון!... די מאמע מעג שטעהן און צעפלעכטען איהר די לאנגע, ווייכע, שמעקענדיגע צעפ, און ער, מאטעל, טאר ניט! און וואס פאר א פשוט'ע זיין כלה איז: זי קאכט אליין און באקט אליין און מאכט אזעלכע בלינצים, וואס צעגעהען זיך אין יעדען אבר! חאטש א ווארט איהר זאגען, חאטש א האלב ווארט, חאטש אנריהרען זיך אן איהר האנד, אן איהר קלייד! נאר — שא! אט געהט זי גלייך צו איהם, צו מאטלען... זי נעמט ביי איהם ארויס דעם גילדענעם זייגער פון דער קעשענע (דעם זייגער האט איהם דער מחותן געשיקט א מתנה) און פרעגט ביי איהם, צי עס גע־

פעלט איהם די מתנה? אָ! ער פיהלט, אז זי שטעהט נעבען איהם... ער ריהרט זי אָן אומגעהרען ביי דער האנד... זי קוקט אויף איהם און שמייכעלט... ער נעמט זי אָן שטארקער ביי דער האנד — זי לאָזט זיך... ער חאפּט איהר האנד און וויל זי א קוש טהון — קומט אָן די מאמע !...

דעם זעלבען שבועות איז אויך מאיר־קוואשע'ס כלה, טייבעלע רב לייבצי'ס, נעקומען אויף יום־טוב צו זיינע עלטערען. ניין, ניט רב לייבצי רב פינחס'על'ס טאָכטער איז נעקומען — דאָס איז גע־קומען עפּיס א פּרינצעסין, עפּיס א בת־מלכה פון טויזענד־און־איין נאכט: איידעל און לופטיג, איינגעטונקען אין זיידענס און אין גאָלד, קוים־קוים וואָס זי ריהרט אָן מיט'ן פיסעלע די ערד, א רוחניות, וואָס עסען עסט דאָס ווי א פייגעלע און פּישטשען פּיש־טשעט דאָס ווי א שוועלבעלע... מאָהלט אייך וויפיעל זילבער, וויפיעל גוטס האָט מאיר'ס מוטער ארויסגענומען פון די קאָס־טענס! וויפיעל האָט זי אָנגעקאָכט און אָנגעבאַקען לכבוד דעם דאָזיגען טייערען און ליעבען גאסט, וואָס אין הארצען פיהלט זי, אז זי איז ניט ווערטה צו זיצען מיט איהר ביי איין טיש! מאיר'ס פאָטער — דער האָט מורא אפילו א קוק צו טהון אויף דער כלה: ער ציטערט, טאָמער חלילה חאַפּט ער זיך ארויס מיט א גראָב וואָרט... און מאיר? מאיר איז רויט, ווי א צוויק. זיינע גראָבע באַקען זענען נאָך מעהר אָנגעבלאָזען, און דער שטערן שוויצט איהם מיט סכנת־נפשות! עס מאָהלט זיך איהם רק אויס, אז ער זיצט נישט אקוראט. ער רוקט אלע מאָל אָן דאָס היטעל שטאר־קער און שטארקער. ער באַראַבאַניעט מיט די קורצע גראָבע פינ־גער איבער'ן טעלער. דער פאָטער וואַרפט אויף איהם איין אויג און טרעט איהם אָן אויפ'ן פוס. נאָר דאַנקען גאָט, אָט טראָגט מען שוין דעם פאָלומעסיק מיט פיש. מאיר ווערד לעבעדיגער. מאיר האָט ליעב פיש פון תמיד אָן. ער עסט געשמאַק מיט אַפּעטיט און פּאַטשט מיט די ליפּען. דער פאָטער איז אויסער זיך. ער לענט אוועק לעפעל און גאָפּעל, ווערד רויט, ווי א צוויק, און קוקט

אויפ׳ן זוהן מיט אזא רציחה, ווי ער וואָלט איהם וועלען דורס זיין.

פון דעסטוועגען, אז ס׳איז געקומען צו דער חתונה, איז אויך דער פאָטער נכשל געוואָרען, געחאפּט איין איבעריגע כוסה, און די צונג האָט זיך איהם אויפגעבונדען. ער איז צוגעגאנגען צום מחותן, צו רב לייבצי רב פּינחס׳על׳ס, ארומגענומען איהם אויפ׳ן בעל־ענלה׳שען אופן און האָט איהם געפרעגט, אויף קאַטאָוועס, צי ווייסט ער דעם חילוק פון א פערד ביז א שקאפא און ביז א זשערעבעץ... א סקאנדאל! א סקאנדאל! דאָס זאָל געוועזן זיין פאר דער חופה, וואָלט רב לייבצי רב פּינחס׳על׳ס געוויס געפאָהרען צוריק אהיים. אצינד איז שוין געוועזן פארפאלען. א סקאנדאל! א סקאנדאל!...

אויף מאָרגען, אז מאיר׳ס פאָטער האָט זיך אויסגעניכטערט, האָט ער דעם מחותן מפצה געוועזן פאר דעם בזיון מיט מזומנים, און געזעגענענדיג זיך מיט׳ן זוהן, מיט מאיר׳ען, האָט ער איהם אויג אויף אויג אזוי געזאָגט:

— פארגעס ניט, זוהנא, דאָס... אז דו האָסט זיך פאפאדיעט צווישען מיוחסים, איידעלע לייט, וואָס דו ביזט ניט ווערטה זייער דאָס... זייער פאָדעשווע. צווישען איידעלע לייט וועסט דו זיך אויך אמאָל אויסאיידלען, מחמת דו ביזט נאָך דערוויל א דאָס... עס איז ניטאָ קיין ערגערס אויף דער וועלט פון א דאָס... און מכח געלט, פּרנסה, האָסט דו ניט וואָס צו זאָרגען, מחמת דו האָסט נאָך א דאָס... א געזונטען טאטען. אמת, נעכטען האָב איך זיך אביסעל דאָס... צעשאָקעלט, נאָר מען איז דאָך א דאָס... א מענטש. א גוי זאָגט א גלייכווערטעל... עס איז פארהאן, דאכט זיך, אויך א דאָס... א פּסוק אזא. הכלל, ברודער, שמיר און דאָס... איך מיין, פאָהר געזונטערהייד!...

אין דעם זעלבען טאָג האָט מאָטעל׳ס פאָטער אויך געהאלטען א רעדע פאר זיין זוהן, נאָר אויף איין אנדער אופן:

— נו, מיין ווייב, האָב איך דיר ניט געזאָגט, אז מיט מאָ־טעלען האָבען מיר קיין דאגה ניט, אז מאָטעל דארף זיין א גביר,

אם ירצה שם... הא? וואָס זאָגסט דו, מאָטעל? איאָ, איך בין נערעכט?... קוק ניט, וואָס דיין טאטע איז א קבצן. עס איז דרינגען פארהאן א סך צו רעדען!... אָבער דו דארפסט זיין א נגיד. דו מוזט זיין א נגיד מיט גאָט'ס הילף... דו הערסט צי נייִן? אָט ועסט דו געדענקען מיין וואָרט: זאָלסט מיך אָנרופען ליגנער, אז אין צעהן יאָהר ארום, נישט מעהר ווי צעהן יאָהר, וועט אונזער מאָטעל ארויסשיקען נאָך אונז א קארעטע מיט פיער ברענענדיגע שקאפּעס — אנדערש וויל איך ניט, דו הערסט צי נייִן? און מע וועט אונז ברענגען אין א דרייגאָרענדיגען מויער, דו הערסט צי נייִן? מיט גלעזערנע פאָדלאָגעס, מיט לאַנגע שפּיעגלען, דו הערסט צי נייִן? מיט טייערע פאָטעלען, דו הערסט צי נייִן? אָט דער עיקר איז, מאָטעל, דו פארשטעהסט צי נייִן, — דער עיקר איז היטען דאָס קערבעל דאָרט וואו מע דארף, דו פארשטעהסט צי נייִן? און דאָרט וואו מע דארף א ווייז טהון, א גלאַנץ טהון, עס זאָל יענעם א צופּ טהון ביי'ם הארצען און א בלענד אין די אויגען, — דאָרט טאָר מען ניט זיין קיין פארך, דו פארשטעהסט צי נייִן? און פיהרען זיך מיט א שוועהר, מיט א ווייב — דאָס דארף איך דיך ניט לעהרנען; דערויף ביזט דו ניט מאיר־קוואשע און דיינע עלטערען זענען ניט קיין בעלי־עגלות, דו פארשטעהסט צי נייִן?

דאָס פיערטע קאַפּיטעל.

ארױס פון קעסט.

„דו פארשטעהסט צי ניין? דו פארשטעהסט צי ניין?" — אָט די דאָזיגע װערטער האָבען אונזער מאָטלען געקלונגען א גאַנ־צען װעג אין די אויהערען, נאָר ער האָט זיי אין זינען געהאַט, װי דעם פאר־א־יאָהריגען שניי.

מאָטעל האָט פאר זיך איצט א גאַנצע װעלט!

װעמען הערט ער אצינד, אז זיין טייערע מלכה זיצט אָט דאָ ביי דער זייט, און ער פיהלט זי נעבען זיך, און עס מאָהלט זיך איהם אויס, אז נאָך אזא, װי מלכה, איז שוין גאָר אויף דער װעלט נישטאָ!

און װירקליך, נאָך אזא מלכה איז אויף דער גאַנצער װעלט נישטאָ! קיינער קאָן אזוי ניט ארומדרעהען זיך א גאַנצען טאָג אין שטוב, װי מלכה, אז עס זאָל זיין אי פריילִיך, אי אַלע ארבייט אָפּגעטהאָן; קיינער קאָן אזוי ניט קאָכען און באַקען אליין און געהן ארום זיך ריין, ציכטיג, װי מלכה; קיינער קאָן אזוי ניט פיהרען דאָס גאַנצע װיינגעשעפט און דערצו אין זינען האָבען דעם מאַן, אז ער זאָל עסען צו דער צייט, שלאָפען צו דער צייט און זאָל אויך ניט זיצען צונויפגעלעגט די הענד; קיינער קאָן אזוי ניט צושטעלען אזוי פיעל פערגעניגען דעם מאַן מיט'ן פאָטער און אװעקגעבען אזוי פיעל ליעבע, אזוי פיעל טריישאַפט, װי מלכה!

אָט וואָס מאַטעל שרייבט צו זיינע עלטערן:

„טייערע עלטערן! איהר שרייבט מיר, אז איך האָב אייך געשיקט א קורצען בריעף, איז דאָס דערפאר, ווייל איך בין שטארק פערנומען און קאָן זיך נים אָפּרייסען קיין צייט אפילו צו אייך א גרעסערען בריעף אמאָל אָנשרייבען! איהר ווייסט דאָך, אז מיין שוועהר האָט מיר איבערגעגעבען אינגאנצען זיין געשעפט, וואָס האָט איצט אָנגעהויבען נאָך בעסער געהן ווי פריהער, אזוי, אז איך מיט מלכה'ן האָבען שוין קיין הענד נים. צום מיינסטען געהט אָפּטאָווע פערקויף פון רוסישע ווייגען, און ביי אונז קויפט מען פון עטליכע שטעדט. ווען מיר זאָלען האָבען נאָך א צוואנציג טויזענד רובעל, וואָלטען מיר אויסגעשריבען אויך אויסלענדישע ווייגען, און דערפון וואָלטען מיר גאָר גליקליך געוואָרען. נאָר וואו נעמט מען אזוי פיעל קלינגערס? א דאנק גאָט דערפאר אויך; קיין גביר בין איך נים, נאָר א נגיד יאָ. דער שוועהר האָט שוין איבערגע־שריבען זיין גאנצען הויף מיט אלע קלייטען אויף מיין נאָמען. איך האָב היינטיגס יאָהר אריינגעטראָגען קאפּיטאל און בין שוין, דאנקען גאָט, לייטען גלייך — א קופּיעץ... מלכה וואָלט אייך אליין צוגעשריבען א גרוס, לאָזט זי נים דאָס קינד. זעהר א וואוילער יונגאטש, נאָר א גרויסער שרייער. שרייבט מיר, וואָס איז די מעשה מיט מאיר'ס פאָטער, וואָס ער וויל זיין אייגענעם זוהן נישט העלפען אפילו מיט קיין גוט וואָרט? דער דאָזיגער בעל־עגלה טראכט, אפנים, אין קבר אריין מיטנעמען דאָס געלד? א ביטערער רחמנות אויף מאיר'ען נעבאך מיט'ן וועיב: זיי בלאָנקען זיך דאָ ארום, און מיט'ן שוועהר, מיט רב לייבצי רב פינחס'על'ס, קאָן ער נים הויזען, און פאָהרען אהיים צום בעל־עגלה האָט ער מורא — א גאָט'ס רחמנות!"...

די זעלבע פּאָסט טראָגט נאָך א בריעף, פון מאיר'ען צו זיין מוטער (צום פאָטער האָט ער מורא צו שרייבען):

„ליעבע מוטער! איך האָב מיט גרויס דאנק מקבל געווען די הונדערט רובעל, וואָס דו האָסט מיר צוגעשיקט, און בין דיר מודיע,

אז עס איז שוין פון זיי נישטאָ קיין גראָשען. דיינע טרערען זענען ארויסגעוואָרפען: איך קאָן ביי׳ם שוועהר אויף קעסט ניט זיצען. טהו א קוק, ליעבע מוטער, אויף מיין חבר מאָטלען — ער איז דאָס גליקליך! מע זאָגט, אז ער שוין א גביר, — און איך בין געבליבען ביי׳ם יחוס! איך בין א גרויסער בעל־הוצאה, וואָרום מיין טייבעלע איז ניט גלייך צו מלכה בערצי׳ס, וואָס לויפט אליין אין קעלער אריין נאָך וויין און שטעהט ביי׳ם אויוועז! מיין טייבעלע איז דערצו נישט געוועהנט געוואָרען; זי זאָגט, אז זי איז א גביר׳ס א שנור, קאָן זי זיך פערגינען האלטען צוויי דיענס־טען, וואָרום ווען ניט דאָס, וואָס מע זאָגט, אז מיין טאטע האָט א סך געלד, וואָלט זי מיך גאָר ניט געוועזן גענומען... זי איז דען ניט גערעכט? הייגט האָבען מיר דאָך שוין א קינד אויך, דאנקען גאָט. אפילו זעהר א שען מיידעלע, ווי צוויי טראָפּען וואסער טייבעלע, נאָר מע דארף איין אם... לכן בעט איך דיך, ליעבע מוטער, האָב רחמנות אויף דיין קינד און לאָז מיך ניט פאלען! זאָג דעם טאטען, דעקוטשע איהם — ביז וואנען איז דער שיעור?"...

פון די דאָזיגע צוויי בריוולעך זעהט דער לעזער ארוים, אז איינער פון אונזערע העלדען הויבט ערשט אָן צו לעבען אויף דער וועלט, און דער צווייטער ליגט טיעף־טיעף אין דער ערד און באקט בייגעל! און אפילו שפּעטער, אז מאיר האָט נאָך זיין פאָטער׳ס טוידט בעקומען ירושה הונדערט טויזענד רובעל, איז זיין לעבען דערפון נישט בעסער, נישט זיסער געוואָרען.

א קוק טהון אויף מאיר׳ען, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אז ער לעבט זיך גאנץ צופריעדען: די זעלבע אָנגעבלאָזענע באקען מיט׳ן גלאנצענדיגען שטערן; די זעלבע פולע רויטע ליפּען, וואָס פריהער; דערצו האָט ביי איהם נאָך אָנגעהויבען וואכסען א בייכעל מיט א שענער קיילעכיגער שווארצער באָרד, אזוי אז ער האָט בעקומען א פּנים פון א פיינעם נגיד. און חאָטש אפילו אין איהם זענען פערבליבען אייניגע אָפּשניצלעך פון דעם פאָטער, ווי דאָס וואָרט „דאָס" נאָך יעדער פראזע וכדומה אזעלכע מאניערען,

פון דעסטוועגען האָט ער זיך שטאַרק „אויסגעאיידעלט״, אַזוי, אַז עס איז שווער געווען צו דערקענען, צי איז מאיר אַ איד פון לער־נען, צי אַ גראָבער יונג? היינט האָט ער שטאַרק ליעב געקריגען בענוצען לשון־קודש־ווערטער, וואו מע דאַרף און וואו מע דאַרף ניט. דערפאַר אָבער האָט ער ביי זיך אין שטוב אויפגעפיהרט זיך גאָר נישט מעשה למדן און אַריסטאָקראַט, דהיינו: אַז ס׳איז געקומען צו דער טיי, האָט ער געמוזט אַראָפּוואַרפען פון זיך די קאַפּאָטע מיט די שטיוועל, און אַזוי, האַלב־נאַקעט און באָרוועס, זיצען און שוויצען איבערן סאַמאָוואַר... אַך, וויפיעל טרערען האָט דערוויף טייבעלע פערגאָסען! וויפיעל טעג און נעכט האָט מאיר אַליין איבער דעם צוגעקרענקט! נאָר פאַרפאַלען! איהר וועט שוין מאיר־קוואַשע ניט איבערמאַכען. אַזאַ איז ער געבוירען געוואָרען ביי זיין טאַטען און אַזאַ וועט ער שוין שטאַרבען!

ווי לאַנג האָט מאיר געקלאָגט נאָך זיין פאָטער — דאָס קאָנען מיר ניט וויסען; מיר וויסען נאָר, אַז וויבאַלד ער האָט נאָר בע־קומען די ירושה אין דער האַנד אריין, האָט מאיר נישט געוואוסט, וואָס טהוט מען מיט אַזאַ סומע געלד? און ווער ווייסט, וואָס מיט מאיר׳ס געלד וואָלט געוואָרען, ווען זיין אַלטער חבר מאָטעל וואָלט איהם ניט געקומען צו הילף און בייגעשטאַנען אין זיינע נויטען!...

מיר קאָנען נישט אָפּלייקענען, אַז מאָטעל פלעגט ניט איין מאָל מיטהעלפען זיין אַלטען חבר ביי דער נויט, און טייבעלע איז איהם געווען זעהר דאַנקבאַר און האָט תמיד געשעצט מאָטלען פיעל העכער פון מאיר׳ען, און האָט שטענדיג מקנא געווען מלכה׳ן, וואָס זי האָט אַזאַ מאַן, ווי מאָטעל. זאָל אָבער דער לעזער קיין טעות ניט האָבען און ניט מיינען חלילה, אַז טייבעלע האָט ליעב געהאַט מאָטלען און פיינט געהאַט מאיר׳ען; חס ושלום! מיר זענען דאָך עפּיס אידען, ניט קיין גויים! טייבעלע האָט מקנא געווען מלכה׳ן אויפ׳ן מאַן, גלייך ווי זי האָט איהר מקנא געווען אויפ׳ן זיידענעם מענטעלע, אויף די פּערעל, אויף דער שטוב, אויף די קינדער.

טייבעלע האָט דאָס גאָר ניט געלייקענט פאַר מאיר'ען אליין און פלעגט איהם גאַנץ אָפטליך ארויסזאָגען דעם אמת, אז ער קומט ניט צו מאַטלען, ווי הימעל צו דער ערד; אז מאַטעל איז טאַקי פּאַרט אַ מענש, און ער, מאיר, איז געוועזן אַ קוואַשע און וועט בלייבען אַ קוואַשע! אפילו אַצינד, אז מאיר האָט בעקומען די ירושה, האָט איהם טייבעלע ניט אויפגעהערט צו טאַטשען:

— דאַרפסט געוויס דאַנקען מאַטלען, וואָס ער וויל דיך צו־נעמען פאַר אַ שותף, אזא באַבע אין פּאַסטעלעס, ווי דו ביזט! מעגסט זיין זיכער, אז מאַטעל וועט שוין האַרעווען פאַר דיר אויך, און דו וועסט זיך ווייטער גלעטען דאָס בייכעל און ארומגעהן, ווי אַ לעהמענער גולם, פון שמוני'ן צו בוני'ן, און רעדען פון פּאָלי־טיקע, גלייך ווי דו ווייסט אפילו, וועד עס האָט דיך געשלייערט!...

— נו, טייבעלע, גענוג שוין, כלעבען! גענוג שוין דיר דאָס... ביזט אפשר טאַקי דאָס... גערעכט, אָבער ניט אזוי דאָס... ניט אינגאַנצען!

— צי איך בין גערעכט? אודאי בין איך גערעכט! איך פרעג דען ביי דיר, צי איך בין יאָ גערעכט, צי ניט גערעכט? געפעלט דיר אַ ביסעל איין אויסשמועס פון אַ לאַנד־חכם?!...

— ניין, טייבעלע, איך מיין ניט דאָס! איך מיין דאָס! איך זאָג דאָך אליין דאָס!...

— דאָס־דאָס, דאָס־דאָס! מעהר הערט מען פון דיר ניט אז „דאָס"! דיין „דאָס" ליגט מיר שוין אָט־אָ־דאָ! געה שוין, געה אוועק פון מיר, לאָמיך דיך חאָטש ניט אָנקוקען!...

שטיל, אָהן ווערטער, געהט מאיר אוועק פון טייבעלען, ציהט זיך אוים אויף דער קאַנאַפּע מיט'ן פּנים ארויף צו דער סטעלי און שוויצט, און דאָס פּנים איז איהם רויט, ווי אַ צוויק.

דאָס פינפטע קאַפּיטעל.

„רעפּאַ פרידמאַן עט פּוהרמאַן".

אָט וואָס פאַר אַ שילד מיט גאַנץ גרויסע גילדענע בוכשטאַבען עס הענגט אויף דעם וויין־סקלאַד פון מאַטעל־מזיק און מאיר־קוואַשע.

אַמאָל, גאָר אַמאָל, מיט אַ יאָהר פופציג צוריק, איז געווען אויף דער וואַנד אָנגעשריבען מיט שווארצע אותיות אויף אידיש: „בכאן מוכרים יין גפן כשר לפסח". ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטען דעמאָלט, אַז פון יענעם אָרעמען צניעות'דיגען לשון־קודש־ברעטעל וועט אַמאָל אויסוואַכסען אַ גרויסע ליכטיגע שרייענדיגע שילד מיט גאָלדענע אותיות!

און דער סקלאַד גופא? דאָס איז שוין נישט יענער קעלער, וואָס איז געווען אַמאָל פאַר בערצי וויינשענקער — ניין! דאָס איז שוין אַ גרויסער שענער מויער מיט עטליכע אָפּטיילונגען, און אויף יעדער אָפּטיילונג הענגט איין אַנדער ברעטעל: דאָ פערקויפט מען אויסלענדישע וויינען און ליקערען; דאָ — באַקאַליינע סחורה; דאָ — געזאַלצענע זאַכען. עס פליהען אַרום פּריקאַזטשיקעס מיט ווייסע פאַרטיכער און מע רעדט אויף רוסיש. ביי דער זייט, אַקעגען דער טיר, ביי אַ קאַנטאָרקע, שטעהט אַ קאַסיר מיט אַ פעדער, פערשטעקט הינטער'ן אויהער, און קלאַפּט אַ גאַנצען טאָג אויף די ביינדלעך. זעלטען־זעלטען זעהט מען דורכ־

ליפען פרידמאַנען (אונזער אַלטער בעקאַנטער — „מאַטעל־מזיק") מיט אַ פּאַק חשבונות אין דער האַנד. אונזער מאַטעל האָט זיך גיט שטאַרק פערענדערט פון יענער צייט, וואָס מיר האָבען איהם אוועקגעוואָרפען ביי זיין שוועהר אויף קעסט: דער זעלבער פריי־ליכער לעבעדינגער מאַטעל, וואָס אַמאָל, נאָר בענייט מיט אַ קליין בערדעל, אייראָפּעאיש געקליידט, מיט אַ קאַפּעליש אויפ'ן קאָפּ, און, ווי אַמאָל, גיך־גיך גערעדט, געלאָפען, ניט געגאַנגען, וואָרפענדיג מיט די לאַנגע הענד, ווי אַ ווינדמיהל מיט די פליגעל, און אויפ'ן פּנים אַ שמייכעלע פון אַ פערנומענעם מענשען, וועלכער האָט פער־געניגען דערפון, וואָס ער איז אַזוי פערנומען.

נאָך זעלטענער זעהט מען אַריינגעהן אין קאַנטאָר אַריין דעם העררן פוהרמאַן (אונזער בעליעבטער „מאיר־קוואַשע"). זעהט איהר, דער הערר פוהרמאַן האָט שוין דוקא אַ פּנים פון איין עושר: סאָליד און גראָב, געהט אַ ביסעל שווערליך ביי דער ערד, מיט אַ שענער קיילעכיגער שוואַרצער באָרד, די באַקען תמיד מיט אַ פאַרב, די ליפּען גראָב און רויט, און אַז ער געהט, שטעלט ער זיך אָפּט אָפּ אויפ'ן וועג און בלאָזט זיך אָפּ אַ ביסעל, די פּאַלעס צענומען, און אַ שענע ווייסע מאַנישקע מיט אַ שוואַרצען ברייטען זשילעט געמען־אַרום גאַנץ פעסט זיין קיילעכיג בייכעל, וועלכס האָט אַ השגה צו ווערען מיט דער צייט נאָך קיילעכיגער. ער געהט אַריין צו זיך אין „קאַנטאָר" אַריין (אַזוי רופט מען די קלייט, וואו דער קאַסיר שטעהט ביי'ם טישעל און קלאַפּט אויף די ביינדלעך) זעהר שטרענג, מיט גרויס קוראַזש, און פיהרט זיך מיט די מענשען זעהר שטרענג; „ער בלאָזט פון זיך", ווי מע רופט דאָס. און מע האָט טאַקי פאַר איהם דרך־ארץ, בעת ער קומט אַריין, הגם מע לאַכט פון איהם און מע קרימט איהם איבער צווישען חברה פּריקאַזטשי־קעס, בעת ער געהט אוועק. ער האָט זיך זיין אייגענעם שטוהל אין „קאַנטאָר", אויף וועלכען ער צעלעגט זיך מיט גרויס גדלות, ווי ביי'ם טאַטען אין וויינגאָרטען. און יעדעס מאָל, וואָס ער געהט אַריין, מוז ער עפּיס זאָגען אַ דעה:

— דער דאָזיגער וויין איז א ביסעל צו דאָס... מע דאַרף אויסשרייבען אנדערע הערינג, מחמת זיי זענען שוין געוואָרען דאָס... איהר זאָלט מיר אויף ביינאכט צוגרייטען א חשבון פון אַלע דאָס...

און חאָטש אַלע האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, אז דער הערר פוהרמאַן פערשטעהט אזוי וואָס אין חשבון טהוט זיך, פונקט ווי דער האָהן פערשטעהט אין „בני־אדם", דאָך האָט מען איהם דעם חשבון געמוזט ברענגען, און ער האָט אויף מאָרגען געגעבען דעם קאַסיר א מיאוסען פּסק:

— וואָס פאַר א דאָס האָט איהר מיר נעכטען געגעבען? איך האָב פיינט אַזעלכע דאָס!...

און קוים איז ער אַרויסגעטרעטען פון קאַנטאָר, אזוי האָט זיך יוסעלע דער משרת תיכף ומיד צעלעגט אויפ'ן שטוהל מיט'ן בויך אַרויסגעשטעלט, פונקט ווי דער הערר פוהרמאַן, און בלאָזענדיג און פּעבקענדיג, האָט ער איהם איבערגעקרימט:

— וואָס איז דאָס פאַר א דאָס? איהר זאָלט מיר דאָס!...

צווישען חברה פּריקאַזטשיקעס ווערד א געלעכטער. עס איז דערגאַנגען דערצו, אז איינמאָל איז דערפון פרידמאַן געוואָהר געוואָרען, האָט ער יוסעלע דעם משרת דורכגעטריבען. פריד־מאַן האָט נישט געוואָלט, מע זאָל לאַכען פון זיין שותף! פריד־מאַן האָט געלעבט זעהר גוט מיט פוהרמאַנען! אין יענער צייט איז פוהרמאַן געווען דער „געלד־שידוך"; זיין גאַנצע ירושה, די הונדערט טויזענד רובעל, האָט ער אריינגעבראַכט אין געשעפט אריין, און אויף אַלע פּאַפּיערען איז געווען גע'חתמ'עט פוהרמאַן גלייך מיט פרידמאַנען. חתמ'ענען זיך האָט פוהרמאַן זעהר ליעב געהאַט; אז עס איז געקומען צום חתמ'ענען זיך, האָט ער פערקאַטשעט די אַרבעל, אוועקגעזעצט זיך מעשה מיניסטער און א שנייד געטהאָן דעם נאָמען „מאיר פוהרמאַן" מיט אזא קוראַזש און מיט אזוי פיעל דריידעלעך און פלעכטעלעך, אז עס איז אויסגעקו־

מען א קוילעטש פון אויבען, א קוילעטש פון אונטען, צוויי בייגעל ביי די זייטען און אין מיטען עטליכע שטעקעלעך מיט פינטעלעך.

מע קאָן זאָגען, אז די דאָזיגע חתימה איז קיינעם ניט אזוי שטאַרק געפעלען געווען, ווי איהם אליין, און טאַקי דעריבער האָט ער קיינמאָל ניט געקוקט, אויף וואָס ער חתמ׳עט זיך; אבי די חתימה זאָל אויסקומען מעהר פערדרעהט און פערפלאָכטען. הלואי וואָלט פוהרמאַן מעהר אריינגעקוקט אין דעם, וואָס פרידמאַן הייסט איהם זיך חתמ׳ענען, וואָלט אפשר געווען פיעל נוצליכער און גע־זינטער פאַר איהם!...

פוהרמאַן האָט אָבער נישט געהאַט קיין שום סבה ניט צו גלויבען און ניט צו פערלאָזען זיך אויף זיין חבר, אויף זיין שותף פרידמאַן. ערשטענס, קען ער דאָך מאָטלען פון קינדווייז אָן פאַר איין עהרליכען; צווייטענס, האָט פרידמאַן פון זיינטוועגען גע־טהאָן אזוי פיעל, וואָס מע טהוט ניט אפילו איין אייגענעם ברו־דער; דריטענס, איז פרידמאַן אליין איין עושר; און ועל כולם, ווען ער זאָל זיך ניט פערלאָזען אויף פרידמאַנען, מוז ער דאָך אליין זיין אומעטום, אכטונג געבען אויפ׳ן געשעפט, אריינקוק־קען אין די חשבונות — און דאָס איז שוין א צו שווערע הלכה פאַר מאיר־קוואַשע! גענוג פאַר איהם, וואָס ער מישט זיך צווי־שען די פריקאַזטשיקעס, זאָגט זיי דעות שטענדיג, רייסט זיי אויס פאַר איין איבעריגען גראָשען, זשאַלעוועט עסען די משרתים, הויבט־אויף א גוואַלד פאַר א ביסעל ווייז, וואָס מע האָט אומ־געהרען פערגאָסען, רייסט־אראָפּ שבירות ביי׳ם סטאָראָזש און פיהרט זיך אויף בכלל, ווי עס דאַרף זיך אויפפיהרען א שטרענגער בעל־הבית, וואָס היט אָפּ דאָס געשעפט...

פרידמאַן האָט דאָס געזעהן און איז געווען פון דעם זעהר צו־פריעדען: געוויס, געוויס, אזוי דאַרף זיך טאַקי פיהרען א בעל־הבית! — און אליין האָט ער זיך גענומען צום חשבון...

פריהער, אז זיין שוועהר בערצי וויינשענקער איז געשטאָרבען, האָט ער איהם איבעריגעלאָזט איין איינגעפאַלענעם ווינקעלער, איין

אַלטיג שטוב מיט א ז"גמען — און נישט מעהר! דאָס ביסעל קאַ־פּיטאַל, וואָס מאָטעל פרידמאַן האָט צונויפגעשלאָגען, האָט ער אריינגעבראָקט אין דער דירה, וואָס ער האָט זיך אויסגעבויט, מיט'ן קעלער, וואָס ער האָט צורעכט געמאַכט, און ווייל ער האָט שוין געהאַט א נאָמען, האָט ער אראָפּגעבראַכט א טראַנספּאָרט וויין אויף קרעדיט, און זיצענדיג אזוי איינמאָל אין א ווינטערנאַכט אי־בער די חשבונות, האָט ער שטיל א רוף געטהאָן זיין ווייב:

— מלכה, קום נאָר אהער אויף א ווײַלע!

— וואָס איז, מאָטעל?

— מלכה, מיר שטעהען שמאָל, מלכה! דו זעהסט? אָט איז דער חשבון איינגאַנצען פאַר די אויגען: עס געהט אונז אָפּ. טרעף וויפיעל?

— וויפיעל? וויפיעל?

— פינף טויזענד זענען מיר שולדיג, און צעהן טויזענד דאַר־פען מיר האָבען צום מארק. מיר מוזען דאָס האָבען! פופצעהן טוי־זענד מוזען מיר האָבען, דו פארשטעהסט צי ניין?...

נו, איז דען א חידוש, וואָס מאָטעל האָט צוגענומען מאיר'ען פאַר א שותף, און וואָס פרידמאַן און פוהרמאַן זענען געוואָרען פערבונדען מיט פריינדשאַפט און מיט ליעבשאַפט נאָך מעהר, ווי אמאָל, ווי אין די יונגע יאָהרען?

נאָר ווי זייער פריינדשאַפט און זייער ליעבשאַפט איז גרויס געוועזען, אזוי איז די פריינדשאַפט מיט דער ליעבשאַפט צווישען זייערע ווייבער געוועזען הונדערט מאָל אזוי גרויס און אזוי שטארק. דאָס איז געווען א ברענענדיגע ליעבע צווישען צוויי לייבליכע שוועסטער, וואָס זענען איבערגעגעבען איינע דער אַנדערער מיט'ן לעבען, מיט'ן גוף און מיט דער נשמה!

דער דאָזיגער שענער געשיכטע פון דער ריהרענדיגער פריינד־שאַפט צווישען די צוויי יונגע פרויען שענקען מיר אין אונזער ער־צעהלונג נאָר א בעזונדער קאַפּיטעל.

דאָס זעכסטע קאַפּיטעל.

א זעלטענע ליעבע צווישען צוויי פּרויען.

פריהער, מיידעלוויז, האָבען זיי זיך גאָר נישט געקענט. דאָס הייסט, וויסען האָבען זיי דוקא געוואוסט איינע פון דער אנדערער: טייבעלע רב לייבצי'ס האָט געוואוסט, אז ביי בערצי וויינשענקער איז דאָ א טאָכטער, א גראָבע מויד, וואָס קען זיך מיט אלע שכורים פון איהר פאָטער'ס וויינשענק, און נעמט־צו געלד אום שבת, און גיט אויסגאָב אום שבת, און איז שוין אָנגעשטאָפּט מיט יאָהרען, און איז שען „ווי מיינע צרות" און נאָך, און נאָך... און מלכה בערצי'ס האָט געהערט, אז ביי רב לייבצי רב פּינחס'על'ס איז דאָ א טעכטערל, א קליינס און א גרינס, קוים וואָס עס רעדט, בייז ווי א יאַשטשערקע, קוקט נישט גלייך אויף קיין מאנסביל און געהט־אויס נאָך אלע שניידעריונגלעך, און נאָך, און נאָך... ערשט דערמאָלט האָבען זיי זיך אָנגעקוקט רעכט, בשעת זיי זענען געוואָרען כלות פון איין שטאָדט — דערמאָלט האָבען זיי זיך גוט בעטראכט פון קאָפּ ביז די פיס; איינע האָט געוואוסט, וויפיעל קליידלעך און וואָס פאר א שאלעכעל די אנדערע האָט, און וויפיעל ארשין בלאָנדען זי האָט זיך געקויפט, און וואָס פאר א מתנות דער חתן האָט איהר געשיקט, — און ביידע האָבען זיי געטראָגען גלייכע שמערצען: מלכה האָט מקנא געווען טייבעלען אויף דעם טייערען בראָש מיט די אויהערינגלעך, וואָס איהר רייכער מחותן האָט איהר

געשיקט, און טייבעלע האָט שיער ניט געפּלאַצט, קוקענדיג אויף מלכה'ס סאַמעטענעם בורנאָס מיט שליאַמעס, וואָס בערצי ווייג־שענקער האָט איהר געמאַכט צו דער חתונה.

ערשט נאָך דער חתונה, אַז זיי זענען זיך צונויפגעקומען צו־זאַמען מיט זייערע מאַנען, וועלכע האָבען זיך געמאַכט גאַנץ אָפּטע וויזיטען, ווי אַלטע חברים, ערשט דעמאָלט האָבען זיך די דאָזיגע צוויי יונגע ווייבלעך בעקענט פּערזענליך, און אַך! ווי ליעבליך, ווי פריינדליך זיי האָבען זיך צערעדט צווישען זיך, קנאַקענדיג די ניסלעך און פערטרינקענדיג מיט קאַלט וואַסער און מיט אַלערליי איינגעמאַכטסען, ווי עס פיהרט זיך ביי אונז. עס האָט זיך זיי אויסגעוויזען, אַז זיי קענען זיך שוין פון הונדערט יאָהר, און פון וואָס האָבען זיי נישט איבערגעשמועסט אין דעם ערשטען מאָל? די קאַסטענס מיט די שאַפעס האָבען זיך געעפענט, אַלע מלבושים זענען אָנגעמאָסטען געוואָרען, אפילו די ציכלעך פון די קישענס, אפילו דאָס גרעט איז אַרויס אויף דער סצענע, און דאָס אָנקוועלען מיט דער שמחה איז גאָר ניט צום בעשרייבען!

און זייערע מאַנען, מאָטעל מיט מאיר'ען, זענען, געוועהנליך, געזעסען אין אַ בעזונדערען חדר און האָבען זיך, ווי דער שטייגער איז ביי יונגע איידעמס, געשפּיעלט אין שאָך ביז זייגער צוועלף אין דער נאַכט, און אַז זיי האָבען זיך שוין אָפּגעזעגענט און גע־קליבען זיך געהן אהיים, זענען זייערע ווייבלעך נאָך אַלץ געזעסען איינגעלעבט איינע אין דער אַנדערער און האָבען געהאַלטען פּונקט אין מיטען אַ אינטערעסאַנטען שמועס, ווי אַזוי זי, מלכה, האָט דאָס ערשטע מאָל גערעדט מיט איהר חתן, און ווי אַזוי זי, טייבעלע, האָט זיך געפיהרט מיט איהר מין באַלד נאָך דער חתונה.

— אהיים! אהיים! שוין צייט אהיים! — האָבען די מאַנען זיי אָנגעהויבען אונטערצוטרייבען.

— אָט באַלד! אָט באַלד! — האָבען די ווייבער געענטפערט, גאָרניט געקאָנט זיך אָפּרייסען איינע פון דער צווייטער.

— לאָזט שוין איבער אויף נאָך אַ מאָל! — האָבען די מאַנען געזאָגט מיט אַ געלעכטער.

— זעה נאָר, ווי זיי זעצען די נשמה! — האָבען די ווייבער געענטפערט אויך מיט אַ געלעכטער און האָבען זיך ביי׳ם געזעגענען אַזוי שטאַרק געקושט, גלייך ווי זיי וואָלטען זיך אָפּגעזעגענט אויף אייביג.

קומענדיג אַהיים און אַריינלעגענדיג זיך אין בעט אַריין, האָט טייבעלע געזאָגט צו מאיר׳ען:

— מע זאָגט, אַז פון אַ חזיר׳שען עק קאָן מען קיין שטריימעל ניט מאַכען... פּאָרט בערצי׳ס אַ טאָכטער! ביי מיין טאַטען וואָלט שוין אַ קינד ניט גערעדט אַזעלכע מיאוסע, גראָבע ווערטער! און ווי געפעלט דיר אַ ביסעל, ווי זי האָט זיך עס צעלעגט מיט איהרע שמאַטעס? בלעבען, מאָטעל איז שוין אַ סך לייטישער פון איהר, חאָטש ער ציטערט אַזוי איבער איהר. איך ווייס ניט, וואָס האָט ער אין איהר אַזעלכעס דערזעהען, וואָס ער פאַרקעוועט אַזוי אַרום איהר?...

אין דער דאָזיגער מינוט האָט זיך מלכה צעגאָסען פאַר גע־לעכטער, ליגענדיג ביי זיך אין בעט:

— חאַ־חאַ־חאַ! ווי אַ סאָראָקע אויף אַ חזיר — חאַ־חאַ־חאַ! און וואָס פאַר אַ באָלוואַן ער איז! יאַרעמע דער סטאָראָזש — חאַ־חאַ־חאַ! פּאָלאָזשים, איך בין איהם ניט מקנא: זי איז אויך נישקשה פון אַ שלאַק! אַ סחורה!... איך האָב געהערט פון איהר נאָך מיידעלווייז, אַז זי שלעפּט די דיענסטען פאַר די צעפּ. דער־פאַר אָבער געהט זי מיט צוויי צוויעקעס אין די אויהערען, און זיי פּאַסען איהר, ווי מיינע וועהטיגען! ביזט עפּים אַ מבין, מאָטעל, אויף זיינע ליפּען? חאַ־חאַ־חאַ! און זי קוועלט נאָך אָן פון איהם, חאַ־חאַ־חאַ!...

דאס זיעבעטע קאפיטעל.

אוים שותפות — צעשלאגנע די קאמפאניע.

אין דער צייט, בעת די פירמע „פרידמאן עט פוהרמאן" האט ארויסגעשטעלט די בעקאנטע גילדענע שילד אויף דעם סקלאד פון ווייז מיט די קלייטען, האבען די שותפים זיך בעזעצט ביידע אויף דעם אויבערשטען שטאק פונ'ם מויער, אין וועלכען די סקלאדען האבען זיך געפונען, און אזוי האבען זיי געקאנט, קוקענדיג אין פענסטער, קלויבען נחת פונ'ם גרויסען געשעפט, וואס איז אלע מאל געגאנגען בעסער און בעסער, חאטש זייערע שונאים האבען געזאגט, אז דאס קאן ניט אויסגעהאלטען ווערען, און פרידמאן און פוהרמאן וועלען מוזען אין גיכען אנזעצען. פרידמאן און פוהרמאן האבען געהערט, וואס די וועלט רעדט פון זיי, און האבען זיך אין הארצען אויסגעלאכט פון די דאזיגע „לייטישע מיילער", און האבען זיך געטהאן זייערס: פרידמאן איז געזעסען איבער די ביכער און האט געהיט דעם חשבון, ווי א הונד די שוועל, און פוהרמאן האט פערריסען די נאז אזוי הויך און ארויסגעשטעלט דעם בויך מיט אזא גדלות, ווי עס וואלט שוין גאר ניט זיין קיין גלייכען צו איהם אויף דער גאנצער וועלט. ווער וואלט געזאגט, אז אט דעם זעלבען פוהרמאן קאנט איהר טרעפען צו יעדער צייט אין דער היים איבער א טאפ קארטאפלעס און הערען, ווי ער רייסט אוים די דיענסט פאר איין איבעריגען צעהנדליג אייער, וואס זי האט געקויפט?

אז זיין נאָמען האָט אָנגעהויבען זיך הערען אויף דער וועלט, האָבען זיך צו איהם א לאָז געטהאָן קרובים פון אַלע זייטען: אַלערליי פעטערס, מוהמעס, שוועסטערקינדער, מחותנים, אזוי גוטע בעקאַנטע, חברים. לכתחילה איז פוהרמאַן געווען שטארק צופריע־דען, וואָס דער אָדער יענער קרוב איז געקומען צו איהם צו־גאַסט; ער האָט איהם געמאַכט אזא ברייטען „ברוך־הבא", אז דעם קרוב האָבען זיך געשטעלט טרערען אין די אויגען פאַר פרייד און פאַר דאַנקבאַרקייט.

— אָבער איך האָב געוואוסט, מאיר, דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט, אז דו האָסט מיך ניט פאַרגעסען!...

מאיר האָט איהם גענומען אונטער דער האַנד און האָט איהם אויסגעפיהרט איבער אַלע חדרים, געוויזען דאָס מעבעל, דעם גאַנ־צען הויף, די קליימען, דעם קעלער — אַלץ, אַלץ! דער קרוב האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און נאָר געזאָגט: „ס ס ס ס ס ס !..." נאָכ־דעם האָט איהם מאיר געזעצט ביי'ם טיש אויבענאָן, געלעגט איהם אין טעלער אריין דאָס שענסטע און דאָס בעסטע און האָט געקאָ־מאַנדעוועט מיט'ן משרת:

— אליק, א פלאַש דאָס... באַרדאָ! אליק, פון דעם בעסטען דאָס...

אָנגענאָסען דעם קרוב דאָס ערשטע גלאָז וויין, האָט ער איהם דערצעהלט, וואָס פאַר א וויין דאָס איז, וויפיעל ער קאָסט און וועלכע פריצים טרינקען דאָ אזא וויין.

נאָר וויבאַלד דער קרוב האָט נאָר אָנגעהויבען פערהיסקען זיך און דערצעהלען, וואָס פאַר א ביטערע צייט היינט איז, ווי אזוי די פרנסה איז געשלאָגען, ווי אזוי מע ווערד אויסגעריסען, ווי אזוי ער האָט נעבאַך געהאַט איין אומגליק אויף זיך, עפּיס א שרפה, א פּראָצעס, — אזוי האָט זיך ביי פוהרמאַנען א ריס געטהאָן אין הארצען: ער האָט באַלד דערפיהלט, אז דאָ איז עפּיס ניט גלאַט, אז דאָס שמעקט מיט געלד. האָט ער אָנגעהויבען פינטלען מיט די אויגען, שאָקלען מיט'ן קאָפּ און קרעכצען, און אויף גיך געחאַפּט

אויף זיך דעם ראָק, ארויסגעלאָפּען אין קאָנטאָר און אָפּגעזעסען דאָרט ביז שפּעט אין דער נאַכט. אויף מאָרגען — ווידער דאָס אייגענע; אַזוי לאַנג, ביז דער קרוב האָט אַ שפּיי געטהאָן און איז אוועקגעפאָהרען מיט לעדיגע הענד.

נאָר ניט אַלע קרובים זענען גלייך; עס גיט זיך אוים אַמאָל אַזאַ סמעליאַק, פון וועמענ'ס הענד עס איז שווער אַזוי גיך זיך ארויסצודרעהען! אַזעלכער איז געווען דער „פעטער דן", וועלכער פערדיענט, אַז מע זאָל זאָגען וועגען איהם עטליכע ווערטער. דער „פעטער דן", מאיר'ס אַ לייבליכער פעטער פון דער מאַמע'ס צד, איז תמיד געווען אַ קבצן און האָט תמיד געצויגען ביי דער שוועס־טער די קליי, בעת זי, מאיר'ס מוטער, איז געוואָרען אַ נגידית'טע. אליין האָט ער נישט געטהאָן קיין האַנד אין קאַלטע וואַסער, האָט זיך גערעכענט פאַר איין אײדעלען אידען, וואָס קוקט־אריין אין אַ אידישען ספר; דערפאַר האָט ער געפּאָדערט פונ'ם שוואָגער, פונ'ם „בעל־עגלה", ער זאָל איהם ביישטעהן אין זיינע נויטען, און וויפיעל מע האָט איהם געגעבען, איז איהם קאַרג געווען. אַ טויבער, מיט שטיקלעך וואַטע אין די אויהערען, איז ער תמיד ארומגעגאַנגען און האָט געוואָרטשעט: ער האָט געהאַלטען, אַז נאָר פאַר זיין איידעלקייט אַליין האָט שוין דער שוואָגער, דער בעל־עגלה, זיך בעדאַרפט טיילען מיט איהם אויף דער העלפט... צום סוף האָט ער איהם אַ שעה פאַר'ן טוידט אפילו פערגעסען אריינצושטעלען אין דער צוואה אריין!... דער „פעטער דן" האָט דעמאָלט געשוואוירען ביי באָרד און פאות, אַז צייט ער וועט לעבען וועט ער ניט אָנ־קוקען ניט די שוועסטער, ניט איהרע קינדער!... נאָר וואָס אַ מענש נעמט אויף זיך, איז נאָך אַלץ ווייניג. אין אַ צייט ארום, אַז דער „פעטער דן" האָט דערהערט, אַז זיין פּלימעניק „מאיר־קוואָשע" איז געוואָרען גאָר אַ גאַנצער גביר, אַ מיליאָנער, האָט ער זיך מיישב געווען און איז זיך דורכגעפאָהרען צום פּלימעניק, צום הערר'ן פוהרמאַן, אַ קוק טהון, וואָס טהוט זיך דאָרט אַזעלכעס? פאָרט אַ פּלימעניק, בלוט און פליישׁ!...

דער „פעטער דן" איז ניט געקומען צו הערן פוהרמאן, ווי עס קומט א גאסט — ניין! דער „פעטער דן" איז צו איהם גע־קומען, ווי מע קומט צו זיך אהיים פון א ווייטער נסיעה. פריהער האט מען ארייגעגעוואָרפען גלייך אין זאל אריין א פערשמירטען, א פערשטונקענעם זאק מיט חפצים, א גרויסען קישען, פון וועלכען עס זענען געפלויגען פעדערען א סך, א גרויסען בלעכענעם טשייניק, א פלאש פון בראָנפען, א טלית-ותפילין. און אליין איז דער „פע־טער דן" אריין מיט'ן וואָלפענעם פעלץ (עס איז געווען ווינטער־צייט), מיט א גרינער שאל, מיט שטיוועל און מיט אזא ליארעם, אז אלע זענען טוידט געבליבען פאר שרעק. וואס איז דאס פאר א שלאק? ווער איז דאס?...

— דאס בין איך! איך בין עס! דו האסט מיך ניט דער־קענט? האר אוים א ביסעלע — אט וועל איך זיך אויסטהון און א ביסעל זיך אנוואָרעמען. אי, א קעלט, א ביטערע קעלט!... אזוי? דו זיצט זיך טאקי קיין מעשה ניט! הערסט דו!... און דאס איז דיין ווייבעל?... קום נאר אהערצו, מאיר'על, נא דיר אפ שלום-עליכם! א־א־א! מחיה-נפשות אט דא ביי דער הרובע!... א ביסעל בראנפען וועט מסתמא זיין? הא? ווי מיינסט דו, אשטייגער? אט וואש איך די הענט און דאווען־אפ מעריב, וועלען מיר א קאפ שמועסען...

מאיר ציטערט פאר כעס און קריצט מיט די ציינער: ער גע־דענקט נאך דעם „פעטער דן" פון יונגעלווייז, ווי אזוי דער טאטע האט געליטען פון איהם! נאר וואס טהוט מען מיט א פעטער? ארויסטרייבען קאן מען איהם ניט! מע דארף איהם עפים געבען, עס העלפט זיך נישט — אבי גיכער פטור ווערען!

נאר פון דעם „פעטער דן" ווערד מען ניט אזוי גיך פטור: ער הערט ניט וואס מע רעדט צו איהם... מאיר שרייט צו איהם אויף א קול — ענטפערט ער גאר בויבעריק! ער שטופט וואטע אין די אויהערען און צעלעגט זיך אין זאל, ווי ביי זיין טאטען אין וויינגאָרטען. ער פערזאומערט אלעמען דאס לעבען. ער לאזט

ניט רעדען, ניט עסען, ניט שלאָפען, דאָס גאַנצע הויז איז פול מיט׳ן „פעטער דן״ !... מאַיר מאַכט שוין אַליין אַ רעדע מיט׳ן פעטער מכח זיין קומען. ער פרעגט ביי איהם הויך, אויף קולי־קולות: וואָס וויל ער, וואָס בענעהרט ער, וואָס פערלאַנגט ער פון איהם?... דער „פעטער דן״ האָט אָבער צייט. ער זאָגט:

— חאַפּ נישט, מיין קינד, האָב צייט אַ ביסעל! מיר וועלען נאָך שמועסען וועגען דעם אויך, אם ירצה שם! דערווייל זאָג מיר בעסער, מאַיר־סערדצע, אַט וואָס איך וועל דיך פרעגען...

ניט אַזוי אָבער איז זיך בעגאַנגען טייבעלע מיט איהרע קרובים. די מאַדאַם פוהרמאַן האָט זיך געשעמט מיט איהר אָרעמער פאַמיליע און נישט געקאָנט ליידען, אַז עס איז צו איהר אַריינגעקומען איין אָרעמער־קרוב אין אַ צעריסענער קאַפּאָטע, ווען די מאַדאַם פרידמאַן איז געווען ביי איהר צו־נאַסט; דעריבער האָט זי געטיילט מיט דער ברייטער האַנד, נאַטירליך, אַז מאַיר זאָל נישט וויסען, נישט דערפאַר ווייל זי האָט מורא געהאַט פאַר׳ן מאַן — ניין! זי האָט שוין לאַנג געהאַלטען מאַיר׳ען שטאַרק אין די הענד — נאָר ווייל עס איז איהר ניט אָנגעשטאַנען, אַז איהרע פריינד, איהר גילדענע משפחה, זאָל דאַרפען אָנקומען צו איהר מאַן.

די מאַדאַם פרידמאַן איז געווען גליקליכער פון איהר. אַ גע־זונדע און אַ פרייליכע, האָט זי געלעבט אַ גוטען טאָג, געוואוסט פון אַ וועלט צו זאָגען, שטאַרק ליעב געהאַט דעם מאַן, וועלכער איז אויסגעגאַנגען נאָך איהרע טריט, געפיהרט זיך אַ סך פרייער פון טייבעלען, דהיינו: דעם פאַבריק שוין לאַנג אַראָפּגעוואָרפען, געגאַנגען אין טהעאַטער, געשלאָסען בעקאַנטשאַפט מיט יונגע לייט. עס קאָן זעהר זיין, אַז די מאַדאַם פוהרמאַן וואָלט זיך אויך דער־לויבט אַזוי צו לעבען, ווען איהר פאָטער זאָל ניט הייסען רב לייבצי רב פינחס׳על׳ס און זי זאָל ניט הייסען נאָך עד היום „טייבעלע לייבצי׳ס״. אי, האָט זיך איהר נעבאָך נעגלוסט אַראָפּוואַרפען דעם פאַבריק און אַרויסשטעלען חאָטש אַ ביסעלע איהרע שענע שוואַרצע האָר! ביי איהר איז דאָך שענערע האָר, ווי ביי דער „געלער״

מאדאם פרידמאן !... ניט קאָנענדיג דערגרייכען איהר ווילען, האָט זי אַליין שטאַרקער און שטאַרקער פיינט געקריגען איהר פריינדין — די מאַדאם פרידמאַן ; איהר געלעכטער, איהרע „געלע" ניט־צוגע־דעקטע האָר האָבען איהר געברענט די אויגען און געשטאָכען אין הארצען ! די מאַדאם פרידמאַן האָט דאָס גאַנץ גוט געוואוסט, און האָט שוין לאַנג געפּיקט מאַטלען אין קאָפּ אריין, אז עס וואָלט שוין צייט געווען אָפּטיילען זיך פונ'ם שותף און אָנהויבען זעלבסטשטענ־דיג צו לעבען אויף דער וועלט...

— אודאי, זאָג איך דיר, וועסט דו זי אָוועקקוילען ! — האָט איהר מאַטעל דערויף געענטפערט. — דו וועסט איהר גאָר מאַכען דעם טוידט ! דו ווייסט, מלכה, וויפיעל, אשטייגער, עס קאָן איהם ארויסקומען אויף זיין חלק ? אנו, טרעף ! וועסט טרעפען, צי ניין ?

— וויפיעל ?

— כמעט דריי הונדערט טויזענד קערבלעך ! דו פאַרשטעהסט צי ניין ?...

— אָט דעם סטאַראָזש ?!... אָט דער יאַשטשערקע ?!...

און מלכה'ן איז אריין אַ שלעכטער געדאַנק אין קאָפּ אריין... דער דאָזיגער געדאַנק האָט זי לאַנג־לאַנג נישט געלאָזט רוהען, ביז זי האָט אָנגעהויבען מוטשען דעם מאַן, וואָס האָט זי תמיד גע־פאָלגט, אַזוי אַז ער האָט צולעצט אויך מסכים געווען דערויף.

אויף וואָס האָט ער מסכים געווען ? דאָס האָבען זיי ביידע צווישען זיך קיינמאָל ניט גערעדט, נאָר זיי האָבען ביידע פער־שטאַנען איינער דעם אַנדערען אָהן ווערטער.

און אָט זיצען זיי ביידע : פרידמאַן און פוהרמאַן. פרידמאַן רעדט און מאַכט מיט דער האַנד ; ער ווייזט דעם שותף פּאַפּיערען, חשבונות ; ער וואַרפט אויף די ביינדלעך ; ער שוויצט און פער־ענטפערט זיך און רעדט מיט גרוים היץ :

— פאַרשטעהסט צי ניין ? פאַרשטעהסט צי ניין ?...

— יאָ ! איך פאַרשטעה, ווי אַזוי דאָס... פון וואַנען אָבער קומט עס, אַז עס זאָל זיין אַזוי דאָס ?... — פרעגט איהם פוהרמאַן,

קוקענדיג אַראָפּ אויף די שפּיץ שטיוועל מיט פּערפּלאַמטע באַקען און מיט אַ צעבלאָזענער נאָז, און די הענד ציטערען ביי איהם, און דער שטערן שוויצט.

אַ שווערע צייט איז דאָס געווען פאַר דעם הערר מיט דער מאַדאַם פוהרמאַן; אַ שווערע צייט פאַר די דיענסטען אין שטוב; נאָר שווערער פון אַלעמען איז דאָס פאַר מאַטעל פרידמאַן! ער פיהלט, ווי נידעריג, ווי ניט־עהרליך ער בענעהט זיך מיט זיין חבר, וואָס האָט איהם כמעט ביי זיין לעבען דערהאַלטען מיט דער ירושה! נאָר די מאַדאַם פרידמאַן נעמט אויף זיך די עבירה. זי איז ערב פאַר אַלץ. זי האָט אַ סך אורזאַכען, אַז דעם שותף, דעם גראָבען פוהרמאַן, קומט מעהר ניט ווי פופציג טויזענד רובל. דאָס איז אויך צופיעל: ער האָט קיינמאָל גישט געאַרבייט, און, פער־קעהרט, אַלץ געגעסען פונ'ם גרייטען, און זי, די יאַשטשערקע, האָט אויסגעהאַלטען אַ גאַנצע משפּחה מיט טונעיאַדצעס, לעדיגגעהערס...

די מלחמה האָט זיך געצויגען אַ פּאָר חדשים. טייבעלע טרייבט דעם מאַן, ער זאָל לויפען, וויינען, שרייען, זיך פערלאָזען אויף מענשען. פרידמאַן איז מרוצה זיך פערלאָזען אויף מענשען.

— אויף מענשען?! — שרייט מלכה פרידמאַן. — אויף מענשען? מיין טאַטענ'ס וויינקעלער? מיין מאַנ'ס האַרעוואַניע? איך וויל ניט קיין מענשען! איך דאַרף ניט קיין מענשען!...

איין עק — אַ סוף! שוין צעטיילט. דאַנקען גאָט — גע־פּטר'ט!

ביי די פרידמאַנס איז גאַנץ ליכטיג און פריילאַך. דער הערר פרידמאַן זיצט ביי זיך אין קאַבינעט, ווי תמיד, איבער זיינע חשבונות. ער איז שטאַרק פערטראַכט, און ווי אַ קליין וואַלקענ־דעל פליהט־דורך איבער זיין געזיכט און לעגט אַ קנייטש אויף זיין הויכען ווייסען שטערן. נאָר אָט עפענט זיך די טיר און עס געהט אַריין די מאַדאַם פרידמאַן, געזונד און שען, פריילאַך און צופריעדען. איצט איז זי די איינציגע בעל־הבית'טע איבער'ן גאַנצען רייכטום, שוין פּטור געוואָרען פון די שותפים! זי געהט־צו

צום מאַן, לענגט־אַנידער איהר פּעטע האַנד אויף זיין דאַרע פּלייצע.
ער טהוט זיך אַ וואָרף און דערזעהט מלכה׳ן. אַ, מלכה?... ער
האָט גאָר ניט געהערט, ווי זי איז אריינגעגאַנגען! זי וויל וויסען,
וואָס איז ער אַזוי פערטראַכט, פערזאָרגט? גאָרניט! גאָרניט!
ער פערענטפערט זיך און חאַפּט אַרויס אַ שטיקעל פּאַפּיער פונ׳ם
שופלאָד און ווייזט איהר מיט׳ן פינגער, אָהן ווערטער. זי קוקט
לאַנג־לאַנג, און אַ רויט צוויקעל בעדעקט איהר געזיכט. אויפ׳ן
שטיקעל פּאַפּיער שטעהט אַ 5 מיט פינף נאָלען, אָט אַזוי: 500,000.

— דו פאַרשטעהסט צי ניין? — זאָגט צו איהר מאָטעל
פרידמאַן. — דו פאַרשטעהסט צי ניין?...

אָ! זי פערשטעהט שוין זעהר גוט! דאָס הייסט אַזוי גרויס,
ווי פינף הונדערט טויזענד רובעל! אַ האַלבער מיליאָן!...

דאָס אכטע קאַפּיטעל.

אַ מלחמה צווישען דעם אייזערנעם באַלקאָן און די רויטע לאַדען.

אַלץ איז געווען ווי פריהער: אין דער שענער מויער, אין די סקלאַדען, אין די קליטען, אין די פּריקאַזטשיקעס מיט די ווייסע פאַרטיכער, אין דער קאַסיר מיט דער פען הינטער'ן אויהער — אַלץ, אַלץ ווי פריהער. נאָר די גרויסע שילד מיט די גרויסע גילדענע אותיות „פרידמאַן עט פּוהרמאַן" איז ניטאָ. אויף איהר אָרט הענגט שוין איין אַנדער שילד, אַ גרעסערע און אַ שענערע, מיט שרעקליך גרויסע בוכשטאַבען: „פרידמאַן". אויבען, אויפ'ן אייזערנעם באַלקאָן, זיצט די מאַדאַם פרידמאַן, און אַרום איהר זיצען יונגע לייט, פרויען, בעקאַנטע — און מע טרינקט טיי. עס איז גאַנץ פרייליך; אַלע רעדען און לאַכען. די מאַדאַם פרידמאַן קוקט אַראָפּ פונ'ם הויכען באַלקאָן אַקעגען, אויף אַ קליין ווייס שטיבעל מיט רויטע לאַדען ביי די פענסטער. זי לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פונ'ם דאָזיגען שטיבעל. זי זעהט, זי פיהלט, ווי אַ פּאָר שוואַרצע אויגען קוקען דאָרט דורכ'ן פענסטער גלייך אויף איהר מיט קנאה און מיט שנאה. די מאַדאַם פרידמאַן געהט אין אַ לייכט ווייס קלייד. איהר האַנד ליגט אויף דער פּאַרענטשע פונ'ם באַלקאָן, און אַ גרינג ווינטעלע פער'גנב'עט זיך צו איהר אין אַר־בעל אַריין און דעקט אָפּ איהר האַנד, איהר ווייסע פעטע האַנד. די צוויי שוואַרצע אויגען, וואָס קוקען אויף איהר דורכ'ן פענס־

מער פונ׳ם ווייסען שטיבעל מיט די רויטע לאָדען, טרעטען־אָפּ פון זייער אָרט, טהוען אַ שפּיי און קעהרען זיך אום צוריק צום פענסטער און קוקען ווייטער אַרויף אויפ׳ן באַלקאָן. וויפיעל שמערצען, וויפיעל קנאה, וויפיעל שנאה נעהען־אַרויס פון די דאָ־זיגע שווארצע אויגען צום באַלקאָן, און וויפיעל שלעכטיגקייט, וויפיעל נקמה גיסט זיך פונ׳ם באַלקאָן אַראָפּ אויף דעם דאָזיגען ווייסען שטיבעל מיט די רויטע לאָדען, מיט די שווארצע אויגען, וואָס טרעטען קיינמאָל ניט אָפּ פונ׳ם פענסטער.

אַלע טאָג זעהען די שווארצע אויגען, ווי עס פאָהרט־צו צום טויער אַ גלענצענדער פאַעטאָן, און די „געלע", די גראָבע מאַדאַם פרידמאַן, זעצט זיך קוים אַריין, און אַ פּאָר טייערע פערדלעך טראָגען זי אַוועק צום טייך זיך באָדען. אַ גאַנצען טאָג זעהען די שווארצע אויגען, ווי אונטען, אין די סקלאַדען, קאָכט ווי אין אַ קעסעל, דער עולם שטופּט זיך, מע לייזט געלד, און גרויסע שווערע פּעק מיט סחורה קאַטשעט מען אַריין און אַרויס. און אויבען, אויפ׳ן באַלקאָן, לעבט מען אַ גוטען טאָג. מע פרעסט און מע זויפט און מע טהוט זיך אָן אַלע פערגעניגענס! די רייכסטע לייט פאָה־רען־צו אַהין מיט וויזיטען, אָפטמאָל טאַנצט מען דאָרט און מע הוליעט־אָפּ אַ גאַנצע נאַכט ביז׳ן ווייסען טאָג אַריין, און בעת דאָ עפענט מען נאָר אויף די רויטע לאָדען, שטעהט שוין דאָרט דער לאָקיי אָדער דאָס שטוב־מיידעל און טרייסעלט־אָפּ דעם שטויב פון די טייערע דיוואַנעס מיט די סאַמעטענע קליידער, און דער שטויב פליהט און לעגט זיך דאָ אויף די רויטע לאָדען, ווי בכיון, ווי אויף צו־להכעיס... אז צום באַלקאָן פאָהרט־צו די מאַדאַם שפּיגעל־גלאָז, די מאַדאַם רעגענבויגען אָדער די מאַדאַם שטעכענהאָלץ, ווייסען שוין די שווארצע אויגען, וואָס מע רעדט דאָרטען: זיי טרעפען, זיי פיהלען, וואָס זאָגט די מאַדאַם שפּיגעלגלאָז, וואָס דערצעהלט די מאַדאַם רעגענבויגען און פון וועמען לאַכט די מאַדאַם שטעכענהאָלץ. און אז די שווארצע אויגען דערזעהען אַרויסגעהן אויפ׳ן באַלקאָן אַ הויכען יונגען מאַן מיט לאַנגע בלאָנ־

דע האָר, מיט גרויע אויגען און מיט א ווייס געזיכט, קלערען זיי זיך:

„אָט איז ער שוין, איהר „קדיש"! א לאַנגער, א ווייסער גאַלאַגאַנסקער האָהן... זי מיינט, אז איהר באָרים וועט זיין א דאָקטאָר... עס וועט איהר נאָך פריהער די אויגען ארויסקריכען, ביז ער וועט אמאָל עפּיס ווערען! אזוי לאַנג קרענקט זי, ווי לאַנג מיין ראָזע וועט אפילו ווילען קוקען אויף איהר באָריסען מיט די לאַנגע פיס! אָ! אָט געהט מיין ראָזעטשקע! טראָגט מיט זיך ביכער, נאָטען. עס קעהר איהר גוט שטעכען, דער „גראָבער"! איך וויים — זי פערגינט מיר ניט מיט'ן גאַנצען האַרצען!"...

* * *

„אָ! אָט געהט זי, די „קארלעטשקע"!" — קלערט זיך אין דער דאָזיגער מינוט די מאַדאַם פרידמאַן אויפ'ן באַלקאָן. — „פונקט אזוי גרויס ווי די מאַמע איהרע, און גרין אויך אזוי ווי די מאַמע, און מיינט אויך, אז יעדער קוקט אויף איהר און איז זי מקנא. שאַ! זי טראָגט, דאַכט זיך, עפּיס א ביכעל? א גאַנצע מלומדת, א קאַטאָוועס א ביסעל? זי שפּיעלט אויפ'ן טאַפּטשאַן, האַ־האַ־האַ!"...

און א בייזער געלעכטער, פול מיט סם־המות, גיסט זיך פונ'ם הויכען אייזערנעם באַלקאָן אראָפּ אויפ'ן נידעריגען ווייסען שטיבעל מיט די רויטע לאָדען. און צוויי שווארצע אויגען ווארפען פון זיך פייער צוריק ארויף אויפ'ן אייזערנעם באַלקאָן.

די דאָזיגע צוויי שווארצע אויגען געהערען צו דער מאַדאַם פוהרמאַן, און דער שענער אייזערנער באַלקאָן — צו דער מאַדאַם פרידמאַן.

נישט מעהר ווי זעכצעהן־זיעבעצעהן יאָהר צוריק זענען די דאָזיגע צוויי ווייבלעך געזעסען ביידע אויף איין קאַנאַפּע, געקנאַקט צוזאַמען ניסלעך, געגעסען איינגעמאַכטס, געלאַכט און געשפּעט

פון דער גאנצער וועלט, געלעבט ווי צוויי שוועסטער, ווי צוויי טרייע ליבענדע שוועסטער — און אצינד?

נאָר ווי טרויעריג די לאגע איז געוועזען צווישען אָט די צוויי פרויען, איז זי צווישען זייערע מאנען נאָך טרויעריגער געוועזען; דער חילוק איז נאָר, וואָס די ווייבער האָבען געפיהרט איין עפענט־ליכען קריעג צווישען דעם אייזערנעם באלקאָן און די רויטע לאָדען, און זייערע מאנען האָבען מלחמה געהאלטען צווישען זיך פער־שטעלט, בעהאלטען, טיעף־טיעף אין זייערע הערצער. קיינער האָט נישט געקאָנט פערשטעהן, פאר וואָס האָט זיך דער הערר פוהר־מאן, זינט ער האָט זיך אָפּגעטיילט פונ׳ם הערר פרידמאן, פער־שלאָסען ביי זיך אין שטיבעל מיט די רויטע לאָדען, אזוי אז מע האָט איהם שוין מעהר נישט געזעהן, ווי ער שפּאַציערט־ארום אי־בער דער שטאָדט מיט א פעררויסענער נאָז, מיט א גרויסען בויך און מיט די הענד אין די קעשענעס, ווי פריהער. ער האָט זיך פערשלאָסען אין דעם דאָזיגען ווייסען שטיבעל, וועלכם ער האָט זיך געקויפט באלד נאָך דער „חלוקה״, און האָט צוגעשלאָגען אויף די פענסטער שטארקע אייזערנע לאָדען, וואָס איהם איז אויסגעקו־מען אָפּצופּארבען מיט רויטען, און האָט שוין מעהר ניט געוואָלט ארויסטרעטען פון שטוב, וואו ער האָט פערבראכט א סך יאָהרען, ליגענדיג אויסגעצויגען אויף א הארטער סיראטענער סאָפע, אָדער זיצענדיג אין א סיראטענער קרעסלע און ציהענדיג א פּאסקודנעם פּאפּיראָס. ניטאָ שוין אמאָליגע ווייכע פּאָטעלען! ניטאָ די סאַ־מעטענע דיוואַנעס! ניטאָ יענע שמעקענדיגע ציגארען!...

תחילת, אז פוהרמאן האָט זיך צעטיילט מיט פרידמאנען, האָט ער געוואָלט אויפּברעכען אקעגען איהם א קאָנקורענציע. איז ער אוועקגעפאָהרען און האָט געבראכט א גרויסען טראנספּאָרט וויין און האָט איין א פערלויף פון א האלב יאָהר גע׳פּטר׳ט שענע עטליכע קערבלעך. האָט ער דערזעהען, אז ער קאָן זיך מיט פרידמאנען ניט שפּיעלען. אין יענער צייט האָט ער א חוץ דעם געפיהרט קעגען דעם שותף א גרויסען פּראָצעס, פון וועלכען ער האָט בעדארפט

גליקליך ווערען; אזוי האָבען איהם געזאָגט זיינע אדוואָקאטען. נאָר דער סוף האָט בעוויזען, אז דאָס וואָס פוהרמאַן פלעגט זיך אזוי גרינג, אומבעטראכט חתמ'ענען אויף יעדען פּאפּיער, וואָס פרידמאַן האָט איהם אונטערגערוקט, האָט איהם געקוילעט ביז גאָר, און דער פּראָצעס האָט איהם אויך אָפּגעקאָסט א שענע קאָפּיקע. דעמאָלט האָט פוהרמאַן דערזעהען, אז קיין אנדער געשעפט איז ניטאָ, אויסער ווי געבען געלד אויף פּראָצענט, זיין א מלוה אָדער א „באַנקיר" — איז ער געוואָרען א באַנקיר.

דער געדאַנק, אז דער, וואָס דאַרף דאָס געלד, וועט מוזען צו איהם אָנקומען, איהם בעטען, האָט איהם דערהאַלטען ביי'ם לעבען, און די ערשטע עטליכע יאָהר האָבען די פוהרמאַנס דערזעהען, אז נאָך אין צעהן יאָהר אַרום קאָנען זיי ווערען גבירים, און זייער שכן פרידמאַן, פליהענדיג און טראַסקענדיג, קאָן פּלאַצען און בלייבען באַנקראָט, און אפשר נאָך אָנקומען צו זיי, צו די פוהרמאַנס, ווי אמאָל... די דאָזיגע זיסע האָפענונג האָט זיי געצוואונגען צו פערגעסען אָן דעם אומגליק, וואָס זיי האָבען געהאַט, און זיי האָבען גענומען שינדען די פעל פון זייערע בעלי־חובות, רייסען פּראָצענט פון פּראָצענט אויף וואָס די וועלט שטעהט!

פוהרמאַן איז שוין קליגער געוואָרען און האָט שוין אָנגעהויבען היטען חשבון: זיין פריהעריגער שותף האָט איהם געקאָסט געזונט רבי־געלד. און ווי גליקליך זענען זיי געווען דעם טאָג, ווען זיי האָבען דערהערט, אז מע רעדט אויף פרידמאַנען עפּיס ניט פריילִיך, גאָר ניט פריילִיך, זעהר־זעהר ניט פריילִיך! פוהרמאַן האָט נאָך א מאָל איבערגערעכענט דאָס „וואָכצעטעל" און האָט דערזעהען, אז איבעראַיאָהר קאָן געמאָהלט זיין, ער זאָל האָבען א הונדערט טויזענד רובעל! דאָס יאָהר איז אוועקגעגאַנגען; פרידמאַן האָט אָנגעהויבען נאָך מעהר גלאַנצען, נאָך מעהר קלינגען אויף דער וועלט, און זיי, די פוהרמאַנס, האָט איין פריץ אָנגעזעצט פופציג טויזענד רובעל. ווידער א פּראָצעס, ווידער אדוואָקאטען, ווידער אומזיסטיגע הוצאות מיט

אומזיסטינער מיה. ניין! מע דאַרף זיין נאָך מעהר נעהיט און מע דאַרף רייסען די הויט!... מע דאַרף לעבען מיט חשבון און מע דאַרף היטען דאָס קערבעל! וואָס וועט זאָגען דער אייזערנער באַלקאָן, אז די רויטע לאָדען וועלען בלייבען אָהן אַ גראָשען געלד?... און די פוהרמאַנס זענען געוואָרען אַזוי קאַרג, אַז קיין אָרעמאַן האָט נישט אריבערגעטרעטען זייער שוועל; קיין אָרע־מער קרוב איז שוין מעהר צו זיי נישט געקומען; דעם „פעטער דן” האָט פוהרמאַן אָהן צערעמאָניעס אַרויסגעטריבען און זיין גאַנץ ביטער האַרץ האָט ער אויסגעלאָזט צו איהם. אפילו די גילדענע משפחה פון רב לייבצי רב פינחס׳על׳ס פאַמיליע האָט שוין אויך מורא געהאַט בעוויזען זיך צו די פוהרמאַנס. טײ־בעלע האָט דאָס אפילו נישט געוואָלט ליידען, נאָר פון דער צייט אָן, וואָס זיי האָט אָנגעהויבען דאָס גליק געהן צוריק, איז מאיר געוואָרען אַזוי צערייצט און צעבייזערט, אַז טייבעלע האָט אָנ־געהויבען פאַר איהם דרך־ארץ האָבען, מורא האָבען, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז פוהרמאַן איז געוואָרען אַ דעספּאָט ביי זיך אין הויז, אַ טיראַן, וואָס יעדער האָט געציטערט פאַר זיין פּאַרע, פאַר זיין קוק. אַ שטילער פון שטענדיג אָן, האָט פוהרמאַן נאָך מעהר פיינט געהאַט אַצינד צו רעדען, פערברענגען, ווי דער שטייגער איז, מיט׳ן ווייב, מיט׳ן קינד, און האָט זיי שטרענג פערבאָטען, אַז דער נאָמען „פרידמאַן” זאָל ניט דערמאַנט ווערען ביי איהם אין שטוב!... אויף טייבעלען איז געקומען אַ שווערע צייט, דאָס לעבען איז איהר קיין לעבען נישט געווען: פון איין זייט דער מאַן דער דעספּאָט, און פון דער אַנדערער זייט דער אייזערנער באַלקאָן. און גאָט ווייסט, צו וואָס זי וואָלט געקומען, ווען ניט איהר איינציגער טרייסט אויף דער וועלט, איהר טייער־סטער חיות, איהר איינציגע טאָכטער, איהר קינד — ראָזעטשקע, מיט וועלכער זי האָט פערבראַכט איהרע גאַנצע יאָהרען און טעג, און פאַר וועלכער איהר האַרץ איז געווען תמיד אָפען. נאָר דאָס דאָזיגע קינד האָט געזעהען און געפיהלט, ווי אַזוי איהר מוטער

לעבט, וואָס זי טראָגט־איבער — זי האָט איהר אָבער נישט געקאָנט העלפען מיט גאָרניט: ערשטענס, איז זי אויך געווען דאָס זעלבע שוואַכע בעשעפעניש, ווי איהר מוטער, און, צווייטענס... נאָר דאָס ווערד ביי אונז דערצעהלט אין פאָלגענדען קאַפּיטעל.

דאָס נייענטע קאַפּיטעל.

אַ פלאַם־פייערינע ליעבע צווישען דעם אייזערנעם באַלקאָן און די רויטע לאַדען.

דער אייזערנער באַלקאָן און די רויטע לאָדען זענען געווען פערבונדען צווישען זיך ניט נאָר מיט קריעג אַליין, ניט נאָר מיט קנאה, מיט שנאה, מיט נקמה און מיט שלעכטיגקייט; דעם אייזערנעם באַלקאָן מיט די רויטע לאָדען האָבען, אחוץ דעם, פערבונדען צוויי יונגע הערצער מיט די שטאַרקסטע קייטען פון דער ערשטער, זיסער און צויבערליכער ליעבע! ניט איין מאָל האָט דער אייזערנער באַלקאָן געשיקט צו די רויטע לאָדען הייסע, פלאַמפייערינע בריוועלעך, און די רויטע לאָדען האָבען געענטפערט דעם אייזערנעם באַלקאָן מיט זודיגע ווערטער, מיט ברענענדיגע אויגען, מיט קלינגענדיגע קושען. דער אייזערנעם באַלקאָן האָט נישט געקאָנט לעבען אָהן די רויטע לאָדען, און די רויטע לאָדען האָבען פערגאָסען הייסע טרערען, ווען זיי האָבען נישט געזעהען פאַר זיך דעם אייזערנעם באַלקאָן.

באָרים פרידמאַן און ראָזע פוהרמאַן, וואָס זענען פון קינדערוויז געוואַכסען אונטער איין דאַך, דערצויגען געוואָרען גלייך, געלערענט ביי איין לעהרער, האָבען זיך די ערשטע יאָהרען פיינט געהאַט אַזוי שטאַרק, אַז ניט איין מאָל האָבען זיך איבער זיי די מוטערס צווישען זיך געקריעגט און געריסען. באָרים האָט תמיד בייגעקומען די קליינע ראָזעטשקע און האָט זי אָפטמאָל געשלאָגען

פאַר איהר וויינען, פאַר איהר בלאָזען זיך, פאַר איהר גדלות און אַלע איהרע אַנדערע מעלות, וואָס זי האָט נעהאַט בירושה פון איהר טאַטען. באָריס, פערקעהרט, איז געווען אַ פריילּיכער, אַ לעבעדיגער, אַ געזונטער יונגאַטש און האָט נישט געקאָנט סובל זיין ראָזעטשקע׳ס קוויטשענדיג קול׳כעל און האָט נישט געקאָנט אָנקוקען איהרע שטענדיגע פערוויינטע שווארצע אויגלעך. ביז ער האָט זיך גאָר אויפגעהערט מיט איהר צו בעגעגענען. און אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען אַ צייט מיט יאָהרען.

אין דער דאָזיגער צייט איז ראָזע געוואַכסען אַליין, אָהן חבר׳טעס, אָהן בעקאַנטע, און איהרע יונגע קינדערשע יאָהרען זענען געגאַנגען זעהר אומעטיג, איינפאַך, טרויעריג: די מוטער איז געווען פערנומען פריהער מיט פּליאָטקעס, נאָכדעם מיט׳ן פּראָצעס, און צולעצט מיט׳ן אייזערנעם באַלקאָן, פון וועלכען זי האָט קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט. און דער פאָטער האָט איהר פון קינדרווייז אָן בעוויזען, אַז ער איז אַ פאָטער און פאַר איהם דאַרף זי דרך־ארץ האָבען. זעלטען האָט זי זיך געזעהען מיט׳ן פאָטער: קומענדיג פון׳ם שרייבער, האָט זי אַליין אָפּגעגעסען און גענומען זיך צום ביכעל; צום פאָטער אין קאַבינעט אריין האָט זי מורא געהאַט אריינטרעטען, סיידען אַמאָל פער׳גנב׳ענען זיך, דורך אַ שפּאַרינקעלע האַפּען אַ קוק — און אַנטלויפען. מיט דער מוטער האָט זי יאָ ליעב געהאַט צו זיצען און דער־צעהלען איהר מעשיות, נאָר מייסטענטייל האָט די מוטער פער־בראַכט ביי׳ם פענסטער, קוקענדיג אַרויף אויפ׳ן באַלקאָן, — און אין יענער צייט האָט מען זי ניט געטאָרט אָנריהרען און איבער־שלאָגען איהר די געדאַנקען, און ניט איין מאָל האָט ראָזעטשקע געהאַפּט פּעטש פון דער מוטער דערפאַר, וואָס זי איז געקראָכען צו איהר דעמאָלט, בעת זי איז געזעסען ביי׳ם פענסטער און גע־קוקט אַרויף אויפ׳ן באַלקאָן. פון דעמאָלט אָן האָט שוין דאָס קינד געוואוסט, אַז ווען די מוטער זיצט ביי׳ם פענסטער און קוקט אַהין, טאָר מען צו איהר ניט צוגעהן...

ערשט דעמאָלט, אַז ראָזע איז אַלט געוואָרען דרייצעהן יאָהר און איז שוין געגאַנגען אין פּאַנסיאָן, איז זי געוואָהר געוואָרען, וואָס בעטייט אַט דער דאָזיגער אייזערנער באַלקאָן און פּאַר וואָס קוקט אַהין די מוטער מיט אַזאַ פּייער. וויפיעל שרעקליכע זאַכען האָט ראָזע זיך דעמאָלט אָנגעהערט פון דער מוטער! פון וויפיעל שלעכטיגקייט, פערדאָרבענהייט און אומדאַנקבאַרקייט איז זי געוואָהר געוואָרען צו דרייצעהן יאָהר!

— מאַמעניו! טייערע מאַמע! קוק גאָר ניט אַהין!...

און אַליין פּלעגט זי זיך פער'גנב'ענען און חאַפּען אַ קוק אַרויף, אויפ'ן באַלקאָן, און לאַנג־לאַנג קוקען אויף דער גראָבער מאַדאַם פרידמאַן, ווי אַזוי זי וואַרפט זיך אַריין אין דער קאַרעטע אַריין און פליהט־אַרום צווישען די קלייטען און ברענגט צו פיהרען אַהיים פּעק מיט סחורה, מיט עסענוואַרג, און ווי אַזוי געסט פאָהרען־צו און פאָהרען־אָפּ — און זיי, די פוהרמאַנס, קוקען ניט אָן כמעט די ליכטיגע שיין, קיינער פאָהרט צו זיי ניט, און זיי קענען זיך מיט קיינעם ניט, און אין שטוב פיהרט מען זיך ווי ביי דעם ערגסטען קבצן: דער פאָטער טיילט אַליין אַרויס אין מאַרק אַריין, און נעמט־אָפּ חשבון ביי דער אידינע פון פלייש, פון זאַלץ און פון ציבעלעס, און אַמאָל צעבייזערט ער זיך אַזוי אויף דער מוטער, אַז זי פאַלט אַריין אין בעט אַריין און בעוואַשט זיך מיט טרערען.

— דו פאַרגעסט זיך? — שרייט אויף איהר דער פאָטער. — דו ווילסט מיך בדלות שטעלען, איך זאָל דאַרפען געהן איבער די הייזער איבער דיר, דו אויסברענגעריִן? אַלע טאָג אַ האַלב פונט ליכט? ווער פאַרמאַגט דאָס אַלע טאָג צוויי פונט פלייש? געגוג איין מאָל אין טאָג עסען פלייש ביי אַט אַזאַ יקרות! עס איז נאָך קאַרג, וואָס די קעבין באַ'גנב'עט מיך אַלע טאָג, אַלע שעה, אַלע מינוט, אַלע רגע, און מע צעטראָגט מיר די ביינער פון אַלע זייטען? מע ראַבעוועט, מע גזל'ט, מע רייסט פון די הענט, און קיינער זאָגט ניט אַ וואָרט!...

די מוטער ליגט מיט'ן פנים אין קישען, און די טאַכטער זיצט נאָהענט נעבען איהר און ציטערט, ווי א שעפּעלע. זי האָט מורא אויפהויבען די אויגען, און איז זיך מחיה, וואָס „ער" איז שוין אַנשווינגען געוואָרען. דער פאָטער הייסט ביי די דאָזיגע צוויי פרויען „ער"; קיין אַנדער נאָמען האָט ער ביי זיי ניט.

— שטעה אויף, מאמע, „ער" איז שוין אַנשווינגען געוואָרען און ליגט שוין אויף דער סיראַטענער סאָפע...

טייבעלע שטעהט אויף מיט רויטע אויגען, און צווישען דער מוטער מיט דער טאַכטער פערבינדעט זיך א לאַנגער שמועס, נאָר שטיל, קוים וואָס מע הערט. פון אַלץ, פון אַלץ ווערד דאָ איבער־גערעדט: ווי אַזוי זי, טייבעלע, איז אַמאָל געווען גליקליך. ווי אַזוי זיי זענען אַמאָל געווען רייך. אמת, זיי זענען אצינד אויך ניט אָרעם; עס קאָן זיין, אַז זיי זענען אצינד רייכער ווי אַמאָל, נאָר זי ווייסט עס ניט. דאָס ווייסט „ער"... „ער" האַלט דאָס געלד אין קאַסטען, אין דעם אייזערנעם קאַסטען. דאָרט ליגען א סך פּאַפּיערען, וועכסלען, דאָקומענטען, באַנקאָווע בילעטען, משכונות, געלד, און נאָר „ער" אַליין געהט צום קאַסטען. „ער" האַלט ביי זיך די שליסעלעך, און זי האָט מורא צו זיי זיך צוצו־ריהרען. זי וויל איהם ניט פּרעגען: זי איז געהרען, אַז „ער" טשעפּעט זי ניט. און אַלץ איבער זיי, איבער אָט די מערדער, וואָס אויפ'ן אייזערנעם באַלקאָן!...

— וואָס איז דאָרט ביי אייך פאַר סודות? — שרייט פוהר־מאַן, ליגענדיג אויף דער סיראַטענער סאָפע.

פוהרמאַן ציטערט פאַר א שאָרך... ער האָט מורא פאַר גנבים, פאַר גזלנים, מע זאָל איהם חלילה ניט בעפאַלען. ער פערלאָזט זיך אויף קיינעם ניט. אַליין פערמאַכט ער אַלע נאַכט די רויטע לאָדען, פערשליסט די טיר און חאַפּט זיך אויף עטליכע מאָל אין דער נאַכט און טאַפּט דעם אייזערנעם קאַסטען, די שליסעל. אויף יעדען בעזונדער קוקט ער מיט מורא, מיט חשד. יעדער איז איהם עפּיס ווי פערדעכטיג. אפילו דאָס ווייב, דאָס קינד וואַרפען אויך

אויף איהם אָן א מרה־שחורה, בעת זיי זיצען אין שלאָפצימער און שושקען זיך שטילערהייד... ווער ווייסט? אפשר רעדען זיי זיך עפּיס אָן צווישען זיך? אפשר פערטראַכטען זיי א שלעכטע מחשבה קעגען איהם?...

— ראָזעלע! ראָזעלע! קום נאָר אהער, ראָזעלע!

מיט אראָפּגעלאָזטע אויגען, א בלאַסע, א דערשראָקענע, גערט זי צו צום פאָטער.

— קום אהער! קום אהער נעהענטער! קוק נאָר אָן א ביסעל, ווי זי האָט עס מורא... איך וועל דיך ניט אויפעסען! איך בין ניט קיין דאָס!... זאָג נאָר, טאָכטער, וואָס איז דאָרטען געוועזן ביי אייך פאַר א דאָס? וואָס האָט דיר די מאַמע עפּיס געזאָגט אזעלכס? זאָג נאָר דעם דאָס... דעם אמת! זאָג אויס, האָב קיין מורא ניט פאַר דאָס!...

נאָר אַמאָל, זעהר זעלטען, טרעפט זיך ביי איהם אויך א גוטע שעה. ער ווערד עפּיס ווי לעבעדיגער, מונטערער און ווייכער. ער קוקט דעם ווייב אין די אויגען אריין, ווי איינער, וואָס פיהלט זיך, אז ער איז שולדיג. ער מאַכט מיט איהר א רעד וועגען דער טאָכטער, וועגען זייער איינציגער טאָכטער:

— הערסט, טייבעלע, דאָס... איך מיין אקעגען דעם... ראָזעלע איז שוין, קיין עין־הרע, א דאָס... א פיין מיידעל. מע וואָלט שוין באַדאַרפט א טראַכט טהון מכח א דאָס... דאַנקען גאָט, א ביסעל דאָס איז פאַרהאַן... נישט קיין סך — אזוי, קיין מעשה ניט (ער טהוט זיך א טאַפּ אין קעשענע ביי די שליסעלעך)... פאַרשטעהסט זיך, אויב מע וועט אונז אָפּגעבען אלע דאָס... אויב עס וועט ניט זיין חלילה קיין אָנזעצען ביי היינטיגע דאָס... פון ראָזעלע׳ס וועגען האָב איך אָפּגעלעגט באַזונדער א ביסעל דאָס (ער קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען)... זאָלסט איהר נאָר ניט זאָגען, טייבעלע! א קינד, וואָס טויג דאָס איהר צו וויסען? אז עס וועט קומען די דאָס... די צייט, וועט זי אליין וויסען...

טייבעלע פערגעסט זיך: זי מיינט, אז דאָס איז אמאָליגע יאָהרען, בעת זי האָט געקאָנט א געשריי טהון אויף מאיר'ען, אזוי אז ער זאָל צובייסען די צונג. זי שטעלט־אָן איהרע שוואַרצע אויגען אויף איהר מאַן און הויבט־אָן צו טענה'ן פאר איהר קינד:

— איך פארשטעה ניט, וואָס איז דאָ פאַרהאַן מורא צו האָ־בען פאר איין אייגען קינד? ובפרט...

— שאַ־שאַ! — הויבט אויף איהר אָן מאיר צו שרייען, מאַ־כענדיג מיט די הענד. — זעה נאָר, ווי מע האָט איהר דאָ אָנגע־ריהרט דעם דאָס... דעם האָנאָר! איך זאָל דיך וועלען פאָלגען, וואָלטען מיר שוין לאַנג באַדאַרפט געהן אין די דאָס... אין די הייזער! דו קעהרסט מיינען, אז ביי מיר איז פולע קאַסטענס מיט דאָס?...

די מאַדאַם פוהרמאַן געהט־אוועק פונ'ם מאַן מיט א ביטער האַרץ, — און עס געהען ווייטער פינסטערע, וויסטע, טרויעריגע טעג, לאַנג־לאַנג, אָהן א סוף, אָהן איין עק! די מוטער זוכט איהר טרייסט ביי איהר קינד, ביי איהר איינציגער טאָכטער, ביי איהר טייערער געטרייער ראָזעטשקע, און איהר טייערע געטרייע ראָ־זעטשקע זוכט איהר טרייסט אין א בויגעלע פּאָסט־פּאַפּיער, וועלכעס איז בעשריבען געדיכט פון אַלע פיער זייטען, מיט א סך פּאַסקעלעך און מיט א סך פינטעלעך. אין דעם דאָזיגען בויגעלע פּאָסט־פּאַפּיער, וועלכעס ראָזע טראָגט ביי זיך אויפ'ן האַרצען און לייענט דאָס נאָר ביינאַכט, ביי א צווייגראָשענדיג ליכטעל, בעת די גאַנצע שטוב שלאָפט שוין לאַנג, שטעהט געשריבען דאָס דאָזיגע:

„מיין נשמה, מיין לעבען, מיין מלאך — ראָזע!... ראָס ליעבסטע וואָרט, דער גרעסטער טיטעל וועט זיין נאָר א בעלעדיגונג פאַר מיין ליעבע צו דיר. מיין טייער לעבען! אַך, פאַר וואָס בין איך אזוי געשטראָפט, אז איך מוז מיט דיר רעדען אויף פּאַפּיער? וואָס האָבען מיר אזעלכעס פערזינדיגט? מיר דאַכט, אז אין די דריי יאָהר, וואָס אונזערע הערצער זענען צונויפגעקניפּט געוואָרען מיט דער זיסער אייביגער ליעבע, האָבען מיר אויסער שמערצען

קיין גוטע שעה נישט פערזוכט? נאָר, דאַנקען גאָט, איך קאָן דיך פערזיכערען, אז דאָס איז שוין דאָס לעצטע יאָהר, דער לעצטער חודש, די לעצטע וואָך, דו הערסט? — די לעצטע וואָך פון אונזער ארעסט! נישט מעהר ווי אין פינף טעג ארום ענדיגט זיך ביי מיר דער עקזאַמען, און איך פאָהר... ניין! איך פליה צו מיין טייערער, טייערער, טייערער ראָזע אויף תמיד, אויף אייביג־אייביג, מיין ראָזע, מיין שמעקענדיגע, מיין בליהענדיגע ראָזע, מיין אייביגער און מיין איינציגער פריינד אויף דער גאַנצער וועלט!...

„פון מיר דיין פריינד, דיין ברודער און דיין אויסלייזער,
וואָס ערוואַרטעט שוין די מינוט די רגע צו זעהען דיך,
וואָס קושט די ערד וואו דיין פוס טרעט,
וואָס לעבט איינגאַנצען נאָר צוליעב דיר,
וואָס טראָגט דיין פאָרטרעט ביי זיך אויפ'ן הארצען,
וואָס בעט גאָט פאר דיר שטענדיג,
וואָס בוקט זיך דיר פון וויטען,
„באָרים פרידמאַן".

דאָס צעהנטע קאַפּיטעל.

וואו עס ווערד בעשריבען, ווי אזוי א אידישער פּרינץ, פון וועלכען עס דאַרף ארוים א פּראָפעסאָר, אדער, לכל הפחות, א דאָקטאָר, ניט־אָפּ גלענצענד דעם עקזאַמען און פאָהרט טאַנצענדיג און זינגענדיג אַהיים.

אונזער העלד, באַרים פרידמאַן, געהט־אום מיט ברייטע שפּאַן איבער׳ן צימער, און רייבענדיג זיך דעם שטערן, האַפּט ער זיך א סך מאָל צום ביכעל און לעגט דאָס ווידער אוועק, אזוי לאַנג, ביז ער טהוט א שמיץ די ביכער אָן דער ערד און האַפּט א בויגעלע פּאָסט־פּאַפּיער און שרייבט־אָן איינע פון די דאָזיגע בריעף, וואָס מיר האָבען שוין געהאַט די מעגליכקייט פאַרצושטעלען פאר אונ־זערע לעזער אין דעם פאַריגען קאַפּיטעל. ער טראָגט אליין אָפּ דאָס בריוועל אויף דער פּאָסט, און געהט פון דאָרטען גלייך אין טהעאַ־טער אריין. אויף מאָרגען שטעהט ער אויף מיט א קאַפּוועהטיג און קאָן נישט געהן אין גימנאַזיע צום עקזאַמען. נאָכדעם קומט צו איהם דער רעפּעטיטאָר און זאָגט איהם מוסר און דערמאַנט איהם, אז ער קאָן בלייבען אויפ׳ן צווייטען יאָהר אין לעצטען קלאַס, און דער פאָטער וועט זיין דערפאַר שטאַרק ברוגז. אונזער העלד ווייגט אזוי לאַנג, ביז ער פאַלט־ארויף דעם לעהרער אויפ׳ן האַלז און דערצעהלט איהם מיט טרערען פון זיין ליעבע, פון זיין ראָזע, פון זיין טייערע, טייערער ראָזע! דער לעהרער איז אויך נישט מעהר ווי א יונגער מענש מיט א ווייך וואַרעם האַרץ, קוקט ער אויפ׳ן שילער און שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און פינטעלט מיט די

אויגען. ער דערמאָנט זיך אַצינד, ווי אַזוי ער האָט אַליין אַמאָל געהאַט אַ שען מיידעל מיט אַ זיס קול און מיט ברענענדיגע אויגען. ווי אַזוי ער האָט אָהן איהר ניט געקאָנט לעבען. ווי אַזוי זי האָט געקוקט אויף איהם און האָט צו איהם געזאָגט: „אַך! דיינע האָר! דיינע האָר!"... פערשטעהט זיך, אַז בייגעלמאַן (אַזוי הייסט דער לעהרער) איז אין זיין ליעבע נישט גליקליך געוועזען און האָט שוין לאַנג פערגעסען דאָס שענע מיידעל מיט די פייערינע אויגען. דאָך איז ביי איהם אין הארצען געבליבען אַ פונק, וואָס צאַנקט נאָך ערגיץ טיעף־טיעף אין דער נשמה, און אַ קליין ווינטעלע קאָן דאָס נאָך אַמאָל צעבלאָזען, עס זאָל דערפון ווערען אַ פייערעל. בייגעלמאַן פערשטעהט דעם שילער: נאָר וויל ביי־געלמאַן איז שוין ניט קיין יונגעל און האָט שוין אויף זיין לעבען ניט איין מאָל זיך געלעגט שלאָפען אַ הונגעריגער, דעריבער פרעגט ער דעם שילער אַ קלאָץ־קשיא:

— יאָ, באָרים, אַלץ איז רעכט! וואָס זשע וועט אָבער זיין דער תכלית? דו דאַרפסט דאָך אָפּגעבען דעם עקזאַמען! מע וועט דאָך דיך אַרויסטרייבען פון גימנאַזיע! דיין פאָטער וועט דיך אויף דער שוועל צו זיך ניט אַרויפלאָזען. ער וויל דיך זעהען נאָר אַ פּראָפעסאָר, אָדער, לכל הפחות, אַ דאָקטאָר... דו קאָסט איהם שוין אַפּ אַזוי פיעל געלד! דו דאַרפסט...

באָרים פערשטעלט איהם דאָס מויל מיט דער האַנד און לאָזט איהם גאָר ניט רעדען ווייטער. וואָס מיר געלד? וואָס מיר פּראָ־פעסאָר? ראָזע, ראָזע איז מיין פּראָפעסאָר!...

— יאָ, ביזט טאַקי גערעכט: ראָזע איז דיין פּראָפעסאָר. וואָס וועסט דו אָבער טהון, אַז דו וועסט שוין מיט איהר אַנטלויפען און חתונה האָבען? וואו וועסט דו נעמען מיטלען צום לע־בען? עסען, טרינקען?...

— בייגעלמאַן! וואָס רעדט איהר? ווי קומט דאָס גאָר צו אייך, אַז איהר זאָלט גאָר אַזעלכם פרעגען? און מיינע הענט? און האָלץ האַקען? און ערד גראָבען? און זעקלעך טראָגען?...

בייגעלמאַן שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, קוקענדיג אויפ'ן זייגער, און מיט אַ ביטער שמייכעלע געהט ער אַוועק צו זיינע איבעריגע שי־לער. און באַרים, דער קינפּטיגער האָלצהאַקער, ערדגראָבער און זעקעלטרעגער, עסט דערווייל אַ שענעם אָנבייסען, פערטרינקט מיט אַ גוט גלאָז וויין און פעררויכערט אַ טייערען ציגאַר. דער זע־קעלטרעגער געהט זיך דורך אַ ביסעל אין מאַרק, צווישען די קליי־טען, וואו די קרעמער פרעהען זיך, אַז זיי דערזעהען איהם פון וויטען, און ברענגט אַהיים אַ נייע פּאָר הענטשקעס, צוויי פלעשע־לעך פּאַרפּיומען, גליצערין־זייף, אַ שפּאָגעל־נייעם שניפּס, וואָס פערשפּיליעט זיך פוןביידע זייטען, אַ האַלב טוץ נײ־מאָדישע העמ־דער, אַ גוטען טשעמאָדאַן, אַ פּאָר מעשענע לייכטער מיט אַ טוץ מעסער און גאָפּלען, מיט נאָך אַ סך זאַכען, וואָס ער דאַרף זיי אויף כּפּרות האָבען; נאָר דאָס איז שוין ביי איהם אַזאַ חולאת, אַזאַ שלאַפקייט פון שטענדיג — אויסגעבען געלד און קויפען אַלץ, וואָס דאָס אויג דערזעהט.

די טעג פונ'ם עקזאַמען האָבען זיך שוין געענדיגט, און אַט איז שוין דער לעצטער טאָג אין גימנאַזיע — דער אַקט. אַט פליהט מיט רויטע פערפלאַמטע באַקען גאָלדענשטאַדט אַהיים מיט דער ערשטער „נאַגראַדע" אונטער'ן אָרעם. ער וועט קומען אַהיים ווי אַ העלד, וואָס האָט איינגענומען די מלחמה און פאָהרט אַצינד מיט טריאומף, און אַלע מענשען, אַלע בוימער, אַלע ווינקעלעך שרייען איהם „הורראַ!"

אַ בלאַסער, אַ געלער פאַר כעס, פאַר קנאה, שטעהט זיל־בערשטאַדט אָן אַ זייט און איז גרייט צעררייסען די לעהרערס דער־פאַר, וואָס גאָלדענשטאַדטען האָט מען געשענקט די ערשטע „נאַ־גראַדע", און איהם, זילבערשטאַדטען, וואָס האָט אַ גאַנץ יאָהר אַזוי ערנסט, אַזוי נעטריי געהאָרעוועט, — האָט מען געגעבען אַ פייג, ניט קיין „נאַגראַדע"...

אַ טויטער שטעהט אייזענשטאַדט אין אַ ווינקעלע — ער, אייזענשטאַדט, האָט ניט אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען! ווי אַזוי

וועט ער קומען אהיים צום אָרעמען פֿאָטער, צום שניידער, וועלכער האָט פֿון זיך די קליי געצווינגען און זיך אויסגעבראַכט אויפ'ן זוהן? די מאַשינע פֿערזעצט, נעהאָרעוועט ביז איין אויג איז איהם אויס־גערונען — און צום סוף!...

און אונזער פּרינץ, באָריס פרידמאַן, דרעהט זיך אויך דאָ ארום אינ'ם טייערען גאַרניטור, אויסגעזייפֿט, אויסגעשמירט מיט שמעקענדיגע טראָפּענס און פֿערקעמט ווי א מיידעלע, מיט א וויי־סען שרונט איבער'ן גאַנצען קאָפּ. ער ווייסט, אז אין זיין בילעט שטעהט: увольняется, נאָר ער דרעהט זיך דאָ ארום א פֿער־טראַכטער, א וואַזשנער, גלייך ווי ער איז אַריינגעגאַנגען אהער פֿון דער גאַס א קוק געבען, וואָס טהוט זיך דאָ. און דאָרטען, אין ווינקעל, שטעהט אייזענשטאַדט, דער בידנע אייזענשטאַדט מיט די גרויסע אויגען, אויף איין אָרט, פּונקט ווי א פֿערגליווערטער.

פֿון דעסטוועגען, זאָרגט ניט: באָריס פרידמאַן פֿאָהרט אהיים מיט א גאַנצער קאָמפּאַניע חברים, וועלכע ער פֿיהרט צו זיך אויף זיינע הוצאות. א פֿרייליכער וועג! זומער. די פֿעלדער זעגען גרין. די זון באַקט. די שטיינער פֿונ'ם שאָסיי גליהען, און די פֿערד טראָגען דעם עקיפּאַזש כמעט אין דער לופֿטען. איין ווערסט נאָכ'ן אַנדערען פֿליהען פֿאַרביי די אויגען, און „חברה" עפֿענען אויף די געמבעס און מע זינגט צוזאַמען, אַלע מאָל איין אַנדער ליעדעל. שטאַרקער פֿון אַלע שרייט גאָלדענשטאַדט. אין דעם דאָזיגען יונ־גען מענשען זינגט די ערשטע „נאַגראַדע". איהם ציהט נאָך זיל־בערשטאַדט מיט א שרעקליכען באַס, וואָס בייזערט זיך אויף דער וועלט פֿאַר דעם אומרעכט, וואָס עקזיסטירט נאָך אויף דער ערד. נאָר איין אייזענשטאַדט זיצט איינגעהויקערט און טראַכט וועגען זיין אָרעמען פֿאָטער, דעם שניידער, וואָס האָט גע'פּטר'ט איין אויג איבער'ן זוהן... נאָר פרידמאַן, גאָלדענשטאַדט און זיל־בערשטאַדט לאָזען איהם לאַנג נישט טראַכטען: זיי שטורכען איהם אונטער פֿון אַלע זייטען, ער זאָל אויך זינגען מיט זיי.

און אײַזנשטאַדט עפענט־אויף דאָס מויל, פערקרימט זיך אַזוי זויער און לאָזט אַרויס אַזאַ משונה־נאַריש קול, אַז חברה ווערען שיער ניט צעזעצט פאַר געלעכטער.

אין יעדער קרעטשמע שטעלט מען זיך אָפּ. מע נעמט צו קאַפּעלעך. מען דאַרף בעווייזען, אַז מען איז שוין „גרויסע"... מע פאַלט פון די פיס. מע לאַכט פון אײַזענשטאַדטען. אײַזענשטאַדט אַליין לאַכט שוין אויך — און מע פאָהרט ווייטער.

אויפ'ן צווייטען טאָג קומט מען אַהיים, צו פרידמאַנען. פיער יונגאַטשעס שפּרינגען־אַרויס פונ'ם וואָגען, און דער העכערער פון אַלע, מיט לאַנגע בלאָנדע האָר, מיט רויטע בעקלעך, עלעגאַנט געקליידט, מיט אַ רײַזעטאַש איבער די פּלייצעס, מיט אַ גילדענער פענע, פליהט דער ערשטער אויפ'ן באַלקאָן, אויפ'ן בעקאַנטען אײַזערנעם באַלקאָן, און פאַלט־אַרויף דעם פאָטער און דער מוטער אויפ'ן האַלז, און מע קושט זיך איין מאָל, און צוויי מאָל, און דריי מאָל, און נאָך אַ מאָל, און ווידער אַ מאָל. מאָטעל און מלכה ווייסען שוין גאַנץ גוט פונ'ם אומגליק, וואָס זייער זוהן האָט געטראָפען: ווי אַזוי מע האָט איהם נעבאַך אויפ'ן עקזאַמען געמוטשעט, ווי אַזוי איינער פון די לעהרערס האָט איהם נעבאַך אומזיסט־אומנישט „געשניטען". דערפון האָט זיי שוין באַרים לאַנג געשריבען, און דער לעהרער, בייגעלמאַן, האָט אויך געשריבען, אַז די מעשה איז לויטער אמת...

— אָט זענען מיינע חברים: גאָלדענשטאַדט, זילבערשטאַדט און אײַזענשטאַדט, מיט וועלכע איך בין געקומען אַהער פערברענגען די וואַקאַצי   איהר קאָנט זיי פרעגען; זיי ווייסען דעם אמת. אָט דער דאָזיגער אײַזענשטאַדט האָט אויך דעם זעלבען אומגליק, וואָס איך. איאַ, אײַזענשטאַדט? איך זאָג אמת, ציניין?...

אײַזענשטאַדט, וואָס איז דאָס ערשטע מאָל אין אַזאַ ריי־בער שטוב, שטעהט און פינטעלט מיט די אויגען.

— נו־נו, באַרים! מע גלויבט דיר, מע גלויבט דיר! — זאָגט איהם די מוטער, די מאַדאַם פרידמאַן, און חאַפּט איהם נאָך אַ מאָל ארום קושען.

— דו פאַרשטעהסט צי ניין? דו פאַרשטעהסט צי ניין?... — זאָגט דער הערר פרידמאַן ווי צו זיך אַליין, קוקענדיג אויפ׳ן זוהן און אויסרעכענענדיג אויפ׳ן קאָפּ, וויפיעל קאָסט ער איהם שוין אין דער צייט פון די דאָזיגע אכט יאָהר, וואָס ער האָט איהם אומזיסט אָפּגעהאַלטען אין דער גימנאַזיע.

— מזל־טוב! איהר „קדיש״ איז שוין געקומען!... — זאָגט טייבעלע פוהרמאַן צו זיך אַליין, קוקענדיג פונ׳ם פענסטער מיט די רויטע לאָדען ארויף, אויפ׳ן באַלקאָן.

— טייערער, טייערער! — זאָגט צו זיך ראָזע פוהרמאַן, קוקענדיג פונ׳ם אַנדער׳ן פענסטער אויף איהר טייערען באַרים פרידמאַן, און קוועטשט זיך מיט ביידע הענד שטאַרק־שטאַרק צום האַרצען, גלייך ווי „ער״ איז שוין דאָ, אין איהרע אָרעמס.

דאָס עלפטע קאַפּיטעל.

ווי אזוי דער „סטודענט" בארים פרידמאן מיט זיינע דריי חברים פערברענגען נוצליך די צייט.

מיט וועמען קעהר זיך דאָס, אשטייגער, אָן, וואָס סע שטעהט אָנגעשריבען ביי באָרים פרידמאַן אויפ'ן ווייסען בויגען פּאַפּיער, וועלכען ער האָט געבראַכט אהיים פון דער גימנאַזיע? וועמענ'ס עסק איז דאָס? דער בויגען פּאַפּיער ליגט בעהאַלטען ביי דער מאַדאַם פרידמאַן אין א קאָמאָד, און זי רופט איהם „דער אטעס־טאַט", און איהר זוהן הייסט ביי איהר „דער סטודענט".

ווי צופריעדען, ווי גליקליך איז די מאַדאַם פרידמאַן מיט איהר זוהן, מיט'ן פרישען, געזונטען, שענעם סטודענט! זי האָט איהם אָפּגעגעבען בעזונדערע צוויי חדרים פון זיינטוועגען מיט זיי־נע חברים, וועלכע זענען דאָ גיך געוואָרען היימיש, חוץ איין איי־זענשטאַדט, וואָס קאָן נאָך אליץ נישט פערגעסען דעם פאָטער, דעם בלינדען שניידער, און זיצט דעריבער בעזונדער אין א ווינ־קעלע, בלעטערט א בוך און וויל זיך גאָר ניט אריינמישען צו זיינע חברים, וואָס קלייבען זיך פאָהרען הינטער'ן שטאָדט אויף א גאַנ־צען טאָג שיפען זיך איבער'ן טייך. אליק דער משרת פּאַקט אין טשעמאָדאַן אריין צידה לדרך: געבראָטענע קאַטשקעס, וואורשט, וויין, ניס, קאָנפעקטען. דער עקיפּאַזש שטעהט שוין ביי'ם באַל־קאָן. עס געהען ארוים דריי יונגע לייט און זעצען זיך אין איהם

ארײַן אַליק זעצט זיך אַקעגן. דער קומשער טהוט אַ שמײַס די פערד — און חברה סטודענטען פאָהרען אַװעק. די מאַדאַם פרידמאַן זאָגט:

— אַ גאַנץ יאָהר האָרעװען נעבאַך די סטודענטען, װי די פערד, דאַרפען זײ זיך אַצינד אָפּרוהען. יעדער מענטש דאַרף האָבען רוה, ובפרט נאָך אַ יונגער מענטש, אַ סטודענט!...

אפנים, זי איז צופריעדען דערמיט, װאָס זי קאָן זיך אַלײן אָפּנאַרען. זי געהט־אַרײַן אין שטוב און דערזעהט דאָרט זיצען אײַזענשטאַדטען איבער אַ בוך.

— װאָס איז דאָס? פאַר װאָס זענט איהר אויך ניט געפאָהרען מיט די סטודענטען? זײ האָבען אײַך פאַרגעסען מיטנעמען? מײַן באָרים האָט מיר דערצעהלט, אַז איהר האָט אויך געהאַט דעם זעלבען אומגליק — איהר זענט נישט אַריבער... מסתמא האָט צו אײַך אויך דער לעהרער זיך געטשעפּעט אומזיסט?...

— נײן, ניט דערפאַר! — ענטפערט איהר אײַזענשטאַדט בתמימות. — ניט איבער׳ן לעהרער; איך בין אַלײן שולדיג. קײנער איז דערין ניט שולדיג, נאָר איך אַלײן!...

און אײַזענשטאַדט דערצעהלט איהר אַ גאַנצע געשיכטע, אַ טרויעריגע געשיכטע, װי אַזױ ער האָט געמוזט אונטערהאַלטען אײַן אָרעמע שװעסטער מיט אַ גאַנצער פאַמיליע, װאָס שטאַרבט פון הונגער, און אויסהאַלטען אַ קלענערען ברודער אין גימנאַזיע, צוליעב װעלכע ער האָט געמוזט געבען שטונדען, צעהן שטונדען אַ טאָג, אַזױ, אַז עס איז איהם כמעט קײן צײַט ניט געבליבען צו לערנען. פון דעסטװעגען װאָלט ער בעדאַרפט צום עקזאַמען אַ ביסעל צוהאָרעװען, אַ ביסעל איבער׳ן כח, אַ ביסעל װײניגער שלאָפען... האָט ער אָבער אַזױ ניט געטהאָן און האָט דעם עקזאַמען ניט אויסגעהאַלטען. עס אַהרט איהם שוין ניט אַזױ פאַר זיך, װי פאַר זײַן אָרעמען פאָטער, דעם בלינדען שנײַדער, װאָס האָט צוליעב איהם די מאַשינע פערזעצט...

די מאדאם פרידמאַן הערט־אויס די דאָזיגע טרויעריגע געשיכטע מיט רחמנות, און אין קאָפּ פליהט איהר דורך אַזא מחשבה: „וואָס וואָלט זי געטהאָן, ווען איהר באָרים זאָל זיין ביי דער לאַגע פון׳ם דאָזיגען אָרעמען אייזענשטאַדט?“... און זי דאַנקט און לויבט גאָט, וואָס ער האָט זי געבענשט מיט אַזא רייכטום, און וואָס איהר באָרים האָט נישט די דאגות מיט די שמערצען, וואָס אייזענשטאַדט האָט.

איהר באָרים האָט טאַקי באמת נים אַזעלכע דאגות מיט אַזעלכע שמערצען, ווי אייזענשטאַדט האָט. איהר באָרים זיצט אצינד מיט זיינע חברים — גאָלדענשטאַדט און זילבערשטאַדט — אויף דעם שיף, וועלכס דאָס וואַסער טראָגט אַלץ ווייטער און ווייטער, און לאַכט, און זינגט, און עסט, און טרינקט. נאָר אַזוי ווי קיין צופריעדענער מענש איז גאָר אויף דער ערד ניטאָ, דעריבער איז קיין וואונדער נים, וואָס אַט דער גליקליכער פּרינץ, אויף וועלכען עס הּאָרעווען אַ סך הענד, אַ סך פיס, אַ סך פּלייצעס, אַ סך קעפּ, — אַט דער געבאַלעוועטער באָרים פרידמאַן איז אויך נים צופריעדען מיט זיין דאָליע: איהם געהט אויך אָפּ אַ סך צום אמת׳ען גליק; איהם געהט אָפּ אַט דאָ, ביי דער זייט, אויפ׳ן שיפעל, דאָס קליינע שוואַרצע מיידעל פון דער ווייסער שטוב מיט די רויטע לאָדען...

ליגענדיג אויפ׳ן גראָז אויסגעצויגען מיט׳ן פּנים אַרויף, דערצעהלט באָרים פרידמאַן זיינע חברים די גאַנצע געשיכטע פון זיין ליעבע. די געשיכטע איז אַ קורצע, נאָר זעהר אַ ריהרענדע, פון וועלכער יעדער יונגער מענש מיט אַ ווייך וואַרעם הארץ קאָן זיך אָראָפּנעמען אַ מוסר...

„ער“ איז אַלט געווען זעכצעהן יאָהר און האָט געלערענט אין פיערטען קלאַס, און „זי“ איז אַלט געווען פיערצעהן יאָהר און האָט געענדיגט דעם פּאַנסיאָן. ער איז געווען אין אַ מונדיר מיט גילדערנע קנעפּ, און זי האָט געהאַט אַ פּאָר שוואַרצע פייעריגע אויגען מיט געטליכע געקרייזעלטע האָר. ער איז געגאַנגען אין שטאָדט־

גאָרטען מיט זיין מוטער שפּאַציערען, און זי איז געגאַנגען מיט איהר מוטער אויך אין שטאָדט-גאָרטען שפּאַציערען. זייערע אויגען האָבען זיך בעגעגענט, און פון דעמאָלט אָן האָט זי אַריינגעוואָרפען אַ פונק אין זיין הארצען. דער פונק האָט זיך מיט דער צייט צעברענט און איז געוואָרען אַ שרעקליך פייער, אַ פלאַם-פייער אין זיין הארצען... וויפיעל נעכט האָט ער פערבראַכט, וואַכענדיג און טראַכטענדיג, ווי אַזוי קומט מען צו איהר? צום אומגליק, שטעהט זי איין ביי אַזעלכע עלטערען, צו וועלכע ער טאָר זיך ניט ווייזען פאַר די אויגען. ביז גאָט האָט איהם געהאָלפען, אין אַ יאָהר אַרום האָט ער שוין געהאַט די געלעגענהייט צו זעהען זי, רעדען מיט איהר, האַלטען איהר טייער הענטעל אין זיין האַנד. זי האָט דאָ אַ קרובה, אַ גרושה, אַ יונגע, נאָר זעהר אַ מיאוסע, וואָס האָט מיטלייד מיט אומגליקליכע ליעבענדע, מחמת זיי אַליין האָט אַמאָל ליעב געהאַט און פערשטעהט דאָס וואָרט „ליעבע"... „געלויבט און געבענשט זאָל זיין די דאָזיגע גרושה: זי האָט אונז צונויפגעפיהרט, זי האָט אונז אָנגעוויזען, וואו דאָס גליק געפינט זיך. אויף איהר אַדרעס שרייבען מיר זיך דורך שוין כמעט דריי יאָהר און אויף איהרע אויגען האָבען מיר זיך געגעבען די הענט און געשוואוירען ביי גאָט, ביי'ם הימעל, אַז מיר זאָלען זיך פאַרבינדען אויף אייביג און קיינמאָל ניט צעשיידען!"...

די דאָזיגע ליעבע-געשיכטע האַרמאָנירט זעהר אין דער דאָזיגער מינוט מיט דער שענער זומערדיגער נאַטור, און אונזערע יונגע לייט, וואָס ליגען דאָ אויסגעצויגען אויפ'ן גרינעם גראָז, ווייזט זיך אויס, אַז אַלץ אַרום און אַרום זאָגט: „אמת! אמת! אמת!" — אי די גרינע בוימער, אויף וועלכע עס פליהט דורך אַ גרינג ווינטעלע און מאַכט אויף אַ מינוט אַ רעש צווישען די בלעטער, אי די פייגעלעך, וואָס זינגען און טאַנצען אומרוהיג דאָ און דאָרטען, אי דאָס שמעקענדיגע גראָז, וואָס לעגט זיך אונטער די פיס מיט גרויס הכנעה, אי דאָס וואַסער, וואָס פליעסקעט און הורעט, אי די צעריסענע ווייסע שטיקער וואָלקענס, וואָס שווימען-

אום אויפ׳ן בלויען הימעל און האָבען א פּנים אין דער דאָזיגער שטילער זומער־צייט ווי שטיקער וואַטע, וועלכע מע צעלאָזט און מע צעבלאָזט, — אלץ, אלץ רעדט אין איין קול: „אמת! אמת! אמת!״... און די וואַרעמע הערצער פון די יונגע לייט ווערען נאָך מעהר דערוואַרעמט פון דער שענער ליעבע־געשיכטע, וואָס זייער חבר האָט זיי אָט ערשט דערצעהלט. זיי חאַפּען זיך אויף ביידע מיט א מאָל און ווענדען זיך צו באָריסען מיט דער דאָזיגער פראַגע:

— נו, באָרים, און דו וועסט האַלטען וואָרט?...

באָרים געפינט זיך שטאַרק בעלעדיגט פון אזא פראַגע. ער ענטפערט זיי מיט גדלות:

— באָרים פרידמאַן וועט האַלטען וואָרט! וואָס באָרים פריד־מאַן זאָגט, איז הייליג!... נאָר, ברידער, עס איז דאָ דערין אזוי פיעל שטעהרונגען, אזוי פיעל בערג און טאָלען, פייערען און וואַ־סערען!...

— דהיינו?

— דהיינו, דהיינו... ערשטענס, איז איהר פאָטער א פראָ־צענטניק, א דעספּאָט, א טיראַן, וואָס וועט זי פריהער א לעבעדי־גע אין דער ערד אריינלעגען, איידער אָפּגעבען זי מיר. צוויי־טענס, זענען מיינע עלטערען מיט איהרע עלטערען צעריסען, אויף מעסערשטעך. דריטענס, וועט מיין מוטער שטאַרבען אויפ׳ן אָרט, אז זי וועט נאָר דערהערען דעם נאָמען פון מיין כלה. און, פיער־טענס, ווייס איך ניט, ווי ארום און ווי אזוי קאָן איך זי ארויסרייסען פון דאָרטען, פון די דאָזיגע מערדער?...

די חברים האָבען זיך א ביסעל פערטראַכט. אין עטליכע מינוט ארום האָט זיך גאָלדענשטאַדט אָנגערופען:

— נו, ברודער, מיר וועלען זיך איין עצה געבען!

— מיר וועלען דיר העלפען! — האָט זיך אָנגערופען זיל־בערשטאַדט מיט זיין באַסאָווע שטימע.

— מיר זענען דיינע!

— קאָנסט זיך אויף אונז פאַרלאָזען!
— ווי אויף אייגענע ברידער!
— אין פייער און אין וואַסער!
— אפילו אונטער דער ערד!
— אפילו צום רוח אַליין!
— לאָמיר נעמען צו ביסלעך וויין!
— לחיים, ברידער!
— פאַר אַלעמענ׳ס געזונט!
— נידער מיט׳ן פאַנאַטיזמוס!
— אין דער ערד אריין אַלע דעספּאָטען!
— הוררראַ, באַריס!
— הוררראַ, ראָזע!
— הוררררראַ!!!...

אַליק דער משרת האָט זיך נאָר־וואָס אָפּגעבאָדען אין טייך און געהט־צו צו די „סטודענטען" און קוקט אויף זיי פערוואונ־דערט, וואָס האָבען זיי דאָ פּלוצים אויפגעהויבען אַזאַ הויכען „הוררראַ"? נאָר פאַר אַליקען איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען: אַליק האָט שוין ניט אַזוי פיעל האָר אין קאָפּ, וויפיעל בריוועלעך ער האָט איבערגעטראָגען פון באַריסען צו בערטע דער גרושה און פון בערטע דער גרושה צו באַריסען. דעריבער האָט מען ניט וואָס מורא צו האָבען און מע מעג רעדען וואָס מע וויל. און מע רעדט; מע זוכט זיך אַ וועג, מע גיט עצות, מע בויעט לופטשלעסער. דער זאָגט אַזוי, דער אַזוי, — נאָר ענדליך בעשטימט מען, אַז מע דאַרף זיך זעהען מיט ראָזען ביי בערטע דער גרושה און דאָרט אָפּרע־דען פּינקטליך, אויף וואָסער אופן די ליעבענדע זאָלען קאָנען אַנט־לויפען פון דער דאָזיגער שטאָדט, און ערגיץ, אין אַ קליין שטעדטעל, אַ חופּה שטעלען. און ווייל באַרים אַליין קאָן דאָס דאָזיגע מיט ראָזען ניט איבעררעדען, מחמת יעדעס מאָל, ווען זיי זעהען זיך, סטייעט זיי קיין ווערטער ניט, און אחוץ „אַך!" און „אַך!" מיט פייערינע קוקען און מיט הייסע ווערטער איז ביי זיי קיין מאַטע־

ריאל נישטאָ צום שמועסען, דעריבער מוז מען דערצו האָבען א פרעמדען. בלייבט מעהר נישט, ווי צו ווארפען גורל, ווער פון די דריי זאָל זיין דער דיפּלאָמאַט צווישען באָריסען מיט ראָזען? פערשטעהט זיך, אז דער גורל איז געפאַלען אויף אייזענשטאַדטען, מחמת גאָלדענשטאַדט איז א חוואט נאָר אויף צו בעקומען ערשטע „נאגראַדעס” אין דער גימנאַזיע, און זילבערשטאַדט איז א צו הייסער יונג, און צו אזא זאך דאַרף מען זיין א ביסעלע קיהלער, בעטראַכט, מיט ישוב־הדעת. קיין בעסערער פון אייזענשטאַדטען איז טאַקי ניטאָ. אייזענשטאַדט איז איין עהרליכער מאַן און א קאַלטע בריאה, א פלעגמאַטיקער...

דאָס צוועלפטע קאַפּיטעל.

בערטע די גרושה ווערד ביי ראַזע פּוהרמאַן אַ לעהרעריןָ פון ליעבע.

שטעלט אייך פאָר אַ יונגע פרוי פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג, אַ נידעריגע און אַ גראָבליכע, מיט גרויסע שווארצע אויגען, מיט געדיכטע ברעמען, מיט אַ פּנים, אויף וועלכען עס זענען אָנגעזעצט אַלערליי פרישטשיקלעך: רויטע, בלויע, גרינע, ווייסע, מיט אַ ביסעל אַ פערריסענער נאָז, מיט צוויי קליינע שווארצע וואָנסילעך אויף דער אויבערשטער גראָבער ליפּ, מיט אַ היבשער בראָדעווקע אויף דער לינקער באַק, אויף וועלכער עס וואַכסט און בליהט אַ בוטאָן פון זעקס אָדער זיעבען לאַנגע שווארצע האָר, מיט אַ קורצען האַלז, מיט שווארצע בעוואַכסענע הענד און מיט ווייסע פערעלדיגע צייהן — און אָט האָט איהר „בערטע די גרושה".

בערטע די גרושה האָט אַ פּנים פון אַ מאַנספּערזאָן און אַ הארץ פון אַ פרויענצימער, אַ גוט, ווייך, ווארעם הארץ מיט אַ רייכער פאַנטאַזיע פון אַ סך פראַנצויזישע ראָמאַנען. אַ גרושה איז זי געוואָרען נאָכדעם, ווי זי איז אריינגעפאַלען צו אַ גראָבען מענשען אין די הענד, וואָס האָט אויסגענאַרט ביי איהר עטליכע טויזענד רובעל, אוועקגעוואָרפען זי אויף דער דריטער וואָך נאָך דער חתונה און זיך אַזוי נידעריג, אַזוי אונמענשליך אויסגעלאַכט פון איהרע טרערען, פון איהר צעבראָכען הארץ! וואָס האָט זי

געקאָנט טהון, אַ שוואַכע פרוי, איין עלענדע אָהן עלטערען? פערשטעהט זיך, ווען איהר פאָטער, שניאור שימשעלביין, זאָל אויפשטעהן אַצינד פון קבר און אַ קוק טהון אויף זיין איינ־ציגער טאָכטער, אויף זיין בערטע, וואָלט ער זיך צוריק אַ לעבע־דיגער בעגראָבען! שניאור שימשעלביין האָט ליעב געהאַט זיין בערטע און געהיט זי, ווי דאָס שווארצאַפּעל פון'ם אויג. שניאור שימשעלביין איז געווען איין אָרענטליכער מאַן און האָט זיין ברויט פערדיענט מיט זיינע הענד: ער איז געווען אַ גאָלדשמיעד און אַ יובעליר, וואָס האָט ביז'ן טוידט געהאָרעוועט טאָג און נאַכט און האָט איבערגעלאָזט זיין בערטען טאַקי גאָר אַ היבשען קאַפּיטאַל. אַז שניאור שימשעלביין האָט דערפיהלט, אַז עס איז שוין צייט צו שטאַרבען, איז ער געקומען צו מאיר פוהרמאַנען, וואָס איז געווען זיינער אַ קרוב, און האָט ביי איהם איינגעלעגט דאָס געלד אויף אַ צייט, ביז זיין בערטע וועט דארפען חתונה האָבען: שימשעלביין האָט געוואוסט, אַז פוהרמאַנ'ס אייזערנער קאַסטען איז גלייך ווי די באַנק. און כך הוה. אַז בערטע איז אין אַ צייט ארום געקומען צום אָפּעקון, צו מאיר פוהרמאַן, און האָט איהם געזאָגט, אַז אין צוויי וואָכען ארום האָט זי חתונה, און בעט איהם דעריבער צוגרייטען דאָס געלד, האָט איהר פוהרמאַן געענטפערט, אַז ער וויל פריהער אליין זעהען זיך מיט איהר בע־שערטען. ווי פערוואונדערט איז ער אָבער געווען, ווען צו זיין שטיבעל מיט די רויטע לאָדען איז צוגעפאָהרען אַ קאַרעטע, פון וועלכער עס איז ארויסגעשפרונגען אַ פראַנט מיט אַ צילינדערהוט, מיט ווייסע הענטשקעס און מיט אַ ווייסען שניפּס. דער פראַנט האָט זיך פאָרגעשטעלט: „ארטהור פלעכטענטהאל". דער דאָ־זיגער וויזיט האָט זיך געצויגען אַ פּאָר שעה, און אַז ארטהור פלעכ־טענטהאל האָט זיך אָפּגעזעגענט און איז אוועקגעפאָהרען, האָט זיך פוהרמאַן געטאַפּט ביי די קעשענעס, געקוקט אויפ'ן אייזער־נעם קאַסטען, געקוועטשט די שליסעלעך אין דער האַנד, געשיקט רופען בערטען און האָט איהר אַזוי געזאָגט:

— הער נאָר אויס, בערטע, דיין חתן איז אַ קעשענע־גנב און אַ שאַרלאַטאַן... מעהר האָב איך דיר ניט וואָס צו זאָגען.

פערשטעהט זיך, אַז בערטע האָט זיך געפונען אַזוי בעלעדיגט, אַז זי האָט דריי טעג מיט דריי נעכט געוויינט אָהן איין אויפהער. מאיר פוהרמאַן האָט אויסגעוויזען אין איהרע אויגען אַ „פערדאָר־בענער מערדער", פונקט ווי עס ווערד בעשריבען אין די שענע ראָמאַנען, מיט וועלכע זי האָט זיך אָנגעלייענט ווי אַ פויק.

ארטהור פלעכטענטהאַל האָט זי געטרייסט:

— אויף דעם דאָזיגען בעל־עגלה איז ניטאָ וואָס פאַראיבעל צו האָבען. ער האָט אויף זיין לעבען נאָך ניט גערעדט מיט קיין „ציוויליזירטען" מענטשען. ער איז אַ פּראָצענטניק און אַ דעמ־פּאָט !...

בערטע האָט אַזוי לאַנג געוויינט איבער פוהרמאַנ'ס קאָפּ, ביז ער האָט איינמאָל מיט כעס ארויסגעהאַפּט אַ פּאַק מיט אסיג־נאַציעס פונ'ם קאַסטען און האָט איהר אַ שמיץ געטהאָן אין פּנים אריין. די הענד האָבען איהם געציטערט בעת מעשה.

— נאַ! אָט האָסט דו דאָ פינף טויזענד רובעל! מעהר געב איך דיר איצט ניט. לאָזען די איבעריגע פינף טויזענד בלייבען. נישקשה, זיי וועלען דיר צונויף קומען אויף שפּעטער...

אוי, זענען זיי איהר צונויף געקומען! אַז ארטהור פלעכטענ־טהאַל האָט זי בעראַבעוועט און אָוועקגעוואָרפען, און בערטע האָט קוים־קוים גע'פּועל'ט ביי איהם, ער זאָל איהר געבען גט, איז זי אריינגעפאַלען צו פוהרמאַנען אין שטוב אריין מיט אַ געוויין און האָט איהם געקושט די הענד. זי האָט ביי איהם געבעטען מחילה און האָט איהם געזאָגט, אַז ער איז איהר אויסלייזער, איהר צווייטער פאָטער. דאָס האָט איהם שטאַרק דורכגענומען. ער האָט אריינגערופען דאָס ווייב מיט דער טאָכטער און האָט צו זיי גע־זאָגט מיט גרויס אויפרעגונג:

— נו? זעהט איהר?... אָט וויינט זי. וואָס האָב איך געזאָגט? האָב איך דען ניט פריהער געזאָגט, אַז דאָס?...

פון יענער צייט אָן איז צווישען בערטע דער גרושה און ראָזע פוהרמאַן געוואָרען אַזאַ גוט לעבען, אַז מען איז געגאַנגען איינע צו דער אַנדערער יעדען טאָג; פוהרמאַן האָט דערפון גע־וואוסט און איז דערפון געווען צופריעדען: „לאָז זי זיך אויס־לערנען פון איהר, ווי אַזוי דאָס"...

און ראָזע פוהרמאַן האָט זיך אויסגעלערענט פון „בערטע דער גרושה" אַ סך זאַכען.

„בערטע די גרושה", וואָס האָט אַליין טייער בעצאָהלט פאַר איהר אייגענער ליעבע, האָט זיך געטרייסט מיט דער פרעמדער ליעבע און האָט געהאַט פערגעניגען פון ראָזע'ס גליק. אַז ראָזע האָט איהר איבערגעגעבען אַלץ, וואָס ביי איהר אויפ'ן הארצען איז געווען, האָט איהר בערטע געזאָגט, אַז זי מוז פריהער אַליין אָנקוקען דעם, וואָס האָט „געוואונען איהר ליעבע". אַ, בערטע איז שוין אַ געשלאָגענער הונד! זי וועט מען שוין אַזוי גיך ניט אָפּנאַרען — ניין!...

און באָרים פרידמאַן איז איהר פונ'ם ערשטען מאָל געפעלען: זיין שען געשטאַלט, זיינע לאַנגע בלאָנדע האָר, זיינע ווייסע הענד מיט די איידעלע מאַניערען זענען אַזוי פיעל געווען עהנליך מיט די מאַניערען פון אַ העלד, פון איין אמת'ען העלד, וואָס ווערד בעשריבען אין די ראָמאַנען, אַז עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס ראָזע האָט זיך אַזוי איינגעליעבט אין איהם! מע דאַרף נאָר אַכטונג געבען פון דער זייט, אַז עס זאָל דערפון, חלילה, ניט אַרויס עפּיס איין אומגליק, אַז די ליעבענדע זאָלען אויף תמיד זיין גליקליך. ראָזע איז נאָך אַזוי יונג!...

און בערטע די גרושה האָט זיך גענומען צו איהר אַרבייט ערנסט און געטריי. דריי יאָהר כסדר איז זי געשטאַנען אויף דער וואַך פון דער וויכטענס און האָט געהערט, ווי די דאָזיגע טייבעלעך שושקען זיך און קושען זיך; דריי יאָהר כסדר האָט זי געהיט, ווי אַ גוטער הונד, ביי דער טיר, אַז קיינער זאָל ניט איבער־שלאָגען די גליקליכע ליעבענדע צו רעדען, אַכקען און זיפצען און

צו קוקען זיך אין די אויגען אריין; דריי יאָהר כסדר האָט זי זיך מקריב געווען צוליעב'ן גליק פון צוויי פרעמדע יונגע ליעבענדע נפשות!

און זיי, די יונגע גליקליכע ליעבענדע נפשות, — צי האָבען זיי חאָטש אין זינען געהאט א מאָל זייער טרייע בעשיצעריז, בערטע די גרושה?...

דאָס דרייצעהנטע קאַפּיטעל.

ווי אזוי דער עהרליכער אייזענשטאַדט ווערד א דיפּלאָמאַט און ווי קונציג ער שפּיעלט זיין ראָלע.

א קוק טהון אויף אייזענשטאַדטען — האָט ער באמת אויס־געוויזען ווי א מענש „מיט א גלאַטען לונג־און־לעבער". צוויי ווייסע גלעזערנע אויגען, ווי די באַנקעס, א לאַנגע נאָז מיט א שאַרפען שפּיץ, דינע ליפּען, ווייסע שיטערע האָר, און אליין א דאַרער און א לאַנגער, א ביסעל א געהויקערטער, א קורצזיכ־טיגער, א פערטראַכטער, א צעטראָגענער, — אָט דאָס איז דער פּאָרטרעט פון פּינחס אייזענשטאַדט, וועמען עס איז בעשערט צו שפּיעלען אין אונזער ערצעהלונג א ראָלע פון א העלד, גאָר נישט ווילענדיג און אומגערעכט, אקוראַט ווי ניט ווילענדיג און אומ־גערעכט ער האָט געלערענט אין דער גימנאַזיע... צו וואָס האָט ער גאָר בעדאַרפט שטודירען, אז זיין פאָטער, איין אָרעמער, א קראַנקער שניידער, איז ניט אים שטאַנד געוועזען אויסצוהאַלטען איהם? נאָר זיין פאָטער, דוד דעם שניידער, האָט זיך געגלוסט דוקא, אַז זיין זוהן זאָל זיין א דאָקטאָר. אמת, פּינחס האָט בעוויזען אין גימנאַזיע א זעלטענע פעהיגקייט און האָט אָנגעהויבען געהן פון איין קלאַס אין דעם אנדערען אַלץ בעסער און בעסער. דוד דער שניידער פלעגט אָנווייזען אויף איהם מיט'ן פערבויגע־נעם פינגער:

— זעהט איהר? אָט דאָס איז מיין פּאָדפּאָרע אויף דער עלטער. פּינחס וועט זיין א לייט!

ווער האָט זיך געקאָנט גלייכען צו איהם, ווען זיין פינחס איז שוין אריין אין זיעבעטען קלאַס? דוד האָט טאַקי פערזעצט די מאַשינע; נאָר וואָס מאַכט עס אוים? זיין פינחס איז דאָך שוין אָבער אין זיעבעטען קלאַס, און אָט־אָט, נאָך אַ יאָהר, נאָך אַ יאָהר — איז ער אַ דאָקטאָר! און אַז מע וויל שמועסען צוריק, האָט ער די מאַשינע פערזעצט ניט צוליעב פינחס׳ען: פינחס האָט שוין פון לאַנג געגעבען שטונדען און זיך פערדיענט זיין שטיקעל ברויט. פערקעהרט, ער האָט נאָך אויסגעהאַלטען אַ ברודערעל אין גימנאַזיע און אויסגעהאַלטען אַ שוועסטער מיט אַ גאַנצער פאַמיליע.

נאָר צי איז דער זוהן אויך געווען אַזוי צופריעדען, ווי דער פאָטער, — דאָס קאָנען מיר ניט וויסען. מיר ווייסען נאָר, אַז אין די קלענערע קלאַסען איז ער געווען דאָס כפרה־היהנדעל פאַר זיין אָפּגעלאָזטקייט, קורצזיכטיגקייט און תמימות, און אין די העכערע קלאַסען, בשעת ער האָט שוין געגעבען שטונדען, האָט מען איהם עקספּלאָאַטירט דערפאַר, וואָס ער האָט יעדען געגלויבט אויף נאמנות, און ניט איין מאָל האָט ער אָפּגעהאַרעוועט אַ קיילעכיג יאָהר אומזיסט אָהן אַ גראָשען. נאָר מעהר פון אַלע האָט איהם עקספּלאָאַטירט זיין עלטערע שוועסטער, וואָס האָט געהאַט אַ טוץ קינדער מיט פערשלאָגענע קעפּ, ווי די העלצער, און פון דעסטוועגען האָט זיך איהר געגלוסט, זיי זאָלען זיין דוקא געשטודיערטע.

— וואָס פאַר אַ פּנים וועל איך האָבען מיט מיינע קינדער, — האָט זי גע׳טענה׳ט — אַז זיי וועלען זיין, גאָט זאָל מיר ניט שטראָפען פאַר די רעד, שניידערס אָדער שוסטערס, און מיין ברודער פינחס וועט זיין אַ דאָקטאָר?...

קיין פרייע מינוט האָט אייזענשטאַדט נעבאַך ניט געהאַט פון דער דאָזיגער שוועסטער!

און ניט נאָר אייגענע אַליין מוטשען איהם; אייזענשטאַדט איז איין עבד כנעני ביי יעדען אומגליקליכען שילער, ווענען די

נאַטור האָט ניט געבענטשט מיט אַ מוח און מיט פעהיגקייטען. אַז עס איז אונטערגעקומען איין עקזאַמען, איז אייזענשטאַדט געווען פערוואָרפען מיט ארבייט, פּונקט ווי זיין פאָטער דוד דער שניידער פאַר אַ יום־טוב; דעם אָנשרייבען אַ פערפאַסונג, מיט דעם צולערנען אַ פּאָר טעג, דעם אונטערוואַרפען פּאַפּירלעך מיט „גערעשעטע זאַדאַטשעס", דעם אונטערזאָגען פון אונטער דער באַנק... פערשטעהט זיך, אַז פּאַר אַזעלכע און אַנדערע עבירות איז אָפּגעקומען אייזענשטאַדט אליין און ניט קיין אַנדערער, און אַז ער איז אָפּגעזעסען אַ מעת־לעת אין קאַרצער, האָט זיך קיינער נישט דערמאַנט צו ברענגען איהם אַהין חאָטש אַ שטיקעל ברויט. נאָך מעהר: מע האָט געלאַכט און געשפעט פון איהם איבער זיין הילוך, איבער זיינע קליידער, וואָס זענען אויף איהם תמיד געלעגען אַזוי קאָמיש, אַז מע האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען, מע זאָל ניט לאַכען; עס האָט זיך נאָך ניט געטראָפען, אַז ביי אייזענשטאַדטען זאָל ליגען דער קאָלנער אָדער דאָס היטעל אויף איין אָרט, אָדער דער מונדיר זאָל זיין מיט אַלע קנעפּלעך, אָדער אַ הויז זאָל ניט זיין צעשפּאָלטען ביז אַרויף. שענער פון אַלץ זענען געווען זיינע שיטערע האָר אויפ'ן קאָפּ, וואָס זענען תמיד געשטאַנען קאַפּויר, ווי ביי אַ האָהן, ווען ער צעבייזערט זיך; די פּלייצעס האָט ער געהאַלטען שטענדיג אויפגעהויבען, און דעם קאָפּ איינגעבויגען אַראָפּ, און וויפיעל קלעפּ, וויפיעל קולאַקעס האָט דער דאָזיגער יונגער מענש געכאַפּט אויף זיין לעבען פון זיינע חברים!...

מע קאָן ניט זאָגען, אַז אייזענשטאַדט איז שטאַרק געפעלען געוואָרען בערטע דער גרושה. זי האָט איהם אויפגענומען אַזוי קאַלט, גלייך ווי ער וואָלט געווען אַ שפּיאָן, וואָס איז געקומען נאָכשפּירען און אויסטאַפּען און אָנמאַכען איין אומגליק. אייזענ־שטאַדט האָט זיך ניט געפונען בעלעדיגט פון אַזאַ אויפנעמען. ער האָט איהר איבערגעגעבען שטעהענדיג ביי דער טיר, אַז איהם

האָבען געשיקט זיינע חברים: גאָלדענשטאַדט, זילבערשטאַדט און פרידמאַן.

— ווער זענען עס גאָלדענשטאַדט און זילבערשטאַדט? — האָט איהם בערטע געפרעגט. — איך קען זיי ניט!

— איהר קענט זיי ניט? נישקשה, איהר מעגט זיך אויף זיי פאַרלאָזען; עס איז אַ גוטע חברה!

— אַ „גוטע חברה"? וואָס דאַרפען זיי צו מיר? וואָס קעהר איך זיך אָן מיט זיי?

— איהר קעהרט זיך טאַקי מיט זיי גאָר ניט אָן — אמת; גאָר ווייל באָרים און מיר אַלע האָבען באַשטימט, אַז היינטיגע וואָך מוז מען אָפּזוכען אַ מיטעל, ווי אַזוי באָרים מיט ראָזען זאָלען...

— שששששאַ! — האָט איהם בערטע איבערגעשלאָגען, אַרומ־קוקענדיג זיך אויף אַלע זייטען. — קומט אַריין אין זאַל אַריין!

בערטע האָט זיך בעטראַכט, אַז זי האָט זיך שוין צו גראָב בעגאַנגען מיט דעם דאָזיגען יונגען מענשען, האָט זי איהם געבעטען זיך זעצען אויף אַ קרעסלע, און אַליין איז זי אַוועקגעלאָפען צו זיך אין צימער און איז באַלד אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטען אין איין אַנדער קלייד, מיט אַ שען שאַלעכעל אויף די פּלייצעס, וועלכם האָט בעדאַרפט צוגעבען חן איהר פּנים. מיר האָבען פריהער פערגעסען בעמערקען, אַז בערטע שימשעלביין האָט ליעב געהאַט שען אָנטהון זיך און גאַנץ אָפט פערברענגען די צייט מיט'ן שפּיעגעל. אויף יעדען יונגען מענשען האָט זי געקוקט ניט אַנדערש ווי אויף אַ העלד, וואָס שפּיעלט אַ ראָלע אין אַ ראָמאַן. דאָס גאַנצע לעבען, די גאַנצע וועלט איז ביי איהר געוועזען אַ ראָ־מאַן, אַ טרויעריגער ראָמאַן.

אייניגע מינוט איז בערטע די גרושה געזעסען שטיל, אָהן ווערטער, און האָט בעטראַכט דעם דאָזיגען „העלד" פון קאָפּ ביז פּיס. אייזענשטאַדט האָט אויך בעטראַכט די מאַדאַם בערטע. צייט ער לעבט האָט ער נאָך אַזאַ מיאוסע פּרוי ניט בעגעגענט!

ענדליך האָט זי זיך צו איהם געווענדט, ארויסלאָזענדיג א גרינגען זיפץ און אויפהויבענדיג די אויגען ארויף:

— אפנים, אז איהר ווייסט שוין די טרויעריגע געשיכטע פון די דאָזיגע אומגליקליכע ליעבענדע?...

— „אומגליקליכע”? פאר וואָס אומגליקליכע?

— איהר ווייסט דען ניט, ווער זייערע עלטערען זענען? דאָס זענען דאָך דעספּאָטען, טיראַנען, פאַנאַטיקער...

— נו, איז וואָס? — האָט זי אייזנעשטאדט פערוואונדערט געפרעגט.

— וואָס הייסט, נו איז וואָס? איהר פרעגט נאָך? סטייטש! אנדערע עלטערען וואָלטען זיך אליין געסטארעט זייערע קינדער גליקליך צו מאַכען. אנדערע עלטערען וואָלטען פערשטאַנען, אז טאָמער גרייכען זייערע קינדער ניט צו זייער צוועק, וועלען זיי דאָס ניט אויסהאַלטען; זיי וועלען יונגערהייד געהן פון דער וועלט...

בערטע האָט צוגעטראָגען דאָס טיכעלע צו די אויגען, פון וועלכע עס האָבען שוין גערונען טרערען. נאָר ווי פערוואונדערט איז זי געוואָרען, אז זי האָט דערהערט פונ'ם דאָזיגען יונגען דיפּלאָמאַט אזא מין ענטפער:

— מיר דאַכט, אז איהר האָט א טעות: איך ווייס ניט, ווי אזוי זי, ראָזע, — נאָר באָרים וועט זיך שטארק ניט נעמען צום הארצען, אויב ער וועט ניט דערגרייכען זיין צוועק... פאַרשטעהט זיך, אז דאָס זאָג איך נאָר אייך, ווייל איהר זענט א פרעמדע; ראָזע דארף דאָס ניט וויסען. איהר פארשטעהט?...

— איך זעה שוין, וואָס פאר א גוטער פריינט איהר זענט באָריסען! איך פארשטעה, איך פארשטעה! איהר זענט איהם מקנא — איהר זענט ווי אלע מאַנסבילען...

בערטע איז פערפלאָמט געוואָרען פאר כעס. אייזענשטאדט האָט זיך צעלאַכט:

— מקנא? יאָ, אודאי בין איך איהם מקנא, נאָך איידער איך האָב אָנגעקוקט די טייערע ראָזע...

בערטע איז געוואָרען אויסער זיך פאַר כעס. זי איז אויפ־געשטאַנען פונ׳ם בענקעל און האָט זיך צו איהם געווענדט שוין מיט אַזעלכע רעד:

— זאָגט, וואָס דאַרפט איהר!...

— איך דאַרף מיט אייך איבעררעדען וועגען מיין חבר באַ־ריס פרידמאַן, וואָס וויל חתונה האָבען פאַר ראָזע פוהרמאַן ניט שפּעטער ווי היינטיגע וואָך...

בערטע האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט איבערראַשט.

— היינטיגע וואָך?! חתונה האָבען? היינטיגע וואָך?...

בערטען האָט אַ גאַס געטהאָן דאָס בלוט אין פּנים אריין פאַר פריידע און פאַר פּחד. שוין דריי יאָהר, אַז די דאָזיגע ליעבע ציהט זיך און ציהט זיך, אָהן אַ עק, אָהן אַ סוף. אָבער אַ מאָל הייסע בריוועלעך און ווידער אַ מאָל הויכע ווערטער — פון חתונה האָבען האָט נאָך קיינער פון זיי ניט געפּרובט שמועסען. בערטע האָט תמיד געטראָגען די דאָזיגע אידעע ביי זיך אין האַר־צען, נאָר זי האָט ניט געהאַט די שטאַרקייט פאַרצולעגען אַזאַ געדאַנק פאַר די גליקליכע ליעבענדע, וועלכע האָבען איבערגע־לעבט אַ לאַנגען און אַ זיסען חלום. און איצט הערט זי פונ׳ם דאָזיגען יונגען מענשען אַזעלכע עפענטליכע פּראָסטע ווערטער. איז דאָס מעגליך?...

— וואָס האָט איהר געזאָגט? — פרעגט בערטע נאָך אַ מאָל. — חתונה האָבען? היינטיגע וואָך? קאָן דאָס דען זיין?

— פאַר וואָס דען ניט? — האָט זי אונזער דיפּלאָמאַט איבערגעפרעגט, קוקענדיג איהר גלייך אין די אויגען אריין.

— ווי אַזוי? ווי אַרום? אויף וואָסער אופן?...

— זעהר פּשוט; זיי וועלען זיך אַרויסכאַפּען ביינאַכט, בעת אַלע שלאָפען, און וועלען אַוועקפאָהרען ערגיץ אין אַ שטעדטעל און דאָרט שטעלען אַ חופּה...

— אין א שטעדטעל?... א חופּה?... אך, וואָס פאַר א טייערע, וואָס פאַר א גליקליכע אידעע!...

עס האָט זיך איהר באַלד פאַרגעשטעלט א בילד, פּונקט ווי ער ווערד בעשריבען אין די ראָמאַנען: א צויבערליכע זומער־נאַכט... די לבנה לייכט... דער סאָלאָוויי זינגט... די ליעבענדע נעהען געאָרעמט, שטאַרק צוגעדריקט איינער צום אַנדערען... וואָס קאָן נאָך זיין שענער פון דעם?

— זיי ווייסען דען, ווי אזוי, וואוהין צו אנטלויפען? — האָט איהם בערטע א פרעג געטהאָן. — און טאָמער נעמט מען זיי איבער?...

— דאָס איז א קלייניגקייט. — האָט איהר דער דיפּלאָמאַט געענטפערט. — זיי וועלען ניט זיין אליין.

— זיי וועלען ניט זיין אליין? ווער זשע וועט זיין מיט זיי?

— איך וועל זיין; מיר וועלען אלע זיין, אויב מע וועט נאָר דאַרפען. — האָט איהר אייזענשטאַדט געענטפערט.

בערטאַ האָט זיך אויפגעחאַפּט פון׳ם בענקעל און האָט אָנגע־נומען אייזענשטאַדטען ביי דער האַנד און האָט זי שטאַרק־שטאַרק געדריקט.

— איהר זענט איין אָרענטליכער מאַן! איהר זענט א העלד! א העלד!...

אייזענשטאַדט האָט איהר דערויף גאָרניט געענטפערט; ער האָט נאָר בעטראַכט די דאָזיגע גרושה, וואָס האָט לאַנג־לאַנג געהאַלטען זיין האַנד אין איהר האַנד...

* * *

פאַרנאַכט, אז אונזער דיפּלאָמאַט איז געקומען צו בערטע דער גרושה, האָט ער זיי געטראָפען ביידע — בערטע מיט ראָזען; זיי זענען געזעסען ביידע אויף איין קאַנאַפּע, ביידע פערפּלאָמט, ביידע פערוויינט, און דאָך ווי גרויס איז געווען דער קאָנטראַסט צווישען די דאָזיגע צוויי פרויען: איינע איז געווען מיאוס ווי

דער טוידט. און די אַנדערע — שען ווי די וועלט, ליכטיג ווי די זון און פריש ווי דער חודש מאַי! ראָזע, וועלכע די מאַדאַם פרידמאַן האָט אָנגערופען „די קאַרליטשקע", איז טאַקי באמת נישט געוועזען קיין הויכע, נאָר איהר ליכטיג געזיכט, איהרע גע־דיכטע שווארצע האָר, איהרע קליינע ווייסע הענטלעך, איהר שען מיילכען און איהרע שווארצע טיעפע אויגען האָבען אַזוי גוט געהאַרמאָנירט צווישען זיך, אַז אונזער דיפּלאָמאַט, וואָס האָט נאָך ביז אַהער קיין צייט ניט געהאַט זיך צוצוקוקען צו שענע מיידלעך, איז אַ ביסעל ווי צעמישט געוואָרען און האָט זיך ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט נאָכדעם, ווי די מאַדאַם שימשעלביין האָט איהם פאָרגעשטעלט פאַר איהר.

בערטע איז אוועקגעגאַנגען שטעהן ביי דער טיר, ווי איהר שטייגער איז, אכטונג געבען, טאָמער געהט עמיצער אריין, און אייזענשטאַדט איז איבערגעבליבען אויג אויף אויג מיט ראָזע פּוהרמאַן. אַך! וואו איז אַהינגעקומען זיין שטאַרקייט, זיין פּראַקטיקייט? ער האָט נישט געקאָנט עפענען דאָס מויל צו רעדען אַ האַלב וואָרט, און פאַר גרויס חרפּה און צעמישטקייט האָט ער אומגעהרען מיט'ן עלענבויגען צעבראָכען דאָס גלאָז פונ'ם שפּיעגעל, וואָס איז געשטאַנען הינטער זיינע פּלייצעס... בערטע איז ארייַנגעלאָפען ניט טוידט ניט לעבעדיג, און צונויפ־קלייבענדיג דאָס צעבראָכענע גלאָז, האָט זי געוואָלט טרייסטען דעם אומגליקליכען דיפּלאָמאַט. נאָר מעהר זי האָט גערעדט, איז ער אַלץ מעהר צעמישט געוואָרען — ביז ער איז ענדליך אויפ־געשטאַנען, געחאַפּט דאָס היטעל, אַ נייג געטהאָן זיך צוביידע דאַמען, עפּיס אַ מורקע געטהאָן אונטער דער נאָז, עפּיס זעהר נאַריש, און ארויס פון בערטע דער גרושה'ס הויז.

אָט ווי אַזוי עס האָט זיך געענדיגט דער ערשטער דיפּלאָ־מאַטישער ארויספאָהר פון אונזער יונגען, נאָר זעהר בעגאַבטען אייזענשטאַדט!

דאָס פיערצעהנטע קאַפּיטעל.

אלע הארעוועו צוליעב דעם פּרינץ.

אין דער דאָזינער צייט ווען אייזענשטאַרט מיט בערטע שימשעלביין האָבען געפּלאַנעוועט, ווי אַזוי מיטצוהעלפען באַרים פרידמאַנען מיט ראָזע פוהרמאַן, איז אונזער פּרינץ באַרים געזעסען צעלעגט ביי דער מאַדאַם רעגענבויגען אין גאַסט־צימער אויף אַ פאָטעל מיט אַ ציגאַר אין די צייהן, אַ פוס פערלעגט איבער אַ פוס, די הענד אין די קעשענעס, און האָט דערצעהלט, ווי גלענצענד ער האָט אָפּגעגעבען דעם לעצטען עקזאַמען, ווי אַזוי עס שטעהט איהם פּאַר אַ שווערע צייט דעם אוניווערזיטעט דורכצומאַכען, ווי אַזוי ער רעכענט נאָכדעם פאָהרען קיין אויסלאַנד שטודירען.

אקעגען איהם זיצט די מאַדאַם רעגענבויגען, נישט קיין יונגע דאַמע מיט געלע האָר און מיט עטליכע בראָדעוועקעס אויפ'ן פּנים, און ביי דער זייט, מיט ביכלעך אין די הענד, זיצען איהרע צוויי טעכטער, אויך געלע, געראָטענע איינע אין דער אַנדערער, פּונקט ווי צוויי טראָפּען וואַסער.

מאשא און פּאשא (אַזוי רופט מען זיי) קענען שוין פון לאַנג באַריסען. זיי געדענקען איהם נאָך, אַז ער איז אַרומגעלאָפען איבער'ן מארק מיט זיינע אָפּגעריסענע חברים און בעפאַלען מענשען אין די גאַסען. נאָר פון יענער צייט איז שוין אַוועק אַ סך

יאָהרען, און באָרים איז שוין ניט יענער באָרים, וואָס אַמאָל — ניין! דאָס איז שוין אַ יונגער מאַן מיט שענע מאַניערען, אַ גע־בילדעטער, אַ קלוגער, אַ פרייליכער און — אַ „סטודענט"!... מאַשאַ און פּאַשאַ —ביידע ווינשען זיך מיט'ן גאַנצען הארצען נישט קיין ערגערע חתנים, ווי באָרים פרידמאַן. זיי ווייסען אָבער גאַנץ גוט, אַז באָרים פרידמאַן וועט ניט נעמען ניט מאַשען און ניט פּאַשען: באָרים פרידמאַן פאָהרט קיין פּעטערבורג, און נאָכדעם קיין אויסלאַנד... נאָר איין מאַדאַם רעגענבויגען האָט נאָך אַ האָפענונג, אַז באָרים פרידמאַן וועט — ניט היינט איז שפּעטער — געוויס זיין איהר איידעם. און פאַר וואָס דען ניט? דער הערר רעגענבויגען איז רייכער פון פרידמאַנען און קאָן געבען אַ הונדערט טויזענד רובעל נדן, און די מאַדאַם פרידמאַן, מיט וועלכער זי לעבט אַזוי צונויפגעלעגט, האָט איהר ניט איין מאָל געגעבען אָנצוהערען, אַז, אדרבה, זי וואָלט נאָך זעהר געוועזען צו־פריעדען...

— איהר געהט היינט אין טהעאַטער אריין? — פרעגט איהם די מאַדאַם רעגענבויגען און וואַרפט איין אויג אויף די טעכטער, וואָס ווערען ביידע רויט ווי פייער.

— דאָ אין טהעאַטער? — ענטפערט באָרים. — פע! אין פּעטערבורג איז חאָטש כדאי צו געהן אין טהעאַטער, אָדער, אַשטיי־גער, אין אויסלאַנד... נו, און איהר געהט אין טהעאַטער? — האָט זיך באָרים פערחאַפּט.

— מיר האָבען שוין אפילו בילעטען! — ענטפערען איהם ביידע רויטע מיידלעך און ווערען נאָך רויטער.

— אָך, פּאַרדאָן! — זאָגט צו זיי באָרים. — אויב אַזוי, געה איך אויך מיט אייך.

די מאַדאַם רעגענבויגען ווערד צעגאַנגען פאַר נחת. אין איהר פאַנטאַזיע שטעלט זיך איהר שוין פאָר, ווי אַזוי באָרים געהט־צו צו איהר און בעט זי גראַטולירען. זי ווייסט נאָר ניט, ווער פון די ביידע איז די כלה: מאַשאַ, צי פּאַשאַ?... נאָר עס

איז קיין חילוק ניט. אבי באָרים איז איהר איידעם. זי זאָגט צו זיין מוטער: „איאָ? וואָס האָב איך אייך געזאָגט?" און די מאַדאַם שפּיעגעלגלאַז ווערד אַלערליי קאָליערען פאַר קנאה. און די מאַדאַם שטעכענהאָלץ קווישעט מיט איהר קול: „עס קאָן ניט זיין! עס קאָן ניט זיין!"...

נאָר ניט אַזוי קלערט די מאַדאַם פרידמאַן. די מאַדאַם פרידמאַן קוקט אַ סך ווייטער און אַ סך העכער! זי חלומ'ט איצט, אַז איהר באָרים וועט ווערען אַ מיליאָנער!

ווי אַרום? — זעהר פּשוט! צו וואָס טויג איהם שטודירען? צו וואָס נוצט דאָס איהר, אַז איהר זוהן זאָל זיין אַ דאָקטאָר אָדער איין אָרעמער אַדוואָקאַט! וואָס איז? ער קאָן זיך נישט דערשלאָגען צו אַ גרויסער, אַ גלענצענדער פּאַרטיע?... עס קאָן אַלץ געמאַהלט זיין! ובפרט נאָך אין אויסלאַנד, אַז מע וועט זיך נאָר בעקענען מיט איהר באָריסען!

דאָס זעלבע האָט געטראַכט דער פאָטער אויך, נאָר אויף איין אַנדער אופן:

„מיין ברוך איז נישקשה פון אַ שאַרלאַטאַן, כּלעבען... אין איין זומער פערלעבט דריי טויזענד רובעל און אַ חוץ אָנגע'חתמ'עט וועכסלען אויף אַ פּאָר טויזענד רובעל! דו פערשטעהסט צי ניין? אַז מלכּה וועט איהם אַזוי נאָכגעבען, קאָן ער ווערען לייטענגלייך... געלערענט, געלערענט — ביז מע האָט איהם אַרויסגעטריבען פון דער גימנאַזיע. איין עק, אַ סוף — אוים לערנען! גענוג! מע דאַרף איהם נעמען אַ ביסעל צום געשעפט און ברעכען די ביינער, טאָמער וועט פון איהם ווערען חאָטש אַ שטיקעל מענש, דו פערשטעהסט צי ניין?"...

מיט איינעם וואָרט — אַלע האָבען גערעדט פון באָריסען, אַלע האָבען געבויעט אַנדערע פּלענער פון זיינטוועגען, אַלע האָבען איהם געוואָלט פערזאָרגען: דער פאָטער, די מוטער, די מאַדאַם רעגענבויגען, די מאַדאַם שטעכענהאָלץ, די מאַדאַם שפּיעגעלגלאַז, גאָלדענשטאַדט, זילבערשטאַדט, אייזענשטאַדט, בערטע שימ־

שעלביין און ראָזע פוהרמאַן — יעדער נאָך זיין השגה און נאָך זיין פערשטאַנד; נאָר איין מענש האָט ווינציגער פון אַלע געטראַכט וועגען איהם; דער דאָזיגער מענש איז געוועזן טאַקי ער אַליין.

גאַנץ אויפגעלעגט איז ער זיך געזעסען אין טהעאַטער צווישען מאַשאַ מיט פּאַשאַ רעגענבויגען, וואָס זענען געוועזן אויף דעם זיעבעטען הימעל פאַר פריידע, פאַר גדלות און פאַר פערגעניגען. אָ! ווען די מאַדאַם שטעכענהאָלץ זאָל זיין אַצינד אין טהעאַטער! מיט וואָסערע אויגען וואָלט זי געקוקט אויף זיי!... נאָר די מאַדאַם שטעכענהאָלץ איז אַצינד גראַדע ניט געוועזן אין טהעאַטער; אויף איהר אָרט איז געזעסען איין אַנדער דאַמע, וואָס האָט ניט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון מאַשאַ מיט פּאַשאַ רעגענבויגען און פונ'ם קאַוואַליער, וואָס איז געזעסען צווישען זיי, ווי אַ פערשולדיגטער צווישען צוויי זשאַנדאַרמען. די דאָזיגע דאַמע איז געוועזן נישט מעהר און נישט ווענינגער ווי בערטע שימשעלביין.

איך ווייס ניט, אויב עס האָט עמיצער אַמאָל, צייט די וועלט שטעהט, געוואָרפען אַזעלכע פייערינגע אויגען אויף זיין ערגסטען שונא, ווי בערטע שימשעלביין האָט אין דעם אָבענד געוואָרפען אויף באָרים פרידמאַנען... סטייטש! נאָך אַ מאָל! אין אַזאַ צייט? אין טהעאַטער? און מיט וועמען?

אויב איהר מיינט אָבער, אַז בערטע שימשעלביין האָט געמאַכט דערפון אַ גאַנצען עסק — האָט איהר אַ טעות. בערטע האָט טאַקי ניט צוגעמאַכט מיט קיין אויג אַ גאַנצע נאַכט און האָט זיך געקאַטשעט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, זיפצענדיג און קרעכצענדיג, נאָר אויף מאָרגען, אַז ראָזע איז צו איהר געקומען, האָט איהר בערטע אפילו נישט מזכיר געוועזן וועגען דעם, וואָס איהרע אויגען האָבען געזעהען אין טהעאַטער. זי האָט נאָר אָוועקגעשיקט איהר מענשען צו אַליק דעם משרת, וואָס האָט שוין מיט'ן קוק פערשטאַנען, וואָס מע מיינט, און האָט פון זיין זייט אויך אַ וואונק געטהאָן צו זיין יונגען פּרינציפּאַל. באָרים האָט

אבער איצט קיין צייט ניט געהאט צו געהן: ער איז געזעסען מיט דער מוטער און מע האט געפיהרט א נויטיגען שמועס. אליק האט דאס איבערגעגעבען בערטען, און בערטע האט בע־פוילען, אז אייזענשטאדט זאל, למען השם, קומען צו געהן וואס גיכער. אייזענשטאדט האט זיך באלד גענומען צו באריסען, אוועקגעפיהרט איהם ווייט אין גארטען אריין און האט מיט איהם געהאט זעהר א וויכטיגען שמועס.

אט וואס פאר א שמועס זיי האבען געהאט:

באריס פאהרט אוועק אין א חודש ארום מיט דער מוטער קיין אויסלאנד... ער דארף פאהרען; ער מוז פאהרען קיין אויס־לאנד: ערשטענס, א ביסעל צעשלאגען זיך די געדאנקען נאך דעם שענעם עקזאמען. צווייטענס, וועט ער זיך א ביסעל אויס־רייבען, אנטוויקלען. דריטענס, קאן ער ניט אפזאגען ז'ר מוטער, וועלכע האט איהם אזוי ליעב. פיערטענס, איז דאס טאקי זעהר א נויטיגע זאך: זעהען א נייע וועלט. פינפטענס, איז דאס איהם זעהר נוצליך פשוט פאר'ן געזונד... און וואס קעהר זיך דאס אן מיט דער „אידעע", מיט זיין ראזע, וועלכע וועט איהם לייכטען אומעטום ווי א גלענצענדער שטערן?... וויבאלד ער וועט נאר קומען צוריק, אזוי וועט ער זי מיט געוואלד אויסרייסען פון די הענד פון די רעספאטען און וועט אוועקפאהרען מיט איהר וויט־ווייט. דערווייל וועט ער זיך מיט איהר איבערשרייבען אפט, אלע טאג, אלע טאג...

די גאנצע צייט האט אייזענשטאדט געהאלטען דעם קאפ אראפגעלאזט און האט ניט געענטפערט דאס צווייטע ווארט. נאר אז באריס האט געענדיגט, האט ער אויפגעהויבען דעם קאפ, אנידערגעשטעלט זיינע גלעזערנע באנקעס אויף באריסען און האט איהם א פרעג געטהאן:

— באריס! זאג מיר דעם רעכטען אמת: דו האסט ליעב ראזען? דו האסט זי שטארק ליעב?...

— אײזענשטאַדט! דו ביזט משוגע, צי וואָס?... צי האָב איך זי ליעב? וואָס פרעגסט דו?...

אליק האָט געזוכט באַריסען אין גאָרטען און האָט איהם געזאָגט אַז דער פאָטער רופט איהם. באַרים האָט זיך מחיה געווען: די גלעזערנע באַנקעס פון זיין חבר אײזענשטאַדט זענען פאַר איהם געווען זעהר שווער איבערצוטראָגען... דעם גאַנצען טאָג האָט זיך באַרים אויסבעהאַלטען פון איהם.

פאַרנאַכט, אַז אײזענשטאַדט איז אַוועקגעגאַנגען צו בערטע דער גרושה, איז איהם געוואָרען גרינגער אויפ'ן הארצען...

דאָס פופצעהנטע קאַפּיטעל.

יעדער האָט זיך זיין פּעקעל.

אַט וואָס פאר א בריוועל ראָזע פוהרמאַן האָט יענע טעג בעקומען פון איהר באָריסען:

„טייערע, טייערע ראָזע מיינע! איך קוש דיך פון דער־ווייטענס. צו מיין אומגליק קאָן איך דיך נישט זעהען... אָ! דו פערשטעהסט וואָס הייסט ביי מיר דיך ניט זעהען?... מע היט מיך... מע קוקט אויף מיר מיט טויזענד אויגען... מיין מוטער האָט מיך אזוי ליעב, אז זי לאָזט מיך ניט אָפּ אויף קיין מינוט. אָ! איך בין איין אומגליקליכער!... איך בעט דיך, ראָזע, נעם־צו מיין חבר אייזענשטאַדט גלייך ווי מיך אליין. דאָס איז א זעל־טענער אָרענטליכער, גוטער מענש! פאר איהם איז ניטאָ קיין סודות — ער מעג אלץ וויסען, ער ווייסט אלץ און איז אזוי קלוג, אזוי געטריי און איבערגעבען מיט'ן גאַנצען לעבען!"...

יאָ, אמת. אייזענשטאַדט איז טאַקי א גאַנץ אָרענטליכער מאַן, א גוטער, א קלוגער. ראָזע האָט אָבער א סך בעסער גע־וואָלט זעהען זיך מיט איהר באָריסען. ווי מיט אייזענשטאַדטען. זעהען באָריסען איין מינוט. הערען פון איהם איין איינציג וואָרט איז ביי איהר געווען א סך טייערער און ליעבער, ווי צו זעהען אייזענשטאַדטען דריי שעה כסדר און רעדען מיט איהם א גאַנצען טאָג!... אונזער יונגער דיפּלאָמאַט האָט דאָס זעהר גוט פער־

שטאַנען, נאָר וואָס האָט ער געזאָלט טהון, אַז באָרים האָט פּאָרט ניט געקאָנט קומען אַהער? אייזענשטאַדט האָט איהר אויסגע־וויזען מיט אַזעלכע ראיות, אַז ראָזע האָט ניט געקאָנט קלערען אַנדערש. אין אַ צייט פון צוויי וואָכען האָט אייזענשטאַדט אַרויסגעזעהן, אויף וויפיעל ראָזע'ס ליעבע צו זיין חבר איז שטאַרק, אַז אויסער באָריסען האָט פאַר איהר נישט עקזיסטירט קיין מענש, קיין וועלט, קיין ליעבע, קיין גליק; „באָרים" — אָט דאָס איז געווען איהר גאָט, אויף וועלכען עס איז געהאַנגען איהר גאַנצע האָפענונג אין לעבען. איינס פון די צוויי: אָדער באָרים, אָדער דער טוידט!...

וועגען דעם האָט אייזענשטאַדט גענוג נעכט פערבראַכט אין שמועסען מיט בערטע שימשעלביין.

— שלעכט, בערטע! — האָט ער איהר איינמאָל געזאָגט, בעת זיי זענען געבליבען אַליין ביינאַכט אין זאַל אויף דער קאַנאַפּע. — שלעכט! מע דאַרף זעהען נעמען אַנדערע מיטלען ער זאָל ניט פאַרשוואונדען ווערען פון אונזערע הענט...

— ווער? ווער זאָל ניט פאַרשוואונדען ווערען? — האָט איהם בערטע מיט שרעק איבערגעפרעגט.

— אונזער פּרינץ. באָרים...

בערטע האָט אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענד און כמעט וויינענדיג אַרויסגערעדט:

— אייזענשטאַדט! איהר זענט אַ שלעכטער! איהר האָט תמיד ליעב צו זאָגען אַזעלכע שרעקליכע זאַכען, אַז עס איז גאָר אַ מורא מיט אייך צו רעדען!...

אייזענשטאַדט האָט אויף איהר אַנידערגעשטעלט זיינע גרויסע אויגען, וועלכע זענען ניט געווען אַזוי בייז און מורא'דיג, ווי די מאַדאַם שימשעלביין האָט געמיינט. זי האָט איהם נאָך אַ מאָל איבערגעפרעגט:

— איך פאַרשטעה ניט, וואָס איהר מיינט... וואָס ווילט איהר זאָגען?... באָרים האָט ניט ליעב ראָזען?...

— ניין, פארקעהרט, ער האָט זי דוקא ליעב. נאָר עס קאָן זיך טרעפען, אז ער זאָל אנטלויפען... אויסרייסען זיך — און אנטלויפען פון ראָזען אויף תמיד...

אזעלכע מרה־שחורה'דיגע געדאנקען האָבען שטארק געווירקט אויף דער מאדאם שימשעלביין; איהרע טרערען, וואָס האָבען זיך קיינמאָל לאנג ניט געלאָזט בעטען, האָבען זיך איצט ווי פון א קוואל געגאָסען. אייזענשטאדט האָט אין דער דאָזיגער צייט ארייננעקוקט אין בוך אריין, און אז ער האָט דערזעהען, אז די טרערען הויבען אָן ווערען שיטערער און די אויגען טריקענער, האָט ער זיך ווידער צוגערוקט צו בערטע דער גרושה און האָט איהר איבערגעגעבען זיינע געדאנקען, פאר וואָס ער קלערט אזוי, און די מאדאם שימשעלביין האָט ענדליך געמוזט איינשטימען מיט איהם, אז ער האָט רעכט, — ניט אינגאנצען, נאָר א ביסעל.

— וואָס זשע טהוט מען דערצו? — האָט זי איהם געפרעגט.

— מע דארף ניט שלאָפען. מע דארף זיך באקלערען. איך וועל פרובען, טאָמער וועט מיר געראָטען...

— אייזענשטאדט! איהר זענט דער עהרליכסטער, דער בעסטער מענטש אויף דער וועלט! איהר זענט א ווירקליכער העלד!...

* * *

וואָס געהט דאָס אָן באָריסען, וואָס זיינע פריינד האָרעווען אזוי פון זיינעטוועגען? דער דאָזיגער וואוילגעבוירענער פרינץ, דער קינפטיגער יורש פון דער גלענצענדער פירמע „פרידמאָן", איז פון קינדוויז אָן אויפגעצויגען געוואָרען דערויף, אז אלע דארפען האָרעווען אויף איהם, און עס וואָלט איהם גאָר געווען א וואונדער, ווען עמיצער זאָל פרעגען, פאר וואָס איז דאָס אזוי? בטבע ניט קיין שלעכטער, מיט א ווייך הארץ, האָט איהם די ברייטע ערציהונג געמאכט פאר א מענשען מיט א שוואכען, נאָר א גוטען כאראקטער. דערפאר האָט איהם יעדער ליעב געהאט און געשעצט נאָך זיין ווערטה. אויף זיין לעבען האָט ער נאָך קיינעם ניט אָפגעזאָגט,

וואָס מע האָט ביי איהם געבעטען, און נעגעבען און געטהאָן מיט דער ברייטער' האנד, וויפיעל ער האָט נאָר בכח געהאַט צו געבען און צו טהון; און הגם אייזענשטאדט האָט נאָך פון איהם קיין שום טובה נישט געהאַט און ניט געפאָדערט, דאָך האָט זיך באָרים ניט נעפרעגט, פאַר וואָס לויפט דער דאָזיגער דיפּלאָמאַט אַלע טאָג, ווי אַ פער'סמ'טע מויז, צו בערטע דער גרושה מיט זיינע קווייטלעך צו ראָזען און מיט ראָזע'ס בריוועלעך צוריק? עס איז אַ סברה, אַז אייזענשטאדט אַליין האָט זיך אויך וועניג בעשעפטינט מיט דער דאָזיגער פראַגע, פאַר וואָס עס ציהט איהם עפּיס אַהין? ערשט נאָכדעם, אין אַ צייט ארום, דעמאָלט ווען ראָזע... נאָר מיר פער־לויפען צו פריה; עס איז ניטאָ קיין ערגערע זאַך ווי דאָס, וואָס דער שרייבער האָט קיין צייט ניט און חאַפּט איינס פאַר דאָס אַנ־דערע, גלייך ווי עמיצער שלאָגט איהם האַלז און נאַקען... האָב צייט — ס'וועט ניט אנטלויפען!

גאָלדענשטאדט און זילבערשטאדט האָבען זיך תחילת אפילו יאָ אַ ביסעל געוואונדערט דערויף, וואָס דער דיפּלאָמאַט פערברענגט טעג מיט נעכט ביי דער „גרושה", נאָר ווייטער־ווייטער האָבען זיי אויפגעהערט זיך צוקוקען דערצו, ווייל יעדער מענש האָט זיך זיין פּעקעל.

גאָלדענשטאדט און זילבערשטאדט זענען געווען אַזוי שטארק פערנומען מיט זייערע אייגענע פּעקלעך, אַז עס איז זיי שוין גאָר אין קאָפּ נישט געקראָכען באָרים פרידמאַנ'ס ליעבע מיט אייזענ־שטאדט'ס דיפּלאָמאטיע. גאָלדענשטאדט און זילבערשטאדט זע־נען געקומען אהער צו זייער חבר, אַ ביסעל אָפּרוהען זיך פונ'ם יאָהר, אַ ביסעל לעבען, אָנטרינקען זיך מיט דער פרייהייט איין מאָל פאַר אַלע מאָל, ובפרט אַז עס שטעהט נאָך פאַר זיי פאַר אַזאַ שווערער וועג, איין אוניווערזיטעט אויף פיער אָדער פינף יאָהר. מיט וואָס פאַר אַ זיסקייט ליגען זיי אַצינד אויסגעצויגען אויפ'ן גראָז ערגיץ אינטער אַ בוים און קוקען ארויף אויפ'ן בלויען זומער־דיגען הימעל! ווי טייער איז די פרייהייט! נאָר ניין, ניט דאָס,

וואָס זיי האָבען געזוכט, האָבען זיי דאָ געפונען. דאָס גרינגע שמע־קענדיגע גראָז מיט די בלעטערדיגע בוימער האָבען זיי גיך פער־ביטען אויף דעם געלען מויער פון דעם הערר רעגענבויגען, און דעם בלויען זומערדיגען הימעל האָבען זיי פערביטען אויף די געלע, נאָר געזונטע און פרישע טעכטער פונ׳ם הערר רעגענבויגען.

מאשא און פּאשא רעגענבויגען זענען נישט קיין יונגע, נישט קיין שענע, נישט קיין איבעריג קלוגע, נישט קיין זעהר געבילדעטע — נאָר ווארילע מיידלעך, אויסגעצייכענטע מיידלעך. עס איז א פער־געניגען צו קוקען, ווי אזוי די דאָזיגע צוויי שוועסטער געהען־ארויס אויפ׳ן שפּאציער תמיד געאַרעמט, שטענדיג צוזאמען, גלייך גע־קליידט — נאטירליך, זעהר עלעגאַנט, און נאָך דער לעצטער מאָדע — שטענדיג אין איין צייט, שטיל, פיין, בנעימות, ליעבליך, פריינדליך — פּונקט ווי שוועסטער דארפען געהן. קיינער וועט נאָר ניט וועלען גלויבען, אז ביי זיך אין דער היים זענען זיי צוויי־שען זיך די ערגסטע שונאים און רייסען זיך הונדערט מאָל אין טאָג, ווי די קעץ. וואָס איז דאָ צו וואונדערען זיך? גאָט האָט זיי אזוי שוין בעשאפען, אז זיי מוזען זיך קריגען צווישען זיך, וואָרום אז מאשא זאָגט „וויס״, מוז שוין פּאשא זאָגען „שוואַרץ״. עס קאָן זעהר געמאָהלט זיין, אז עס איז דערפאר, ווייל זיי זענעןביידע גלייך צערייצט, צעבייזערט דערמיט, וואָס זיי האָבען ביידע רויטע האָר מיט לאַנגע שפּיצעכיגע נעזער און גרויסע אויהערען; עס קאָן זיין, אז דערפאר, ווייל זיי זענען ביידע א ביסעל אריבער־געוואַכסען, ביידע פערזעסענע, אָהן חתנים; און עס קאָן זיין, אז דערפאר, ווייל מאשא האָט גערעכענט, אז איבער פּאשא׳ן איז זי אזוי אומגליקליך, און פּאשא האָט געדרונגען פערקעהרט, אז די גאַנצע צרה איז ווייל זי האָט איין עלטערע שוועסטער, וועלכע הייסט מאשא... נאָר ווי אזוי די מעשה איז דאָרט געווען, — די דאָזיגע צוויי שוועסטער האָבען געפיהרט צווישען זיך מלחמה א צייט מיט יאָהרען. נישט דער פאָטער, וואָס איז זעלטען אין דער היים געווען, נישט די מוטער, וואָס האָט מורא געהאַט אריינ־

מישען זיך צווישען זיי, האבען זיי נישט געשטעהרט צו קריעגען זיך, זידלען זיך, שעלטען זיך — און אפטמאָל — צווישען אונז זאָל עס בלייבען — טאקי פאטשען זיך...

כעס איז, געוועהנליך, ניט אזא טייערע מעלה; דאָך פערשטעהען מיר, אז יעדער האָט א גאָל און א מענש איז ניט קיין אייזען. ווי אזוי זאָל מאשא ניט זיין אין כעס אויף פאשא'ן, אז זי פערגינט זיך נאָך שפּארען און זאָגען אויף צו־להכעיס, אז זיל־בערשטאָדט איז א שוטה?

— ער איז קליגער פון דיר, מאשא!

— פארשטעהט זיך: פאשא אליין זאָגט אזוי — דארף מען איהר גלויבען! איהר ווייסט, ווער עס זאָגט? דאָס זאָגט פאשא, מיין שוועסטער פאשא! איהר קענט זי, צי ניין?...

— צי מיך קען מען, צי ניט, — דיך, מאשא, קען מען אודאי! מע קען דיך, דאנקען גאָט, אומעטום, מע קען דיך. מע האָט געהערט פון דיר...

— געלויבט איז גאָט, וואָס מע קען מיך! מע וואָלט מיך נאָך מעהר געקענט, ווען איך זאָל ניט האָבען דיך פאר א שוועסטער!...

— ע? איך מאַך דיר קאַליע? איך פארשטעה!...

— דו מאכסט מיר קאַליע? דו? דו?... וואָס איז? ווער ביזט דו אזעלכע? ווער ביזט דו? אדרבה, ווער ביזט דו?...

— ווער איך בין? עס איז שוין גענוג פאר מיר, אז איך בין מיין שוועסטער'ס א שוועסטער!...

— צו פיעל כבוד פאר דיר! וואָלסט זיך שוין טאקי, בלע־בען, געמאָגט אריבערטראָגען מיט'ן פעקעל אהין, וואו מע האָט שוין לאנג צוגעגרייט פאר דיר איין אָרט!...

— דו ביזט עלטער, שוועסטער־לעב!...

— ע? דו הויבסט שוין אָן צו שעלטען? נא זשע דיר! נא! נא!...

— נאַ דיר צוריק!...

. . . .
. . . .
. . . .

און עס קומט צווישען זיי פּאָר אזעלכס, וואָס עס פּאַסט ניט פאַר קיין פּרייליכס, וועלכע שפּיעלען פּיאַנע און האַלטען אַ ביכעל אין דער האַנד. און דעריבער האָבען מיר אויסגעשטעלט דריי שורות מיט פּינטעלעך.

און מערקווירדיג! טאַמער האָט עמיצער געזאָגט אַ שלעכט וואָרט אויף מאשאַ'ן, האָט פּאשאַ יענעם געקאָנט אויסרייסען די אויגען, און ווידער צוריק, ווען פּאשאַ איז ניט געזונד געווען, האָט מאשאַ ניט צוגעמאַכט מיט קיין אויג גאַנצע נעכט און איז אויס־געזעסען נעבען איהר טאַקי נאָר ווי אַ שוועסטער קאָן זיצען. עס איז זיי שווער געווען צו נעמען אויף די געדאַנקען, וואָס וועלען זיי טהון, אַז זיי וועלען זיך דאַרפען צעשיידען, צעשיידען אויף תמיד, אויף אייביג? דער דאָזיגער געדאַנק האָט נישט איין מאָל ארויסגערופען טרערען אויף זייערע אויגען, געוועהנליך, בעהאַל־טענדיג איינע פאַר דער אַנדערער. נאָר גאָט דער האַר האָט זיי אָפּגעהיט פון צעשיידען זיך, און עס איז זיי בעשערט געווען צו פערברענגען אַלע זייערע בעסטע יונגע יאָהרען נאָר צוזאַמען, און דאָס דאָזיגע האָט זיי געמאַכט נאָך מעהר בייז, נאָך מעהר צע־רייצט, ביז זיי זענען גאָר געוואָרען אָפּגעזונדערט פון זייערע אַמאָ־ליגע חבר'טעס און בעקאַנטע און פון דער גאַנצער שטאָדט, און דערפאַר האָבען זיי בעקומען אין שטאָדט אַ נאָמען: „די אַלטע מוידען"...

— אָן געהען זיי שוין, די אַלטע מוידען!... וואָס וועלען זיי אויסזיצען, איך בעט אייך? רעגענבויגען איז ניט קראַנק צולעגען נאָך עטליכע צעהנדליג טויזענד רובעל און קריגען זיי חתנים, חאָטש וואָסערע חתנים ס'איז, אבי זיי זאָלען זיך ניט ארומבלאָנקען אזוי ביז צום גרויען צאָפּ!

און די צייט שטעהט נישט אויף איין אָרט. איין יאָהר יאָגט דאָס אנדערע. דער הערר רעגענבויגען קומט פון פעטערבורג און פאָהרט ווידער אוועק אויף א גאַנץ יאָהר צו זיינע געשעפטען. די מאדאם רעגענבויגען קוקט אויף די טעכטער מיט רחמנות און זיפצט און קרעכצט, אָדער זי נעהט אוועק צו דער מאדאם פריד־מאַן און ברענגט פון דאָרטען פעק מיט רכילות. און ווידער די אייגענע בלאָטע פאר פסח. ווידער די שרעקליכע היצען מיט דעם שלעכטען ריח אום תמוז. ווידער די ברענענדיגע פרעסט אום ווינטער. אלץ די אייגענע האלב־איינגעפאלענע קלייטען מיט די פעריאָמערטע קרעמערקעס אין מארק, וואָס שלעפען פאר די פאָלעס. ווידער די אייגענע פיזיאָנאָמיעס מיט די קאָסטיומען אויף יעדען טריט. ווידער די אייגענע „אינטעליגענציע", וואָס פערפלייצט אלע שבת די באַרדיטשעווער גאַס, איינגעטונ־קען אין זייד און אין סאַמעט מיט א סך רויטע, גרינע, בלויע, געלע סטענגעלעך אויפ'ן האלז, מיט זיסע, זויערע, ביטערע, וויניגע, גע־זאלצענע שמייכעלעך אויף די ליפען... ווען וועט דאָס שוין האָבען איין עק? ווען וועט קומען א שרפה אויף דער דאָזיגער שטאָדט? ווען וועט קומען א מפלה אויף אלע מאַנספערזאָנען?...

פונקט אין דער דאָזיגער צייט האָט זיי באָרים פרידמאַן פאָרגעשטעלט זיינע צוויי געטרייע חברים — גאָלדענשטאַדט און זילבערשטאַדט, אויף וועלכע די אויסגעטריקענטע שוועסטער זענען אָנגעפאלען, ווי די הונגעריגע ביענען. מיט כעס און מיט פרייד צוזאמען האָבען זיי זיך צוגעחאַפט צו די דאָזיגע צוויי אומשולדיגע נפשות, וועלכע האָבען מעהר ניט געהאַט אין זינען נור דערטאַפּען זייער נדן... מיט וואָס פאר א נקמה האָבען זיי געקוקט אויף דער מאַדאם פרידמאַן מיט איהר פרינץ, שפאַציערענדיג אין גאָרטען געאָרעמט מיט גאָלדענשטאַדט און מיט זילבערשטאַדט!

— פאַרלע וואו פראַנסע, מסיע גאָלדענשטאַדט? אך, פאר וואָס זאָלט איהר ניט קאָנען קיין פראַנצויזיש, גאָלדענשטאַדט? א שאָד, א שאָד, וואָס איהר רעדט נישט קיין פראַנצויזיש!...

וואָס לויפט איהר אזוי, גאָלדענשטאַדט?... איהר זעהט, גאָלדענ־שטאַדט, איהר זעהט אָט די דאָזיגע מאַמזעל?... איהר זעהט זי נישט? איהר זענט אַ קורצזיכטיגער? פאַר וואָס זאָלט איהר ניט טראָגען קיין ברילען, קיין פּענסנע?... ווי געפעלט אייך עפּיס מיין שוועסטער פּאַשאַ?... איך זעה, איהר קוקט אויף איהר די גאַנצע צייט!... זי איז יונגער פון מיר... זי איז שענער פון מיר... אייער חבר איז עהרליכער פון אייך: ער טרעט נישט אָפּ פון פּאַשאַ'ן אויף קיין מינוט, קיין רגע... איהר קאָנט נאָר קאָמפּלי־מענטען מאַכען! איך וויים! איך וויים!... וואו איז דאָס אייער דריטער חבר, אייזענשטאַדט? פאַר וואָס ווילט איהר איהם קיינ־מאָל ניט ברענגען מיט זיך? איהר האָט מורא, טאָמער וועט ער בעסער געפעלען פון אייך?... מע זאָגט, אז ער איז זעהר איין אָרענטליכער מאַן, אַ זעלטענער מענטש... וואָס שווייגט איהר? וואָס ווערד איהר רויט, בעת איהר ווילט עפּיס זאָגען?...

אזוי, אָדער כמעט אזוי, בענעהט זיך אויך פּאַשאַ מיט איהר קאַוואַליער, מיט זילבערשטאַדטען. די דאָזיגע צוויי צערייצטע שוועסטער, מיט וועלכע די וועלט בענעהט זיך אזוי אונמענשליך, ציהען ביי אונזערע בידנע סטודענטען די קליי, רייסען פון זיי פּאַ־סען, שלעפּען די אָדערען, הענגען זיך צו זיי אויפ'ן האלז און מאַ־כען פון זיי חוזק מיט לייטישע געלעכטער... אָט גיט מען זיי אַ האָפענונג, אז אַלץ וועט זיין רעכט, אז זייערע הערצער מיט זייער פערמעגען וועלען ניך־גיך איבערגעגעבען ווערען צו זיי; און אָט טהוט מען זיי אַ שמיץ פון זיך, און זיי פאַלען פּוג'ם זיעבעטען הי־מעל אראָפּ־אראָפּ אויף דער ערד... אַלע טאָג, אַלע טאָג די זעלבע געשיכטע, אָהן איין עק און אָהן אַ סוף!

איז שוין אַ וואונדער, וואָס די דאָזיגע צוויי חברים ווייסען ניט און ווילען נישט וויסען, וואָס עס טהוט זיך דאָרט ביי זייער חבר באָרים מיט זיין ראָזען, און וואָס הערט זיך עפּיס מיט אייזענ־שטאַדטען?

יעדער האָט זיך זיין פּעקעל.

דאָס זעכצעהנטע קאַפּיטעל.

אַלע צעפאַהרען זיך.

די מאַדאַם פרידמאַן האָט שוין אָפּגעשמועסט מיט'ן זוהן מכח זייער ווייטער נסיעה קיין אויסלאַנד אויף קוראַציע, כדי צו בעקענען זיך אַ ביסעל מיט דער וועלט.

— דו פאַרשטעהסט צי ניין? — זאָגט צו איהר דער מאַן. — איך זאָג דיר, מלכה, אַז דו וועסט נאָכדעם אַליין חרטה האָבען. אונזער ברוך איז אַ צעבאַלעוועטער בן־יחיד, און דאָרטען קאָן פון איהם ווערען אַ שענער שאַרלאַטאַן. ער האָט פיינט האַלטען געלט ביי זיך און האָט ליעב קויפען אַלץ, וואָס דאָס אויג זעהט, און אַז עס געהט איהם אוים געלט, חתמ'עט ער וועכסלען. מיר וועלען איהם דאַרפען אין צוויי חדשים אַרום אויסקויפען פון אַ טורמע, אָדער זוכען ערגיץ גאַנץ ווייט... אונזער בן־יחיד איז טאַקי אַ וואוי־לער יונגאַטש, נאָר ער איז נאָך צו יונג און מוז האָבען אַ גיאַניע... ער האָט אַ צו ווייך האַרץ און מיינט, אַז ער איז רויטשילד'ס אַ יורש. דו פאַרשטעהסט צי ניין?...

— וואָס זשע ווילסט דו, מאָטעל? פאַר וואָס זאָלסט דו מיך אומזיסט מוטשען, ווען דו ווייסט, אַז עס וועט דיר ניט העל־פען? וואָס זשע דען זאָל ער טהון, אַ יונג קינד פון פאַרמעגליכע עלטערן?

— לאָז ער זיך פּריהער באַקענען מיט'ן געשעפט דאָ, אויפ'ן אָרט, מלכה! לאָז ער זעהען, פון וואַנען דאָס עשירות צאַפּט זיך, און נאָכדעם, ווען ער וועט קאָנען איינברענגען א קערבעל, וועט ער שוין ממילא קאָנען אויסברענגען אויך. דו פאַרשטעהסט צי ניין?...

— א? דו ווילסט איהם מאַכען פאַר א משרת? איך פאַר־שטעה שוין דיין ציעל! מאַטעל, עס וועט זיך דיר ניט העלפען, מאַטעל! באַרים פאָהרט מאָרגען אוועק!...

* * *

מע פּאַקט און מע גרייט זיך אין וועג אריין. א גרויסע בע־וועגונג אויפ'ן אייזערנעם באַלקאָן. די מאַדאַם פרידמאַן איז שטאַרק צעטראָגען. אַליין, מיט איהרע אייגענע הענד, לעגט זי צונויף דאָס גרעט, די מלבושים, דאָס עסענוואַרג. זי בייזערט זיך, קאָמאַנדעוועט און איז שטאַרק צעטראָגען. דערפאַר אָבער זיצט זיך דער הערר פרידמאַן אין קאַנטאָר און איז שטאַרק פערטיעפט אין די חשבונות. ער רופט צו דעם קאַסיר און שמועסט מיט איהם גאַנץ קאַלטבלוטיג וועגען די געשעפטען און מישט זיך ניט און פרעגט אפילו ניט, וואָס טהוט זיך דאָרט, אויפ'ן באַלקאָן.

ביי'ם טיש זיצען שוין אַלע אונזערע בעקאַנטע און מע וואַרט אויפ'ן בעל־הבית. די מוטער איז פערטראָגען מיט'ן טואַלעט. דער זוהן איז אויך שטאַרק צעפלאָכטען. ער היט זיך עפּיס פאַר איי־זענשטאַדט'ס גרויסע אויגען, וואָס קוקען איהם גלייך אין הארצען אריין. ער שמועסט מיט גאָלדענשטאַדטען און מיט זילבערשטאַד־טען און מאַכט זיך, אז ער לאַכט, און וויל, אז זיי זאָלען אויך לאַ־כען. נאָר זיי לאַכען ניט. גאָלדענשטאַדט און זילבערשטאַדט זענען פערטראָגען אין זייערע אייגענע געשעפטען, און זייערע אוי־גען קוקען ערגיץ ווייט, אהין, אין פענסטער אריין, אויף דעם גע־לען מויער, דאָרט וואו זיי האָבען נעכטען געהאַט א לאַנגען שמועס מיט מאַשאַ'ן און מיט פּאַשאַ'ן, אזא שמועס, וואָס זיי קאָנען פון

איהם בשום אופן ניט פערשטעהן, צי זאָלען זיי לערנען דעם פשט אזוי, צי אַנדערש... דער טיש געהט-צו גאַנץ שטיל; עס איז יע־דען עפּיס אָנגעזאָלצען אויפ׳ן הארצען. נאָר איין הערר פרידמאַן איז ניט צעטראָגען.

— דו פארשטעהסט צי ניין? — זאָגט דער בעל־הבית גאַנץ רוהיג, פערנעמענדיג זיין אָרט און ניט קוקענדיג אויף קיינעם. — דו פארשטעהסט צי ניין? ער פלעגט מיר תמיד אראָפּוואַרפען פון טיי צוואַנציג פּראָצענט סקידקע, און איצט שרייבט ער, אז עס לוינט איהם ניט. איך האַנדעל שוין מעהר ניט מיט איהם פון היינט אָן! איך געב איהם צו לייזען א יאָהר כמעט הונדערט און צוואַנציג טויזענד רובעל, און אפשר נאָך מעהר. דו פארשטעהסט צי ניין?...

— די פערד זענען שוין גרייט! — זאָגט אַליק נאָך דעם אָנ־בייסען און הויבט־אָן ארויסטראָגען די פולע טשעמאָדאַנעס. אַלע קוקען זיך איבער. נאָר דער הערר פרידמאַן געהט־אַוועק אין קאַנ־טאָר אריין און זעצט זיך צו די חשבונות. די מאַדאַם פרידמאַן וויל זיך שוין אָנהויבען געזעגענען, איז דער זוהן ניטאָ. וואו איז ער? אין גאָרטען, מיט אייזענשטאַדטען...

— איך בעט דיך, אייזענשטאַדט, טייערסטער פריינד, איך פארלאָז זיך אויף דיר, ווי אויף איין אייגענעם ברודער. דו פאר־שטעהסט?... זאָג איהר, אז נישט מעהר ווי אין דריי־פיער וואָ־כען ארום קום איך צוריק, און דעמאָלט... איך וועל איהר שיקען פון וועג אָפּטע בריעף, אַלע טאָג, צוויי מאָל, דריי מאָל א טאָג! אייזענשטאַדט, איך בעט דיך... אפשר דארף איך איהר אַצינד אויך איבערלאָזען א בריעף? הא? ווי מיינסט דו, אייזענ־שטאַדט?...

— צו וואָס? מע דארף ניט. איך וועל איהר שוין אַלץ איבערגעבען.

— אייזענשטאַדט! מיט וואָס קאָן איך דיר אָפּדאַנקען פאַר דיין גוט הארץ, טייערער אייזענשטאַדט?... אין קיעוו וועל איך שטעהן אַ טאָג דריי — שרייב מיר אהין אַ בריעף. זיי געזונט! גרנס ראָזען. זיי געזונט! זיי געזונט!

— פאָהר געזונט! פאָהר געזונט!

. . . .

— זיי געזונט, פּאַפּאַשאַ! — האָט זיך אונזער יונגער העלד געווענדט צום פאָטער. — זיי געזונט!

— הא? הונדערט אכציג, צוויי טויזענד דרייהונדערט פופ־ציג, אכט מיט פערציג, פיער מיט אַ האלבע... אַ, דו פאָהרסט שוין?... און זיעבעציג, דריי טויזענד פיערהונדערט צוואנציג, איינס מיט זעכציג, זעכס מיט דריי פערטעל... נו, פאָהר געזונט! און דרייסיג, נייען טויזענד מיט הונדערט, אכציג אכט מיט צוועלף דריי פערטעל... און זיי אַ מענטש, דו פארשטעהסט צי ניין?... גיט מיר אהער דעם חשבון פון אפּריל מיט'ן באַלאַנס!...

* * *

— זייט געזונט! — זאָגט גאָלדענשטאַדט, געזעגענענדיג זיך מיט מאַשאַ רעגענבויגען, און קוקט אַראָפּ צו זיך אויף די שפּיץ שטיוועל.

— פאָהרט געזונט! — ענטפערט איהם מאַשאַ רעגענבויגען, קוקענדיג אויף איהם מיט אַ געלעכטער. — פאָהרט געזונט! איהר זאָלט דאָס אנדערע מאָל זיין געהיט מיט אַ וואָרט און פריהער גוט באקלערען, וואָס איהר ווילט זאָגען!... איהר זאָלט ניט מיינען, אַז מיר, פרויען, זענען אַזאַ וואָלוועלע סחורה, וואָס יעדער קאָן זי קויפען, אבי עס לוינט זיך איהם... איך ווייס, איהר וועט מיר זאָ־גען, אַז איהר האָט מיך ליעב, איהר געהט אוים נאָך מיינע טריט... זאָגט דאָס ניט: איך וועל אייך ניט גלויבען; ניט מיך מיינט איהר — איהר מיינט עפּיס אנדערש... איהר זאָלט מיך פאָלגען,

וואָלט איהר באַלד געגאַנגען זאָגען די דאָזיגע ווערטער אויך אייער חבר זילבערשטאַדט, בכדי ער זאָל זיך היטען און זאָל מיין שוועס־טער אזעלכעס נישט פאַרלעגען, מחמת פון איהר קאָן ער אַ סך ערגער אָפּשניידען, ווי איהר פון מיר! מיין שוועסטער איז ניט פון די פריילינס, וואָס האָבען מורא פאַר אַ מאַנספּערזאָן און וואָס גלויבען איהם אויף נאמנות, ווען ער זאָגט, אז ער האָט ליעב, ער נעהט אויס, ער שטאַרבט!

. . . .

עס קאָן זיין, אז אונזערע צוויי פיינע יונגעלייט, גאָלדענשטאַדט און זילבערשטאַדט, וואָלטען אפשר ניט אזוי מיאוס בעהאַנדעלט געוואָרען פון די מאַמזעלען רעגענבויגען, ווען די דאָזיגע צוויי שוועסטער זאָלען ניט געווען זיין היינטיגען טאָג אזוי צעבייזערט און צערייצט דערמיט, וואָס באָרים פרידמאַן, אויף וועלכען זיי האָבען ביידע אַרויסגעקוקט אזוי לאַנג, איז אַוועקגעפאָהרען קיין אויסלאַנד און איז אפילו נישט געקומען מיט זיי זיך געזעגענען! דעם גאַנצען כעס מיט׳ן פּערדראָס האָבען זיי אויסגעלאָזט צו די צוויי אומשולדיגע העלדען, וואָס זענען אַוועקגעפאָהרען דעם זעל־בען טאָג פון דאַנען מיט צעבראָכענע הערצער, מיט צעוואַלגערטע לופט־שלעסער און מיט פּוסטע לעדיגע קעשענעס...

— פאַר׳שרפ׳עט זאָל ווערען די דאָזיגע שטאָדט מיט׳ן גע־לען מויער און מיט די געלע אַלטע מוידען!... — האָט געבענשט גאָלדענשטאַדט, זיצענדיג אין אַ טרייסלענדיג ביידעל און אַרומ־קוקענדיג זיך דאָס לעצטע מאָל אויף דער שטאָדט. וואָס האָט אַ פּנים געהאַט פון ווייטען, ווי אַ בערגעל, אויף וועלכען מע האָט אָנגעוואָרפען רויטע, געלע און שוואַרצע שטיינדלעך מיט מיסט און מיט שטרוי.

— אַ פּאַהיבעל זאָל קומען אויף אַלע אַלטע מוידען פון דער גאַנצער וועלט!... — האָט אונטערגעהאָלפען זילבערשטאַדט, און־

טערשפּרינגענדיג איןביידעל און שלינגענדיג דעם געדיכטען שטויב, וואָס קריכט אין די אויגען, אין נאָז און אין האַרצען.

* * *

נאָר איין אייזענשטאַדט איז געבליבען נעכטינען אין דער דאָזיגער שטאָדט און האָט אין דעם אָבענד לאַנג פערבראַכט מיט „בערטע דער גרושה", וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען, אָכקען און זיפצען.

ניט אומזיסט האָבען מיר אונזער העלד אייזענשטאַדטען געקרוינט מיט'ן טיטעל „דיפּלאָמאַט". אייזענשטאַדט האָט ווירקליך פערטראַכט גרויסע וויכטיגע פּלענער, ווי מיר וועלען דאָס אַרויסזעהן בעשיינפּערליך פון די ווייטעריגע קאַפּיטלעך פון אונזער אמת'ען ניט־אויסגעטראַכטען ראָמאַן.

דאָס זיעבעצעהנטע קאַפּיטעל.

אומגעריכטע בעגעגענישען.

„וואו זענען זיי אַצינד? וואָס טהוען זיי? וואָס רעדען זיי? אַך, ווי גליקליך זענען זיי אין דער פרעמד, אין דער גרויסער שטאָדט, ווייט פון זייערע עלטערען, די דעספּאָטען, ווייט פון דער דאָזיגער וויסטער שטאָדט מיט איהרע אייביגע רכילות!... נאָר פאַר וואָס האָב איך קיין בריעף ניט פון זיי? זיי זענען מסתמא פערנומען מיט זייער אייגען גליק אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבען שוין פערגעסען אין זייער בערטען... פאַר וואָס זשע שרייבט ניט אייזענשטאַדט? ער האָט דאָך מיר צוגעזאָגט שיקען בריעף, וויבאַלד זיי וועלען נאָר קומען אויפ'ן אָרט און וועלען אָפּזוכען באַריסען. אָפּנים, אייזענשטאַדט איז דער אייגענער, וואָס אַלע מאַנסבילען. ניט ערגער און ניט בעסער"...

אַזוי טראַכט זיך די מאַדאַם שימשעלביין און ברעכט זיך דעם קאָפּ וועגען אייזענשטאַדטען מיט ראָזען, וואָס זענען אוועק־געפאָהרען שוין אַכט טאָג, און זי האָט נאָך פון זיי קיין שום ידיעה ניט, גלייך ווי זיי זענען אין וואַסער אריין. קאַרג די שמערצען מיט די בזיונות, וואָס זי האָט דאָ פון די פוהרמאַנס, דאַרף זי נאָך האָבען יסורים פון די העלדען אליין, וואָס צאָהלען איהר פאַר איהר פריינדשאַפט און ליעבע מיט אונדאַנקבאַרקייט? וויפיעל איז זי אויסגעשטאַנען פון דער מאַדאַם פוהרמאַן, וואָס

איז אריינגעלאָפן צו איהר מיט אַ גוואַלד אויף דעם אַנדערען טאָג נאָך איהר טאָכטער'ס אַנטלויפען און איז אַנגעפאַלען אויף איהר מיט אַ געוויין:

— הולטייקע! גיב מיר אָפּ מיין קינד! חצופה, וואו איז מיין ראָזע? גיב מיר אָפּ מיין טאָכטער, מיין אויג אין קאָפּ!...

שרעקליך איז געווען די דאָזיגע אומגליקליכע מוטער אין יענער מינוט! בערטע האָט אַליין אויך אָנגעהויבען צו וויינען, אויף איהר קוקענדיג. נאָך מעהר שרעקליך איז געווען מאיר פוהרמאַן... נאָר לאָמיר אַוועקוואַרפען די דאָזיגע פּאַרשוינען מיט די טרויעריגע סצענעס און לאָמיר בעסער נאָכקוקען נאָך אונזערע הויפּט־העלדען, זעהען, וואו זענען זיי און וואָס טהוען זיי?

אַז די אַנטלאָפענע, אייזענשטאַדט און ראָזע פוהרמאַן, זענען אויף דעם צווייטען טאָג געקומען בשלום אין דער גרויסער שטאָדט, איז די ערשטע זאַך געווען ביי אייזענשטאַדטען אָפּצוזוכען פאַר דער מיעדער און הונגעריגער ראָזע איין אָפּרוה. ער האָט אַזוי לאַנג גע־זוכט, ביז ער האָט געדונגען אַ קליינע, נאָר זעהר אַ ליכטיגע און אַ ריינע קוואַרטיר, וואוהין ער האָט אַריינגעפיהרט ראָזען און האָט בעפוילען, עס זאָל זיין דער סאַמאָוואַר, געבראַכט אין איין אויגענ־בליק בייגעל, בולקעס, פּוטער. און אַליין האָט ער זיך גענומען קלייבען אין וועג אַריין, קייענדיג און האַפּענדיג עפּיס אין מויל אַריין.

— אייזענשטאַדט! — האָט זיך צו איהם ראָזע געווענדט, קוקענדיג איהם אין די אויגען אַריין. — אייזענשטאַדט! איך וויל אויך געהן מיט אייך.

— וואָס רעדט איהר, ראָזע? ניין! מיר האָבען איינמאָל אָפּגערעדט, דאַכט זיך, אַז איהר דאַרפט מיך פאָלגען?... איך דאַרף געהן אַצינד אַליין, און איהר רוהט זיך אויס אַ ביסעל פון'ם וועג: דער רעגען האָט געמאַכט פון אייך אַ תל... ביז איך וועל קומען מיט איהם צוריק, וועט איהר שוין האָבען זיך אַ ביסעל

דורכגעשלאָפּען, אַזוי אַז באָרים וועט אייך טרעפען נאָך שענער, ווי ער האָט אייך אוועקגעוואָרפען...

ראָזע האָט זיך צעלאַכט און איז רויט געוואָרען. אונזער חיטרער דיפּלאָמאַט האָט, אַפּנים, געוואוסט, ווי אַזוי צו האַנדלען מיט דער פריילין ראָזע און מיט וואָס צו ווירקען אויף איהר. זי איז מרוצה געוואָרען צו בלייבען דאָ אויף דער קוואַרטיר און וואַרטען, ביז זיי וועלען קומען צוזאַמען, און אין דער צייט וועט זי זיך דערווייל אויסשלאָפען.

זיך אויסשלאָפען?... אַצינד, ווען זי האָט שוין אָפּגעטהאָן אַזאַ פעררברעך: אַנטלאָפען פון דער היים בייניאַכט מיט אַ פרעמ־דען יונגענמאַן, אוועקגעוואָרפען די אומגליקליכע מוטער, איהר איינציגען פריינד פון איהרע יונגע יאָהר, — און אויף ווענען? אויף איהר פאָטער דעם דעספּאָט, וואָס איז אַזוי פיעל יאָהרען אָפּגעזעסען אויף איין אָרט — ביי׳ם אייזערנעם קאַסטען, ווי אַ געטרייער הונד, און האָט געקליבען אַ גראָשען צו אַ גראָשען — פון וועמענ׳ס וועגען, אַז ניט פון איהרטוועגען, ווי ער אַליין זאָגט אַלע מאָל? אַצינד, ווען זי איז שוין געקומען צו איהר ציעל, וואוהין זי האָט זיך דריי יאָהר געצויגען און געריסען, — וועט זי זיך אוועקלעגען שלאָפען? ניין! זי וועט זיך אַזוי צולעגען אַ ביסעל אויפ׳ן בעטעל און לייענענדיג צום הונדערטען מאָל איינע פון זיינע לעצטע בריעף, וועט זי וואַרטען אויף איהם...

אין דער זעלבער צייט, וואָס ראָזע ליגט אויפ׳ן בעטעל מיט אַזעלכע געדאַנקען, לויפט באָרים אַרום מיט דער מוטער דאָ, אין דער גרויסער שטאָדט, פון איין מאַגאַזין אין דעם אַנדערען. ער קלייבט זיך מאָרגען גאַנץ פריה אוועקפאָהרען פון דאַנען קיין אויסלאַנד און האָט זיך דאָ קוים צוגעקליבען עטליכע פיינע גאַר־ניטורען אין וועג אַריין. אַפּנים, ער הויבט ניט אָן צו וויסען, אַז שוין גוטע דריי שעה וואַרט אויף איהם אונזער דיפּלאָמאַט אייזענשטאַדט אין דעם האָטעל און קאָן זיך אויף איהם ניט דער־וואַרטען. אייזענשטאַדט שפּאַנט־אום אויפ׳ן טראָטואַר, קוקט

אויף אַלע זייטען, חאַפּט־אַרויס אַלע מינוט דאָס זייגערעל, דאָס וויסטע אָפּגעריבענע זייגערעל, און הויבט שוין אָן צו זיין ברוגז. נאָר שאַ !... אָן פּאַהרט, דאַכט זיך, אונזער יונגער העלד מיט דער מוטער אויף אַ פּאָר ריסאַקעס גלייך צו דעם דאָזיגען האָטעל ? ער שפּרינגט־אַראָפּ מיט עטליכע פּעקלעך סחורה און לויפט צו דער טיר — פּלוצים...

— אייזענשטאַדט ?!...

. . . .

צוויי שענע מעבלירטע נומערען. פּעק מיט סחורה אויף די טישען, אויף די בענקלעך, אויף דער ערד. צוויי לאָקייען שטעהען גרייט און וואַרטען, מע זאָל מיט זיי עפּיס שאַפען. באָרים פריידמאַן הייסט זיי אַרויסגעהן און צומאַכען די טיר. ער איז עפּיס ווי צעמישט פון דעם, וואָס ער האָט פּלוצים, אומגע־ריכט, דערזעהען דאָ אייזענשטאַדטען.

— מאַמאַ ! איך וועל באַלד אַריינגעהן, איך וועל אַ ביסעל שפּאַצירען מיט אייזענשטאַדטען דאָ אין קאָרידאָר !

ביידע געהען־אַרויס אין קאָרידאָר.

— ווי קומסט דו אַהער, ברודער ? וואָס מאַכסט דו עפּיס ? וואָס מאַכען דאָרט אונזערע ?... וואָס טהוט זיך דאָרטען ?...

— אַלץ אין אָרדענונג. — ענטפערט איהם אייזענשטאַדט, נישט אַראָפּלאָזענדיג די אויגען פון איהם. באָרים זעצט זיך אַנידער אויף אַ בענקעל. ער חאַפּט זיך אָבער באַלד אויף און לויפט אַרום הין און צוריק, ווי אַ פערטשאַדעטער, און קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען. ער שיט מיט ווערטער :

— אַך, ברודער ! וואָס זאָל איך דיר זאָגען ?... איך האָב געהאַט אַזאַ שווערען וועג, אַז איך קאָן דיר גאָר אַזוי פיעל ניט איבערגעבען ! אַ שלאַקס־רעגען... אַ בלאָטע... אַ ווינט... קוים אַ לעבעדיגער געקומען אַהער... אַ ביסעל זיך אָפּגערוהט... געוועזען אין עטליכע ערטער... געזעהען דאָס טהעאַטער... די אָפּערע... אַך,

ברודער!... נאָר וואָס קאָן איך דיר זאָגען? ווערסט זיין — ווערסט דו זעהען... היינט געהט „אפריקאַנקאַ"... ווילסט? וועלען מיר געהן צוזאַמען... יאָ, מיר וועלען ביידע זיין היינט... איך וועל דיר ווייזען... ביזט אויף לאַנג געקומען אהער? וואָס טהוסט דו דאָ?...

— איך בין געקומען געוואָהר ווערען וועגען דעם היגען אוניווערזיטעט... איך רעכען האַלטען דאָ עקזאַמען... מע דאַרף זיך זוכען שטונדען...

— אַ? זעהר רעכט! שטונדען? גאַנץ רעכט! אַ פיינע שטאָדט... זאָלסט בלייבען אַ היגער...

— באָריס! אייזענשטאַדט! קומט-אַריין טיי טרינקען! — שרייט די מאַדאַם פרידמאַן פון איהר צימער.

— באַלד! באַלד! — ענטפערט איהר באָריס און חאַפּט אייזענשטאַדטען אונטער אַ האַנד און שפּאַנט מיט איהם אַרום איבער דעם קאָרידאָר, און דערצעהלט איהם מיט גרויס ענטוזיאַזם וועגען זיין נסיעה, וועגען דער היגער שטאָדט, וועגען די יונגע לייט, מיט וועלכע ער האָט זיך שוין בעקאַנט, פיינע, זעהר פיינע יונגע לייט, רייכע, געבילדעטע... באָריס פערגעסט ניט אויספרעגען זיך ביי איהם וועגען ראָזען, וועגען בערטע שימשעלביין, וועגען זיין פאָטער, זיינע חברים גאָלדענשטאַדט און זילבערשטאַדט. אייזענשטאַדט ענטפערט איהם פערטראַכט, צעטראָגען: דער דאָזיגער דיפּלאָמאַט האָט זיך זיינס אין זינען, זיין קאָפּ איז פערנומען מיט פערשיעדענע געדאַנקען און פּראָיעקטען. פּלוצים שטעלט ער זיך אָפּ און טהוט איהם אַ פרעג:

— וואָס וואָלסט דו געטהאָן, באָריס, ווען דו זאָלסט, למשל, געהן און באַגעגענען דאָ, אין דער דאָזיגער שטאָדט, די מאַמזעל פוהרמאַן?...

באָריס בלייבט שטעהן אַ בלאַסער. דאָס האַרץ הויבט איהם אָן צו קלאַפּען, און ער ווייסט ניט וואָס צו ענטפערען. ענדליך זאָגט ער מיט היץ:

— אייזענשטאַדט. דיינע תנועות קאָן איך שוין ניט איבער־טראָגען!... דו ווייסט גאַנץ גוט ווי אזוי איך געה אוים נאָך ראָזען... צו וואָס פרעגסט דו מיר אזעלכס? וואָס איז דיר פּלוצים ארייגעפאַלען אין קאָפּ אזא געדאַנק, משוגענער אייזענשטאַדט?...

— איך זאָג דאָס גלאַט אזוי, צום ביישפּיעל...

— משוגענער אייזענשטאַדט! קום, מיר וועלען טרינקען טיי, און נאָכדעם וועלען מיר זיך א ביסעל דורכגעהן איבער דער שטאָדט. א פיינע שטאָדט, מעגסט זי אָנקוקען... מאמע! נאָכ'ן טיי וועלען מיר זיך א ביסעל דורכגעהן, איך מיט מיין חבר!

און אונזערע צוויי יונגע העלדען נעמען זיך גאַנץ פיין פאַר די הענד און געהען־ארוים אין גאַס נאָכ'ן טיי טרינקען.

— וואוהין פאָהרען מיר? — פרעגט באָרים און רופט צו א איזוואָזטשיק.

— צו מיר אויף דער סטאַנציע! — ענטפערט אייזענשטאַדט גאַנץ פעסט.

* * *

אונזער העלדין, ראָזע פוהרמאַן, וואָס האָט זיך געגעבען דאָס וואָרט ניט שלאָפען, האָט איבערגעלעבט פיער שווערע אונענדליכע שעה! וואָס פאַר א שלעכטע געדאַנקען זענען איהר ניט ארויף אויף דער מחשבה? וואָס פאַר א פּאָזע האָט זי ניט אָנגענומען, ארויסקוקענדיג פון איין מינוט אויף דער אַנדערער? עס האָט זיך איהר געדאכט, אָט־אָט עפענט זיך די טיר — און ער קומט אריין... זי איז געלעגען, געזעסען, געשטאַנען, געקוקט אין פענסטער אריין...

דאָס הארץ קלאַפּט איהר. זי לעגט זיך ווידער אויפ'ן בעטעל און מאכט־צו די אויגען. אלערליי געדאַנקען, גוטע און שלעכטע, ווערען צונויפגעמישט ביי איהר אין קאָפּ. עס שטעלט זיך איהר פאַר א גילדענער רעגען מיט שווארצע, געלע, בלויע און גרינע פלעקען. דער גילדענער רעגען גיסט און גיסט, און די שווארצע, געלע, בלויע, גרינע פינטעלעך ווערען אלע מאָל גרעסער און גרע־

סער און דרעהען זיך און טאַנצען און שפּרינגען פאַר איהרע אויגען... עס זשומעט איהר אין די אויהערען... זי הערט, ווי עמיצער רעדט הינטער דער טיר... זי הערט אַ בעקאַנטע שטימע, אַ זיסע שטימע... זי הערט, ווי די טיר עפענט זיך. זי עפענט אויף די אויגען און זעהט... זי חאַפּט זיך אויף פונ'ם בעטעל און לויפט אַקעגען.

— באָרים!...

— ראָזע!...

זיי ליגען איינער ביי דעם אַנדערען אין די אָרעמס. זייערע ליפּען האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איין לאַנגען קוש.

און אייזענשטאַדט? אייזענשטאַדט איז אַרויסגעלאָפען אין קאָרידאָר מיט טרערען אויף די אויגען...

דאָס אכצעהנטע קאַפּיטעל.

פּאָעזיע און פּראָזע.

אונזער בעגאַבטער דיפּלאָמאַט האָט. אייגענטליך, שוין אָפּ־געטהאָן וואָס ער האָט בעדאַרפט: צונויפגעפיהרט דאָס גליקליכע פּאָרעל. ארומגעפלויגען נאָכדעם א גאַנצען טאָג פון׳ם רב צום ראַבינער און פון׳ם ראַבינער צום שמש מיט די עדות, בעדונגען זיך מיט זיי אַלע, צונעגרייט די נויטיגע פּאַפּיערען (וועגען דעם האָט ער זיך נאָך פריהער בעוואָהרענט...), געשטעלט ביי׳ם רב אויפ׳ן הויף א געמיינע, זעהר א געמיינע חופּה, וואָס האָט פון דעסטוועגען אויסגעוויזען ביי די ליעבענדע אין די אויגען ווי די רייכסטע, די שענסטע און די פּרייליכסטע חתונה, אזוי, אז דעם רב׳ס הויף, אין וועלכען קיין מענש האָט נישט געקאָנט אריינטרעטען מיט ניט קיין פערשטעלטער נאָז, האָט ביי זיי א פּנים געהאַט ווי א פּראַכטפולער שמעקענדיגער גאָרטען, און די פּיער פּשוטע שטעקענס מיט׳ן פּרוכת, וואָס די שמשים האָבען אונטערגעהאַלטען, האָבען ביי זיי אויסגעוויזען ווי דער גן־עדן. מיט איינעם וואָרט, אייזענשטאַדט האָט פון זיין זייט אָפּגעטהאָן אַלץ, וואָס ער האָט בעדאַרפט און געקאָנט, און ער וואָלט שוין, דאַכט זיך, געמאָגט עפּיס אָנהויבען טראַכטען אויך וועגען זיך — נאָר ניין! זיין מיסיע איז נאָך נישט געענדיגט. אויף מאָרגען, נאָך דער מערקווירדיגער חופּה, האָט איהם עמיצער א קלאַפּ געטהאָן אין דער טיר; דאָס

איז געווען דער שווייצאר פונ'ם גאסטהויז, וואו דאָס פּאָרפּאָלק איז געשטאַנען: „אייזענשטאדט! קומט באלד — מיר דארפען אייך. ראָזע פרידמאן"...

עס ווייזט אויס, אז אונזער העלדין איז געווען אזוי גליקליך מיט איהר נייער פאמיליע „פרידמאן", אז זי האָט וועניג־וואָס אין זינען געהאט דעם דאָזיגען יונגען מענשען, וואָס האָט ביי איהר געהייסען פּשוט: „אייזענשטאדט" — און נישט מעהר; קיין שטיקעל טיטעל ניט, קיין וואָרט ניט!

ראָזע האָט בעגעגענט אייזענשטאדטען אין קאָרידאָר מיט א גליקליך שמייכעל אויף די ליפּען.

— גוט מאָרגען, אייזענשטאדט! באָרים שלאָפט נאָך. איך וויל איהם ניט וועקען... עס איז ערשט עלף א זייגער. באָרים איז ניט געוועהנט געוואָרען צו אזא ליארעם, ווי אין דעם דאָזיגען גאסטהויז... ער קאָן ניט שלאָפען רוהיג... מען דארף דינגען א נייע קווארטיר אין א פּריוואט הויז. איך בעט אייך, אייזענשטאדט, אייב עס איז מעגליך נאָך היינטיגען טאָג, וואָלט געווען אויסגעצייכענט... שפּעטער מיט א שעה צוויי אָדער דריי קומט צו אונז אויף אָנבייסען, זוכט־אָפּ א ליכטיגע און א פריילינבע קווארטיר... אויף א גרויסער לעבעדיגער גאַס... דריי אָדער פיער צימערען מיט א קיך... אויב עס איז מעגליך — א גאָרטען... באָרים האָט ליעב א גאָרטען, בוימער, גראָז... אדיע, אייזענשטאדט, אויף ווידערזעהען!

אונזער אייזענשטאדט איז געווען גליקליך, קוקענדיג אויף ראָזע'ס צופריעדען און לעבעדיג געזיכט, אויף וועלכען עס איז שוין לאנג־לאנג קיין שמייכעל נישט געווען, אויף איהרע טיעפע, שווארצע גרויסע אויגען, פון וועלכע עס האָבען זיך אצינד געגאָסען ליכטיגע שטראהלען פון ליעבע און גליק. אין דער דאָזיגער מינוט האָט ער פערגעסען זיינע ביכער, דעם עקזאמען, די שטונדען, אפילו דעם אלטען קראנקען, בלינדען פאָטער, דוד דעם שניידער. אין

דער דאָזיגער מינוט איז ער גרייט געווען צו לויפען אין עק וועלט, ווען זי זאָגט איהם נאָר „לויף!"...

און מיט וואָס פאַר אַ פערגעניגען האָט ער געקוקט אויף ראָזען, ווי זי האָט געטאַנצט און געשפּרונגען פאַר פרייד פון דעם נייעם שטיבעל, וואָס ער האָט זיי געדונגען, און אויפ'ן פּאָרטעפּיאָן, וואָס באָרים האָט געהאַנדעלט אַ מציאה און בעצאָהלט צוויי מאָל אַזוי פיעל, ווי ער איז ווערטה! די פריהער־פערזאָרגטע ראָזע איז געווען צוריק אַ פריילּיכע, אַ לעבעדיגע, ווי אין איהרע ערשטע קינדער־יאָהרען. קוקענדיג אויף איהר, איז אייזענשטאַדט אויך געוואָרען מונטערער און לעבעדיגער. ער האָט אָבער קיין צייט נישט געהאַט לאַנג אָנקוועלען פון דעם יונגען פּאָרפּאָלק: אייזענשטאַדט האָט נאָך געהאַט אַ סך ארבייט מיט זייער נייער קוואַרטיר; ער האָט בעדאַרפט דינגען אַ מיידעל אין שטוב אריין מיט אַ לאָקיי, איינקויפען מעבעל, געפעס, כלים און נאָך אַנדערע קלייניגקייטען, וואָס זענען נויטיג אין יעדער ווירטשאַפט — און מערקווירדיג! וואָס פאַר אַ פעהיגקייטען און וויפיעל געניטשאַפט האָט דער דאָזיגער יונגער מענש בעוויזען אין דעם פאַך.

אין דער דאָזיגער צייט, ווען אייזענשטאַדט פליהט־אַרום ערגיץ אין מאַרק און דינגט זיך פאַר שטובזאַכען, וואָס ער קויפט איין, אָדער ווען ער שטעהט אין הויף און טענה'ט מיט דער דיענסט און לעהרענט זי וואָס צו טהון און ווי אַזוי צו טהון, — פאָהרט זיך דאָס פּאָרפּאָלק דורך איבער דער שטאָדט אין אַ גלענצענדען פאַעטאָן מיט ברענענדיגע ריסאַקעס, אָדער זיי שיפען זיך אויפ'ן ברייטען לאַנגען טייך אויף אַ שיפעל. ראָזע'ס קאָפּ ליגט ביי באָריסען אויף די פּלייצעס, זייערע אויגען בעגעגענען זיך, זייערע ליפּען גיסען זיך צונויף, און דער פּליעסק פון די וועסלעס קלאַפּט־צו צום טאַקט צו זייערע הייסע קושען. שפּעט אויף דער נאַכט קומען זיי אַהיים, אויף אַ מינוט, עפּיס איבערחאַפּען און זיך איבערטהון — און געהען־אַוועק אין טהעאַטער אָדער אין גאָרטען. אַז זיי קומען אַהיים, טרעפען זיי שוין אַלץ וואָס זיי דאַרפען: טיי, קאַפּע, אַ

ווארעמע א שמעקענדיגע וועטשערע, ווייכע אויסגעבעטע בעט־לעך — אַלץ, וואָס מע דאַרף... זיי זענען ווי אין א טשאַד. קיין זאַך קעהר זיך מיט זיי ניט אָן. די מענשען דערלאַנגען און נעמען־צו. אין אַלע חדרים איז פריש און ליכטיג, און עס קומט זיי נאָר ניט אויף אויף זייערע געדאַנקען א פרעג צו טהון, וואָס פאַר א צויבערליכע האנד גרייט זיי צו אָט די אַלע פערגעניגענס, וואָס פאַר איין אָפּען אויג גיט אַכטונג אויף דער גאַנצער שטוב?... אַמאָל מאַכט זיך, אַז זיי געפינען אויפ'ן טיש א צעטעל מיט א בעקאַנטער האַנדשריפט, קליינע אותיות:

„דער קעכין בעצאָהלט	18	רובעל.
דעם קצב פאַר פלייש	2	"
דער וועשערין	17.50	"
פאַר געבעקס	1.30	"
איזוואָזטשיקעס	1.75	"
דעם שפּיעגעל פעררריכט	2.20	"
סך־הכל	42.75	רובעל.

„אויסגאַב 7.25 רובעל האָב איך איבערגעלאָזט ביי דעם לאָקיי. מיר דאַכט, אַז איהר נעמט ביי איהם קיינמאָל קיין אויסגאַב ניט?... די נייע וואַזאָנעס וועט מען אייך איבער־מאָרגען ברענגען. ביי סטעפּאַנאָווסקי'ן בין איך געוועזן; ער וויל 700 רובעל פאַר די זשרעבצעס. איהר זאָלט מיך פאָלגען, וואָלט איהר זיי ניט געקויפט: ערשטענס, זענען זיי ניט ווערטה, און, צווייטענס, דאַרפט איהר זיי אויף כפרות... מאָרגען פריה וועל איך זיין. נעמט־אָפּ ביי דעם לאָקיי די 7.25 רובעל.

פּ. אייזענשאַדט."

— חאַ־חאַ־חאַ! ראָזעטשקע! וואָס זאָגסט דו אויף איהם? חאַ־חאַ־חאַ!...

און דאָס גליקליכע פּאָרעל, זיצענדיג איינער ביי דעם אנ־דערען אויף די הענד, קאַטשען זיך פּאַר געלעכטער.

— זעה־נאָר זעה, באָרים, די פּינקטליכקייט פונ'ם חשבון, אַקוראַט ווי אייער אַלטער קאַסיר, חאַ־חאַ־חאַ!

— חאַ־חאַ־חאַ! ער זאָגט, אַז מיר דאַרפען סטעפּאַנאָווסקי'ס פּערדלעך אויף כפּרות! וואָס זאָגסט דו דערויף, ראָזע? אַ מבין אויף פּערדלעך, חאַ־חאַ־חאַ! האָסט זיך צוגעקוקט נעכטען, ווי סטעפּאַנאָווסקי'ס זוהן איז דורכגעפלויגען פאַרביי אונז מיט די דאָזיגע פּערדלעך? פּייל אויס'ן בויגען! אַ פאַרגעניגען צו קוקען! — זאָגט ער, אַז זיי זענען ניט ווערטה, חאַ־חאַ־חאַ!...

דער דאָזיגער געלעכטער, וואָס קאָן אויפוועקען אַ טויטען, ענדיגט זיך מיט עטליכע קלינגענדיגע, הייסע, פייעריגע קושען.

* * *

מיר ברענגען דאָ אַ בריעף, וואָס אייזענשטאַדט האָט גע־שריבען אין יענער צייט צו בערטע שימשעלביין.

אָט וואָס אייזענשטאַדט שרייבט צווישען אַנדערע זאַכען:

„. . . איך קאָן אייך שווערען, אַז ווען איהר זאָלט איצט אַ קוק טהון אויף ראָזען, וואָלט איהר זי ניט דערקענט — אַזוי גליקליך, אַזוי צופריעדען איז זי! דאָס איז גאָר ניט די ראָזע, וואָס פריהער; זי זינגט און טאַנצט, ווי אַ קליין קינד, און זעל־טען־זעלטען פרעגט זי מיך, וואָס שרייבט איהר מיר פון דער היים, וואָס טהוען איהרע עלטערען, וואָס מאַכט איהר מוטער? דאָס טרעפט זיך נאָר דעמאָלט, ווען באָרים איז ניטאָ; קוים אָבער דערזעהט זי איהם — אַזוי פערגעסט זי שוין אַלץ אויף דער וועלט! זי איז איינגאַנצען — „ליעבע". אַז זי זעהט איהם ניט פאַר אַ מינוט — איז זי שוין פערזאָרגט, בלאַס, פערטראַכט, און הערט ניט, וואָס מע רעדט צו איהר... קוקענדיג אויף איהר, קאָן מען אויסדריקליך זאָגען, אַז זי איז בעשאַפען געוואָרען נאָר פון זיינט־וועגען... אַ וואונדערליכע זאַך! גלעבען, אַ וואונדערליכע זאַך!...

און באַרים... וואָס קאָן איך אייך זאָגען וועגען איהם? ער איז זעהר איין איידעלער, זעהר אַ גוטער מענש. נאָר איך פערשטעהע ניט, ווי אַזוי קאָן ער ביי אַזאַ ברענענדיגער ליעבע, ווי ראָזע שענקט איהם, אָוועקגעהן אַמאָל אויף דריי שעה אַליין שפּאַציערען אין גאָרטען, אָדער אָפּזיצען צוויי שעה אויף דער קאַנאַפּע אַ פערזאָרגטער, אַזוי, אַז איהר וואָלט געקאָנט מיינען, אַז דער דאָזיגער מענש בענקט נאָך עמיצען, אָדער ער איז ניט גליקליך מיט זיין שיקזאַל, וואָס איין אַנדערען וואָלט זיך אַזאַ גליק קיינמאָל אפילו ניט געחלומ'ט... איך רעכען, אפשר בענקט ער נאָך זיינע עלטערען?... איך קאָן דאָס ניט פערשטעהן! מיר געפעלט ניט דאָס, וואָס ער טהוט קיין האַנד אין קאָלט וואַסער ניט אריין און רעדט אַזוי אָפּט וועגען זיין צעשלאָגענער נסיעה קיין אויסלאַנד... איך זאָג אייך, אַז דערמיט ברענגט ער איהר אַזוי פיעל שמערצען, אַז זי ווערד דערפון אוים מענש. איינמאָל, בשעת באָרים איז ניט געוועזען אין דער היים, האָט מיט מיר ראָזע געמאַכט אַ שמועס וועגען אויסלאַנד.

„— איהר ווילט זיך דורכפאָהרען קיין אויסלאַנד? — האָב איך זי אַ פרעג געטהאָן.

„— ניין... — האָט זי מיר געענטפערט פערטראַכט. — ניין, ניט איך — באָרים וויל פאָהרען... ער דאַרף זיך אַ ביסעל דורכפאָהרען...

„— נו, און איהר?

„— וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע? — האָט זי מיך איבערגעפרעגט מיט פערדראָס. — עס פערשטעהט זיך, אַז איך וועל דאָ ניט איבערבלייבען אַליין, אָהן איהם!... וואָס וועל איך דאָ טהון? וואָס האָב איך דאָ ניט געזעהן אַזעלכס?... — אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט — ביז זי האָט זיך צעוויינט... אָך, בערטע, בערטע! ניטאָ וואָס צו רעדען!... מיט באָריסען האָב איך נאָך ניט גערעדט וועגען דעם; מיר זעהען זיך ניט אַזוי אָפּט, ווי איהר מיינט, און ווען מיר קאָנען אַ מאָל עפּיס רעדען צווישען זיך, רעדט מען

פון טויזענדער נאַרישקייטען, פון טהעאַטער, פון פּערדלעך... אונ־זער באַראָן איז געוואָהנט געוואָרען לעבען פון דער ברייטער האַנד, און ער וואַרפט מיט געלד אָהן אַ חשבון. איך ווייס ניט, ווי גרויס זענען ביי איהם די פאַנדען אַצינד, נאָר איך האָב מורא, אַז דער קוואַל וועט זיך סוף כל סוף מוזען אויסשעפּען ביז צום גרונד! דעם דאָזיגען געדאַנק, ווען איך נעם אויפ׳ן קאָפּ, בין איך אויסער זיך! וואָס וועלען זיי טהון נאָכדעם אָהן מיטלען, דאָ, אין אַ פרעמדער שטאָדט! מיט לעדיגע הענד און מיט אַזעלכע געוואָהנהייטען, ווי ביי אונזער פּרינץ? דער דאָזיגער געדאַנק וואַרפט אויף מיר אָן אַזאַ מרה־שחורה, אַז איך וויל שוין גאָר ניט קלערען, וואָס עס וועט זיין ווייטער, פּונקט אַזוי ווי אונזער גליק־ליכע ראָזע, וואָס איז אַזוי פערנומען מיט איהר „היינטיגען" גליק, אַז עס עקזיסטירט גאָר ניט ביי איהר קיין „מאָרגען"... איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל, בערטע, איהר זאָלט זיך ניט האַפען קומען אהער: אייער אַפּפאָהרען פון דער היים וועט אַרויסגעבען אונזער געהיימנים, און איהר וועט דערפון קיין פערגעניגען ניט האָבען. האַלט זיך אויף נאָך אַ ביסעלע, מיין גוטע בערטע, איך גלויב אייך, ווי איהר בענגט נאָך איהר, איהר דאַרפט מיר קיין סך ניט זאָגען. שרייבט מיר אָפטע בריעף, וואָס מאַכט אַצינד אונזער ראָזע׳ס מוטער? צי האָט זי זיך שוין פערגעסען פון דער שלאַפ־קייט? און וואָס הערט זיך ביי די פרידמאַנס? זיי ווייסען נאָך אַלץ ניט, וואו זיי זענען? זיי מיינען נאָך אַלץ, אַז זיי זענען אין אויסלאַנד? אַ וואונדערליכע זאַך, כלעבען!... איהר פרעגט, וואָס הערט זיך עפּיס מיט מיר? וואָס זאָל זיך הערען, מיין גוטע בערטע? ניטאָ קיין אַסאַבענע נייעס. איך בין אין בעסטען גע־זונד. איך האָב דאָ דריי שטונדען, וועלכע ברענגען מיר אַכצעהן רובעל אַ חודש. דעם עקזאַמען האָב איך קוים מיט צרות אויס־געהאַלטען. נאָך אין אַ פּאָר וואָכען אַרום טרעט איך אַריין אין אוניווערזיטעט. איך האָב אויסגעשריבען אהער מיין קליין ברו־דערעל — אין גימנאַזיע אריין; דאָס איז זעהר אַ וואויל קינד,

און דאַרטען וועט ווערען פון איהם אַ תל אָהן מיר. פאַר דער קוואַרטיר צאָהל איך זעכס רובעל; פאַר עסען אַכט רובעל. בלייבט אונז פיער רובעל אויף קליינינקייטען. נאָר מיין שוועסטער שרייבט מיר, אַז אין גיכען וועט זי מיר צושיקען אַ צוויי קינדער פון איהר „חברה". וואָס זאָל איך טהון מיט זיי?... איהר ווייסט, ווי טייער מיין שוועסטער איז ביי מיר. נאָר וואָס בין איך שולדיג, אַז גאָט האָט זי געבענשט מיט אַ טוץ קינדער? טאָמער וועט גאָט צושיקען נאָך אַ צוויי שטונדען. מיינע חברים, אייערע גוטע בעקאַנטע, גאָלדענשטאַדט און זילבערשטאַדט, שרייבען מיר אויך, אַז זיי זוכען שטונדען. זיי זענען אין פעטערבורג אין אוניווער־זיטעט; איינער שטודיערט אויף דאָקטאָר, דער אַנדערער — אויף אדוואָקאַט. איהר ווייסט ניט, בערטע, וואָס זענען זיי אַזוי אין כעס אויף אייער שטאָדט, און נאָך מעהר — אויף דער געלער מאַדאַם רעגענבויגען מיט איהרע געלע טעכטער?... איך האָב אייך פערגעסען זאָגען, אַז באָרים האָט געקויפט פון ראָזע'ס וועגען אַ טייערען ראָיאַל, און איך בין ערשט ניט לאַנג געוואָהר געוואָרען, אַז ראָזע שפּיעלט פּיאַנאָ אויסגעצייכענט; און ווער שמועסט, אַז באָרים איז ניטאָ און זי שפּיעלט אַ ביסעל פּערטראַכט־מעלאַנכאָ־ליש, דאַן גיסען זיך אויס פון איהרע פינגער וואונדערליכע זיסע אַקאָרדען מיט טרויעריגע געזאַנגען, אַזוי, אַז עס קלעהמט אַמאָל שטאַרק דאָס האַרץ, און איך פערשטעה ניט, ווי אַזוי קאָן באָרים אוועקוואַרפען אַזאַ זעלטענעם פערגעניגען און אוועקגעהן אויף דריי שעה שפּיעלען אין ביליאַרד מיט עטליכע לעדיגגעהערס און טונעיאַדצעס?... ווען איך קום אַמאָל צו זיי און טרעף זי ביי דעם פּאַרטעפּיאַן און טהו זי אַ פרעג, וואו איז ערגיץ באָרים? — שטעלט זי אַנידער אויף מיר איהרע שוואַרצע טיעפע אויגען און ענטפערט מיר צערייצט, מיט פערדראָס:

„— וואו זאָל ער זיין? ער איז זיך דורכגעגאַנגען אַ ביסעל צו זיינע בעקאַנטע... צי איהר ווילט, אַז ער זאָל זיצען שטענדיג אין דער היים, נאָר ניט אַרויסטרעטען פון שטוב?...

„און נאָכדעם הויבט זי אָן צו שפּיעלען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, אַזוי, אַז דער פּאַרטעפּיאַן ציטערט און קרעכצט אונטער איהרע הענד, און נאָכדעם אַלץ שטילער און נידעריגער, און וויינענדיגע, ריהרענדיגע מעלאָדיעס גיסען זיך אויס פון זיך אַליין און קריכען גלייך אין הארצען אריין, און מיר ווייזט זיך דעמאָלט אויס, אַז זי קלאָגט זיך און בעדויערט איהר מזל און בעוויינט איהר ליעבע, איהר מערקווירדיגע ליעבע... נאָר אָט קומט אריין באָרים — און עס ווערד אַלץ ווי פריהער: זי פאַלט איהם אויפ'ן האַלז. זי לאַכט זי זינגט, זי מאַכט זיך נאַריש, ווי אַ קליין קינד.

„אַ וואונדערליכע זאַך, בערטע, גלעבען, אַ וואונדערליכע זאַך!...

„פּ. אייזענשטאַדט.״

אויף מאָרגען גאַנץ פריה נאָך דעם איבענדערמאַנטען בריעף, בעת אונזער טאַלאַנטפולער דיפּלאָמאַט האָט נאָר־וואָס געקלערט איבערקעהרען זיך אויף דער אַנדערער זייט ביי זיך אויפ'ן בעטעל, וואָס איז פול מיט וואַנצען, בכדי ער זאָל קאָנען געשמאַקער שלאָפען, האָט מען איהם אָנגעקלאַפּט אין פענסטער אריין מיט אַזאַ כח, אַז ער האָט זיך באַלד אויפגעחאַפּט און געעפענט די טיר. אַ גאָראָדאָוואָי האָט איהם איבערגעגעבען אַ קוויטעלע:

„אייזענשטאַדט! למען השם, די רגע! מע האָט אונז בעגומען ביז דעם לעצטען העמד! בע'גנב'עט ביז דעם לעצטען פּאָדים! ניטאָ ניט די קעכין, ניט די פּאָקאָיאָווע, ניט דער לאָקיי! אַ גליק, וואָס מע האָט אונז געלאָזט לעבעדיגע! באָרים איז אויסער זיך! קומט באַלד! די רגע!

„ראָזע פרידמאַן.״

עס פערשטעהט זיך, אַז אייזענשטאַדט האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטען. ער האָט געטראָפען זיינע פריינד זעהר אין אַ טרויעריגער לאַגע: באָרים איז געלעגען אַ באָרוועסער אין זאַל אויפ'ן דיוואַן, איינגעוויקעלט אין אַ רויטער קאָלדרע, און ראָזע

האָט זיך אַרומגעדרעהט אין קאַלאָשען אויף די קליינע ווייסע פיסלעך, איינגעהילט אין אַ גרינער שאַל, וואָס די גנבים האָבען, אפנים, פאַר רחמנות, איבערגעלאָזט. די שאַפעס מיט די קאָמאָדען זענען געשטאַנען אָפען און אויסגעראַמט מיט אַ זעלטענער פּינקט־ליכקייט; די טישען מיט די בענקלעך צעשטעלט און צעדרעהט; די דיוואַנעס מיט אַלע אַנטיקלעך צוגענומען; די שופלאַדען מיט די קעסטלעך אויסגעריינינגט; אפילו די צוויי טייערע בראָנזענע שפּיגלען אַראָפּגענומען, אפילו די לאָמפּען מיט די זילבערנע לייכטערלעך האָט מען בעוואָהרענט. זעלטען־זעלטען האָט זיך דורכגעוואָרפען איין אַלט קוויטעלע, אַ ווייסע הענטשקע, אַ טאָוועל פון אַ ביכעל...

— עס ווייזט אויס — האָט זיך אָנגערופען אונזער דיפּלאָ־מאַט מיט אַ שמייכעלע, בעטראַכטענדיג דעם דאָזיגען חורבן — עס ווייזט אויס, אַז די גנבים האָבען צייט געהאַט זיך איינפּאַ־קעווען, ווי עס געהער צו זיין. אַ וואונדערליכע זאַך, כלעבען, אַ וואונדערליכע זאַך!...

מיר ווייסען ניט פאַר וואָס, — נאָר ביי די דאָזיגע לעצטע ווערטער פון אייזענשטאַדטען האָט זיך אונזער האַלב־נאַקעטע העלדין אָנגעחאַפּט ביי ביידע זייטען און האָט זיך אַזוי שטאַרק, אַזוי הילכיג צעלאַכט, אַז באָרים איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער קאַנאַפּע און איז מיט דער רויטער קאָלדרע צוגעלאָפען צו זיין יונג ווייבעל, וועלכע האָט ניט אויפגעהערט צו לאַכען אַלע מאָל העכער און שטאַרקער; קוקענדיג אויף איהר, האָט זיך אייזענ־שטאַדט ניט געקאָנט איינהאַלטען און האָט זיך אויך צעלאַכט, ניט וויסענדיג אויף וואָס און אויף ווען... פאַר דעם דאָזיגען יונגען מענשען, וואָס האָט ליעב געקריגען ראָזען פון׳ם ערשטען מאָל, וואָס ער האָט זי דערזעהען ביי בערטען אין זאַל, איז גענוג געווען צו זעהען, ווי זי לאַכט, ער זאָל זיך אויך צעלאַכען, אָדער דאָס האַרץ זאָל איהם קלעמען, ווען ער דערזעהט טרערען אויף ראָזע׳ס אויגען...

דאָס נייענצעהנטע קאַפּיטעל.

די מאַדאַם פרידמאַן וויזט זיך אַרוים אַלס די בעסטע דיפּלאָמאַטין, און אונזער יונגער פּרינץ האָט חרטה אויף דער גאַנצער מעשה.

די מאַדאַם פרידמאַן, אַז זי איז איבערגעבליבען אין דער גרויסער שטאָדט אַליין. אָהן דעם זוהן, האָט זי נישט גע'חלש'ט און נישט געוויינט און נישט געליאַרעמט; זי האָט נאָר געגעבען אַ דערפּעשע אהיים צום מאַן און האָט בעקומען איין ענטפער פון איהם, אַז מאיר פוהרמאַנ'ס טאָכטער איז אויך אַנטלאָפען, — האָט זי שוין פערשטאַנען די גאַנצע געשיכטע און איז צוריקגעקומען אהיים. זי האָט געוואוסט, ווי ווייט געבאַלעוועט און גע־פּיעסטעט איהר בן־יחיד איז. מלכה פרידמאַן האָט באַלד פער־שטאַנען, אַז זיין פייעריגע ליעבע צו דער „שוואַרצער" ראָזע וועט געווים לאַנג נישט דויערען; זי וועט איהם גיך נמאס ווערען, אַזוי ווי עס פּלעגט איהם נמאס ווערען יעדע זאַך אין די קינדערשע יאָהרען.

און ווירקליך! לאַנג האָט אונזער יונגער געבאַלעוועטער העלד נישט געקאָנט אויסהאַלטען מיט זיין ליעבע צו דער „שוואַר־צער" ראָזע. נאָכ'ן ערשטען משאד איז זיין צעהיצטע פאַנטאַזיע באַלד אָפּגעקיהלט געוואָרען, און ער האָט פּלוצים דערפיהלט אויף זיך אַ שווערע משא: ער האָט אַ ווייב... די פרייהייט האָט ער שוין אָנגעוואוירען אויף שטענדיג... פון דעם דאָזיגען געדאַנק

איז איהם קאַלט געוואָרען אין אַלע אברים: וואָס הייסט דאָס? ווי אַזוי איז דאָס געשעהען? און וואָס וועט זיין ווייטער?...

אמת, עס זענען געווען מינוטען, בעת ראָזע פלעגט זיצען מיט איהם צוזאַמען, און איהרע שענע געקרייזעלטע האָר זענען געלעגען צעוואָרפען אויף זיינע הענד, און איהרע פייעריגע אויגען האָבען אויף איהם געקוקט פול מיט ליעבע, — דעמאָלט איז איהם געווען ניט אַזוי שלעכט; נאָר אַז ער איז געבליבען אַליין אויף אַ שעה און זיינע שוואַרצע געדאַנקען האָבען זיך איהם צוריק־געקעהרט, איז אונזער יונגער העלד געווען באמת איין אומגליק־ליכער מענש. ליגענדיג מיט'ן פּנים אַרויף אויף דער סאַמעטענער סאָפע, אויסציהענדיג די פיס אויפ'ן טיש און פייפענדיג פון ניט האָבען וואָס צו טהון, זענען איהם ווידער אַרויפגעקומען שלעכטע געדאַנקען און עס האָט זיך איהם פאַרגעשטעלט, אַז ער האָט פער־שפּיעלט, לחלוטין פערשפּיעלט זיין לעבען אויף דער וועלט, — און דורך וועמען? דורך „איהר"! דורך אָט דער דאָזיגער שוואַר־צער ראָזע, וואָס וואַרפט זיך איהם אַלע מינוט אויפ'ן האַלז און קושט איהם און האָלובעט איהם, — וואָס וויל זי פון איהם? וואָס האָט זי צו איהם? פאַר וואָס און פאַר ווען האָט זי איהם בעגראָ־בען יונגערהייד דאָ, אין דעם דאָזיגען קליינעם שטיבעל?...

און ביסלעכווייז־ביסלעכווייז האָט אונזער העלד אָנגעהויבען פיהלען צו זיין געליעבטער ראָזען עטוואָס פערדראָס, אַ מין שנאה. עס זענען געווען צווישען די „ליעבענדע" אַזעלכע מינוטען, וואָס זי איז געהאָנגען ביי איהם אויפ'ן האַלז און איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט פאַר גרוים גליק, און ער האָט זי אין דער זעלבער מינוט נישט געקאָנט סובל זיין און איז געווען אויסער זיך פאַר כעס: „וואָס וויל זי פון מיין לעבען האָבען? פון וואַנען האָט זי זיך גענומען?"... נאָך מעהר האָט איהם געברענט אויף זיין חבר אייזענשטאַדט: „וואָס האָט געוואָלט האָבען פון מיר אָט דער דאָזיגער שוטה מיט די גלעזערנע באַנקעס?"... — און אונ־זער געפּעסטעטער פּרינץ האָט אויסגעלאָזט זיין גאַנץ ביטער האַרץ

אויף זיין חבר'ס קאָפּ; ער האָט איבערגעגעבען ראָזען, אַז ער האָט פיינט אייזענשטאדטען, אַז אָט דער דאָזיגער בחור מיט די גלעזערנע באַנקעס פערגינט איהם נישט דאָס גליק און איז איהם אַ דם־שונא, אַז אייזענשטאדט האָט ליעב זיך אומעטום אריינמישען, וואו מע בעט איהם נישט...

ראָזע זעהט, אַז איהר באָריס איז עפּיס צעפלאָכטען, אַז עפּיס פעהלט איהם, — נאָר זי ווייסט ניט וואָס. פרעגט זי איהם מיט דער גרעסטער צערטליכקייט:

— וואָס איז דיר, באָריס? וואָס פעהלט דיר? וואָס זאָל איך דיר טהון אזעלכס? דו ווייסט דאָך, אַז איך בין גרייט אין פייער, אין וואסער, אין עק וועלט, שטארבען צוליעב דיר, באָריס!

דערויף האָט איהר באָריס געענטפערט, אַז מע מוז זיך אמאָל איבערבעטען מיט די עלטערען, אַז אנדערש קאָן ניט זיין: מע מוז זיך אונטערגעבען. זיין מוטער האָט איהם אזוי ליעב, אַז זי וועט איהם באלד מוחל זיין; זי וועט איבערגעבען דעם פאָטער און וועט פועל'ען, אַז ער זאָל אויך געבען זיין הסכמה...

— נו, באָריס, פאַר וואָס זשע דען ניט? נו, לאָמיר פאָהרען! פאָהרען מיר?...

— ניין, נארעלע. ביידע טאָרען מיר אצינד נאָך נישט פאָהרען. עס איז נאָך צו פריה. איך מוז פריהער אליין זיך דורכפאָהרען, און נאָכדעם... דו פארשטעהסט צי ניין?...

אויף אַ מינוט בלייבט זי זיצען טוידט; עס האָט זיך איהר אָפּגעריסען אין הארצען. דער געדאנק, אַז ער וועט אוועקפאָהרען און זי וועט דאָ בלייבען אליין, פערגליווערט איהר דאָס בלוט. נאָר זי זעהט, אַז ער וויל אזוי, אַז באָריס וויל אזוי, פאַלט זי איהם אויפ'ן האלז און זאָגט איהם מיט טרערען:

— ביזט גערעכט, באָריס, ביזט גערעכט: דו דארפסט פריהער אליין זיך דורכפאָהרען... אויף אַ קליינער צייט, איאַ, באָריס?

— אויף אַ וואָך אָדער אויף צוויי, נישט מעהר!

— נישט מעהר, באָריס, נישט מעהר, מיין טייערער!

און ווייטער א לאַנגער, א הייסער קוש דורך טרערן.

דאָס האָט איהם אַזוי בענומען, אַז ער האָט זי אין דער דאָזיגער מינוט ערנסט ליעב געהאַט און איז איהר געווען דאַנקבאַר פאַר די פרייהייט, וואָס זי שענקט איהם... זייער געזעגענען זיך איז געווען אַזוי ריהרענד, אַז אפילו אייזענשטאַדט האָט שטילערהייד, אָן דער זייט, געלאָזט א טרער...

צוויי טעג האָט ראָזע'ס פאָרטרעט בעגלייט באָריסען, און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אין וואַגאָן, וואו ער איז געזעסען, זענען געשטאַנען קעגען איהם איהרע שוואַרצע פייעריגע אויגען. נאָר קוים איז ער געקומען אַהיים און איז אַריינגעפאַלען צו מלכה'ן אין די הענד אריין, אַזוי האָט ער אַלץ פערגעסען.

אַז די מאַדאַם פרידמאַן האָט פלוצים בעקומען די פרייליכע דעפּעשע פון איהר זוהן, איז זי געווען אַזוי גליקליך, פּונקט ווי זי האָט נאָך פריהער געוואוסט די שעה, ווען איהר באָריס וועט קומען. דאָך האָבען איהר די הענד געציטערט אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט זיך אַליין נישט געקאָנט אָנטהון און האָט געמוזט אַריינרופען דאָס דיענסטמיידעל, וועלכע האָט בעמערקט, אַז די מאַדאַם איז עפּיס שטאַרק צעטראָגען, און האָט דאָס באַלד איבער־געגעבען אליק'ן, און אליק האָט דאָס די רגע אָפּגעטראָגען צו בערטע דער גרושה און אין נאָך עטליכע ערטער, אַזוי אַז דעם זעלבען טאָג איז שוין אַרוים א קלאַנג אויף דער גאַנצער שטאָדט, אַז די מאַדאַם פרידמאַן האָט דערהאַלטען א דעפּעש און איז אַרויסגעפאָהרען צום וואָקזאַל אַקעגען דעם זוהן מיט דער שנור... דאָס האָט אָנגעמאַכט אַזאַ רעש, אַז עס זענען באַלד נאָך איהר נאָכגעפאָהרען די מאַדאַם שפּיעגעלגלאָז, די מאַדאַם רעגענבויגען און די מאַדאַם שטעכענהאָלץ... מיט'ן מאַן האָט זי וועגען דעם ניט גערעדט: מאָטעל האָט שוין פערשטאַנען, וואָס דאָס בעטייט. ער האָט זי נאָר א פרעג געטהאָן:

— מלכה! ער פאָהרט?

— ער פאָהרט.

— אליין?

— אליין.

דער צוג איז אָנגעקומען, און באָרים איז ארויסגעשפרונגען פונ'ם וואַגאָן א בלאַסער: ער האָט צוויי נעכט ניט געשלאָפען. ער האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז געבליבען שטעהן אויף איין אָרט, ווי א בעגראָבענער. מלכה איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט איהם ארומגעחאפּט קושען.

— באָרים!...

— מאמע!...

. . . .

מלכה האָט צוגערופען דעם עקיפּאַזש און האָט זיך אריינגעזעצט מיט'ן זוהן. זי האָט איהם נישט געשטראָפט, ניט געפרעגט גאָרניט, כמעט גאָר ניט גערעדט: זי האָט שוין געוואוסט אלסדינג — וואָס וועט זי ביי איהם פרעגען? וואָס וועט ער איהר דערצעהלען? ער האָט אנידערגעלעגט זיין קאָפּ ביי איהר אויף די הענד און האָט גענומען וויינען. זי האָט איהם געלאָזט זיך אויסוויינען. זי האָט איהם געקרייזעלט זיינע לאַנגע בלאָנדע האָר, און האָט נאָר געזאָגט: „מיין קינד! מיין קינד!” קומענדיג אהיים, האָט זיך אונזער יונגער העלד ארומגעוואשען, ארומגעראַזירט, אָנגעטהאָן, בעשפּריצט זיך מיט אָדעקאָלאָן און איז געוואָרען וויעדער דער זעלבער לעבעדיגער און פרישער באָרים, וואָס פריהער. דעם פאָטער האָט ער געטראָפען אין קאַבינעט איבער די חשבונות מיט א פעדער אין די צייהן.

— וואָס מאכסט דו, פּאַפּאַ?

— א־א־א?! — האָט איהם דער פאָטער געענטפערט, קוקענדיג אין די חשבונות, און האָט איהם אונטערגעשטעלט די לינקע באַק אויף א קוש טהון. נאָכדעם איז ער אריינגעגאַנגען וויעדער צו דער מוטער און איז איהר געפאַלען אויפ'ן האלז. ער האָט

איהר געוואָלט אָנהויבען דערצעהלען אלץ, אלץ; נאָר זי האָט איהם איבערגעשלאָגען, זאָגענדיג צו איהם מיט א געלעכטער:

— קינד! מיר וועלען נאָך צייט האָבען צו רעדען וועגען דעם אויך; איצט דארפסט דו געהן צום טיש עפּים איבערבייסען.

ביי'ם טיש האָט באָרים גענעסען מיט גרויס אַפּעטיט, זעהר פיעל גערעדט, דערצעהלט חידושים פון דער גרויסער שטאָדט, און די מוטער האָט איהם אויסגעהערט מיט א צופריעדען שמייכעלע אויף די ליפּען, גלייך ווי עס וואָלט צווישען זיי גאָר נישט פאָרגעפאַלען, גלייך ווי ער האָט זיך זעהר פיין אויסגעשטעלט קענען זיך, קענען זיינע עלטערען, קענען גאָט און לייט...

דער ווייַן, דאָס בעגעגעניש מיט דער מוטער, די שענע צימערען מיט'ן ווייכען גרויסארטיגען מעבעל האָבען אויפגעבונדען די צונג פון אונזער יונגען העלד, און ער האָט איבערגעגעבען זיין מוטער א לאַנגע געשיכטע, די גאַנצע געשיכטע, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט, מיט אַלע קליינינקייטען און מיט דער גאַנצער עפענטליכקייט און תמימות.

אין דער צייט, וואָס באָרים האָט דערצעהלט, איז די מאַדאַם פרידמאַן געזעסען אין א ווייכען סאַמעטענעם פאָטעל און איהם אויסגעהערט מיט א זיס שמייכעלע אויף איהר געזונד און פריש געזיכט, גלייך ווי באָרים וואָלט איהר דערצעהלט א שענע מעשה פון א בוך. מלכה'ס צופריעדען געזיכט האָט נישט אויסגעזאָגט וואָס עס האָט זיך געטהאָן ביי איהר אין הארצען, ווען זי האָט דערהערט, אז אָט דאָס דאָזיגע קליינע שווארצע מיידעלע, אָט די דאָזיגע „קארלעטשקע" מיט איהר טייערען בן־יחיד האָבען דריי יאָהר כסדר געפיהרט צווישען זיך א שפּילען ראָמאַן, און זי, מלכה, האָט נישט אָנגעהויבען צו וויסען פון קיין „פּותר" און פון קיין „חלום"!

„אָ! — האָט זיך מלכה געקלערט. — זי דארף זיין א גוטע סחורה! נאָך א בעסערע, ווי די מאַמע איהרע, די יאַשטשערקע!...

און די דאָזיגע „קארלעטשקע" איז היינט מיין שנור, מיין זוהנ'ס

ווייב?... און מיין באָרים האָט שוין אַ ווייב? און זועמען? און אויף וואָסער איין אופן? און איך זאָל דאָס אזוי איבערלאָזען? — אָ, ניין!"...

נאָר דאָס איז געווען איהרע אינווענינגסטע געפיהלען; אויס־ווענינ, אויפ'ן פּנים, איז זי געווען גאַנץ רוהיג, אַ ביסעל ווי פריילייך, און אַז באָרים האָט געענדיגט זיין ערצעהלונג מיט טרערען אויף די אויגען, האָט זי פערשטאַנען, אַז איהר זוהן הויבט שוין אָן חרטה האָבען אויף דער גאַנצער מעשה, און אַצינד איז דאָ צייט צו פערהאַפּען, פערריכטען. זי האָט איהם געגלעט זיינע לאַנגע בלאָנדע האָר און האָט צו איהם געזאָגט:

— נו, מיין קינד, גענוג, גענוג. שוין צייט רוהען, שוין צייט שלאָפען...

— ניין, מאַמע, ניין! איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר זאָגען, אַז דו ביזט מיר מוחל... איך וויל, דו זאָלסט מיר צוזאָגען, אַז דו וועסט מיך ניט פערלאָזען, אַז דו וועסט מיר העלפען! דו ביזט אַזאַ קלוגע, אַזאַ גוטע!...

— קינד! — האָט זי איהם געענטפערט, אָפּווישענדיג מיט איהרע ווייכע ווייסע הענד זיינע טרערען. — קינד! פאַר וואָס זאָל איך דיר מוחל זיין? וואָס האָסט דו אַזעלכס פאַרזינדיגט? וואָס חיטרע מענשען האָבען דיך געוואָלט אריינגנאַרען אין זאַק אריין? וואָס אַפערריסטען האָבען געוואָלט זיך באַנוצען מיט דיין רייכטום?... דאַנק און לויב גאָט, וואָס דו האָסט אַ מוטער, וועל־כע וועט איהר לעבען אוועקגעבען צוליעב איהר קינד... דו האָסט גוט געטהאָן, וואָס דו האָסט מיר אַלץ אַנטדעקט און נישט פאַר־לייקענט קיין זאַך. פון היינט אָן בין איך דיין איינציגער העל־פער, און אויף מיר מעגסט דו זיך פערלאָזען מעהר ווי אויף אַלע דיינע גוטע פריינד, וואָס מיינען זייער אייגענע טובה און דיין קעשענע...

די גאַנצע נאַכט איז אונזער יונגער העלד אָפּגעשלאָפען אויס־געצייכענט, און ווי נאָר ער האָט געעפענט די אויגען, האָט ער זיך

אָנגעהויבען ארומקוקען אויף אַלע זייטען. ער האָט פערגעסען, וואו איז ער און ווי קומט ער אהער? דער גילדענער שפּאַליר פון די הויכע ווענד, דער גרויסער סאַמעטענער קאָוויאָר ביי דעם בעט, די הויכע גלענצענדע קאָלאָנעס מיט די ליכטיגע פענסטער, דאָס טייערע מעבעל מיט די גרויסע בראָנזענע שפּיעגלען — דאָס אַלץ, פון וועלכען ער איז שוין אַ ביסעל אָפּגעוואָהנט געוואָרען, האָט איהם אויסגעוויזען ווי אַ חלום. אין דער דאָזיגער מינוט איז אריינגעקומען זיין מוטער מיט איהר זיס שמייכעלע אויף די ליפּען. באָרים האָט זיך אין איין אויגענבליק דערמאַנט אין אַלץ.

— שטעה שוין אויף, קינד, שוין צייט פאָהרען.

— די רגע, מאַמע, די רגע, אָט טהו איך זיך אָן! — און באָרים האָט זיך גענומען אָנטהון; נאָר ווי איבערראַשט איז ער געווען, אַז פאַר זיינע אויגען איז געלעגען אַ שפּאָגעל־נייער קאָס־טיום, נאָר־וואָס פון דער נאָדעל ארויס! דאָס איז געווען אַ סור־פּריז פון זיין מוטער.

אין פערלויף פון דריי וואָכען האָבען זיי צווישען זיך קיין איינציג וואָרט ניט גערעדט וועגען דעם, וואָס באָרים האָט געוואָלט רעדען, און אַזוי האָבען זיי זיך צוגעגרייט אין וועג אריין — קיין אויסלאַנד פאָהרען אויף אַ גאַנצען ווינטער. אַז זיי זענען גע־קומען קיין וואַרשאָ, האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט אין דער דאָזיגער שטאָדט אויף עטליכע טעג, וואו די מאַדאַם פרידמאַן האָט בע־דאַרפט איינקויפען אַ טראַנספּאָרט פערשידענע סחורות. זי האָט בעקאַנט געמאַכט איהר זוהן אין עטליכע גאַנץ רייכע הייזער, וואוהין מע האָט איהם געבעטען אויף אָבענד־ברויט אָדער אויף מיטאָג. זי האָט איהם אויך בעקאַנט געמאַכט מיט דער רייכער פירמע „עסיגמאַכער". און אַזוי האָבען זיי פערבראַכט אין דער גרויסער שטאָדט וואַרשאָ. אויף דער נאַכט זענען זיי געווען אין טהעאַטער, און באָרים איז געקומען צוריק מיט אַ קאַפּוועהטיג. ליגענדיג אין בעט, האָט ער זיך דערמאַנט אָן דעם, וואָס ער האָט

צו רעדען מיט דער מוטער; ער האָט דאָס געלאָזט אויף מאָרגען, אויף שפּעטער...

די גאַנצע נאַכט האָט ער געזעהען שלעכטע חלומות, און ראָזע'ס גרויסע, שוואַרצע, טיפע אויגען, וועלכע ער האָט שוין כמעט פערגעסען, האָבען זיך איהם געפּלאָנטעט א גאַנצע נאַכט פאַר זיינע אויגען. נאָר אויף מאָרגען, ווען ער איז געקומען צו דעם באַנקיר עסיגמאַכער מיט א וויזיט, און מע האָט איהם איינ־געלאַדען אויף אָנבייסען און נאָכדעם אין טהעאַטער, איז ער גע־וואָרען ווידער מונטער און פריילין, און דעם באַנקיר'ס עלטערע טאָכטער, די מאַמזעל עסיגמאַכער, מיט איהרע גרויע אויגען, מיט איהר הויך געשטאַלט און מיט איהרע איידעלע מאַניערען, האָט אויף איהם געמאַכט א היבשען איינדרוק. די מוטער האָט איהם געזאָגט, אז דער דאָזיגער מאַמזעל גיט דער באַנקיר עסיגמאַכער נדן ניט מעהר און ניט ווינציגער פון א האַלבען מיליאָן רובעל.

„אָהאָ! — האָט זיך אונזער נאַאיוועס העלד געטראַכט. — אָהאָ! א האַלבען מיליאָן רובעל נדן? נישקשה פון א נדן, כלעבען!"...

. . . .

. . . .

נאָר גענוג! גענוג שוין אונז נאָכצוגעהן טריט ביי טריט אונזער יונגען העלד, וועלכער האָט עס געווים ביי אונז נישט פערדיענט. מיר ווילען זיך בעסער אומקעהרען צו אונזערע צוויי עהרליכע פריינד, פּינחס אייזענשטאַדט און בערטע שימשעלביין, און ווילען איבערגעבען א גאַנצע רייהע פון זייערע בריעף, וואָס זיי האָבען אין יענער צייט געשריבען איינער צום אַנדערען.

דאָס צוואַנציגסטע קאַפּיטעל.

קאָרעספּאָנדענץ.

א.

פון פ. אייזענשטאדט צו ב. שימשעלביין.

„מיין גוטע בערטע!

„א וואונדערליכע זאך, כלעבען, א וואונדערליכע זאך! ווי אזוי האָבען מיר דאָס ניט ארויסגעזעהן פריהער, אז סוף־כל־סוף וועט אזוי זיין? און פאר וואָס האָב איך איהם געלאָזט אוועק־פאָהרען אליין, אָהן איהר? אמת, זי האָט אליין געוואָלט בלייבען דאָ, ווארטען ביז ער וועט זיך אביסעל דורכפאָהרען אהיים און וועט זיך אומקעהרען; נאָר איך האָב דאָס ניט געטאָרט דער־לאָזען. איך בין מעהר שולדיג פון באָריסען; איך האָב געהאַט ביד ניט ארויסלאָזען איהם פון דאנען... נאָר וואָס זאָג איך? עס איז גאָר אוממעגליך געווען איהם צו האלטען; ער איז געווען אזוי אומגליקליך, אזוי פערזאָרגט, אז איך אליין האָב אויף איהם רחמנות געהאַט. איך האָב געזעהען, אז ער עקט זיך, אז ער וועט דאָס נישט אויסהאלטען, ער וועט ביינאכט אנטלויפען, ווי א גנב, און דאָס וואָלט פאר איהר נאָך ערגער געווען... די לעצטע עטליכע טעג האָט ער ניט געגעסען, ניט געטרונקען, ניט געשלאָפען; ארומ־

בעגאַנגען איבער דער שטוב, ווי אַ שאָטען, פינסטער ווי די ערד, ניט געדערט קיין וואָרט, נאָר געזיפצט און געגלעט זיך די האָר... אַך, בערטע, בערטע! וואָס האָבען מיר געטהאָן? צו וואָס האָבען מיר זיך אַזוי געהאַפּט זיי צונויפבינדען, נישט בעקלערט און נישט בעטראַכט? מיר, נאָר מיר, זענען שולדיג אין דעם אַלעם! די צייט וואָלט אַליין געטהאָן איהרס; ווען מיר זאָלען זיי נישט געווען מיטהעלפען, וואָלטען זיי אפשר געוועןביידע גליקליכער. אצינד איז זי אומגליקליך, אַזוי אומגליקליך, אַז נאָר איך און איהר קאָנען זי פערשטעהן... זי איז נאָך מעהר אומגליקליך דער־מיט, וואָס זי האָט ניט, פאַר וועמען אויסצורעדען איהר האַרץ, פאַר וועמען אויסצוגיסען איהרע טרערען! ערשט היינט בין איך געווען ביי איהר; זעהענדיג איהר טוידט פּנים, איהרע געשוואָ־לענע אויגען, בין איך געשטאָרבען פאַר שרעק; זי האָט מיך אָפּ־געזידעלט, ווי תמיד:

„— איהר זענט, אפּנים, געקומען מיך בעוויינען? צי איהר זענט געקומען מיך טרייסטען, אויסרעדען דאָס האַרץ?... איהר זאָלט ניט מיינען, אייזענשטאַדט, אַז באָרים איז ביי מיר אַזוי נידעריג געפאַלען, ווי ביי אייך אין אייערע אויגען!... איך קען איהם בעסער, ווי איהר קענט איהם! ווען ער זאָל קאָנען, וואָלט ער שוין לאַנג געקומען. מסתמא קאָן ער ניט; מסתמא לאָזט מען איהם ניט... אָדער אפשר איז ער ניט געזונד... אפשר איז ער אַזוי שלאַף, אַז ער קאָן מיר אפילו ניט שרייבען... ער קעהר געוויס זיין שלאַף! ער איז נעבאַך שלאַף! איהר ווייסט דערפון גאַנץ גוט, און ווילט מיר ניט אויסזאָגען! איהר בעהאַלט פון מיר! איך וויים, איך וויים!... איך קען אייך, אייזענשטאַדט, איך קען אייך! איהר האָט תמיד ליעב בעהאַלטען! איהר ווילט מיך מוטשען! איהר מוטשעט מיך! וואָס האָט איהר צו מיר?!...

„איך האָב געבראַכט דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט געפונען, אַז זי האָט היץ. דער דאָקטאָר זאָגט, אַז זי איז ניט מיט אַלעמען,

אז מע דאַרף זי אָפּהיטען, ווייל זי איז... איהר פערשטעהט? איך בעט אייך, בערטע, גיט מיר איין עצה, וואָס טהוט מען? איהר ווייסט בעסער; איך קאָן אליין גאָר ניט טהון!... איך האָב שוין געשריבען באָריסען עטליכע בריעף; ער ענטפערט מיר ניט. אפשר איז ער שוין ניט דאָרטען, אין אייער שטאָדט? וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען? דאָס ביסעל געלד, וואָס ער האָט איבער־געלאָזט, הויבט שוין אָן אויסגעהן. דער דאָקטאָר געהט צוויי מאָל אין טאָג. די אפּטייק שלינגט איין אַ סך געלד. די הוצאות אין שטוב זענען גרויס, ווי פריהער, און איבערמאַכען אַנדערש לאָזט זי ניט; זי זאָגט, אַז באָריס וועט קומען און וועט זי טרעפען אין איין אַנדער לאַגע, וועט ער זיין אומצופריעדען... איהר פער־שטעהט, וואָס דאָס הייסט? באָריס, וואָס האָט זיך ניט געשעמט צונעמען די הונדערט רובעל, וועלכע איך האָב אָפּגעלייזט פאַר'ן עקיפּאַזש מיט די פערד, וועט זיין אומצופריעדען דערמיט, וואָס זיין אומגליקליכע ראָזע וועט ניט זיצען אין פיער צימערען מיט ווייך מעבעל, ווי אַ גרעפין!... נעכטען האָב איך זי פון דער זייט אַ פרעג געטהאָן, צי האָט זי נאָך עפּיס געלד, צי דאַרף זי געלד? וואָלט איהר בעדאַרפט הערען, וואָס פאַר אַ תשובה זי האָט מיר געגעבען, ווי אַזוי זי האָט זיך געפיהלט בעלעדיגט פון דער פראַגע!

„אַך, גוטע בערטע! גיט מיר איין עצה, וואָס טהוט מען? ווי אַזוי ראַטעוועט מען אָפּ דאָס אָרעמע קינד, וועלכעס מיר אליין האָבען אין אַזאַ אומגליק אריינגעפיהרט. שרייבט מיר, טאָמער ווייסט איהר עפּיס פון באָריסען? וואו איז ער? וואָס טהוט ער? וואָס פּלאַנט ער? טאָמער קאָנט איהר איהם זעהען און מיט איהם איבערשמועסען? יאָ, יאָ, אַ וואונדערליכע זאַך, בלעבען, אַ וואונדערליכע זאַך! ווי בלינד מיר זענען ביידע געוועזען!

„מיט דער גרעסטער אונגעדולד ערוואַרט איך פון אייך אַ תשובה.

„אייער בעסטער פריינד פּ. אייזענשטאַדט.”

ב.

פון ב. שימשעלביין צו פ. אייזענשטאדט.

„טייערער פריינד אייזענשטאדט!

„זעהט, וואָס איהר האָט אָנגעמאכט! זעהט, ווי גאָט צאָהלט אייך דערפאר, וואָס איהר האלט אונז, פרויענצימער, פאר גאָר־נישט! איהר מיינט, אז נאָר איהר זענט קלוג, אז נאָר איהר האָט שכל!... איך פרעג אייך, פאר וואָס האָט איהר מיך פריהער ניט געלאָזט קומען צו אייך? איך וואָלט נישט דערלאָזט, אז באָרים זאָל אוועקפאָהרען און ראָזע זאָל איבערבלייבען אליין, ביי אזא טרויעריגער לאגע! איך, וואָס האָב אליין איבערגעלעבט כמעט דאָס זעלבע, וואָס ראָזע לעבט איבער אצינד, וואָלט שוין גע־וואוסט וואָס צו טהון!... נאָר, אייזענשטאדט, איהר זענט פון תמיד אָן א סקעפטיק. סטייטש, ווי אזוי קאָנט איהר גאָר רעכענען אזעלכס אויף אונזער אָרענטליכען באָריסען, וועלכער — דאָס איז ביי מיר זיכער ווי דער טאָג — וועט היינט־מאָרגען קומען צוריק צו ראָזען! גלויבט מיר, אז ער איז גלייך אומגליקליך ווי ראָזע, און זי איז גערעכט, וואָס זי פערענטפערט איהם. דאָס, וואָס עס האָט זיך געטראָפען אצינד, האָט מען בעדאַרפט ערוואַר־טען פריהער; איך האָב אייך ניט איין מאָל געזאָגט, אז קיין גליקליכע ליעבע איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, אז יעדע ליעבע מוז זיך ענדיגען טרויעריג, אז דאָס גאנצע לעבען איז א שרעק־ליכע טראגעדיע...

„דאָס, וואָס איך וויל אייך אצינד שרייבען, איז זעהר־זעהר ניט פרייליך: די מאדאם פוהרמאַן, ראָזע'ס מוטער, איז נעכטען געשטאָרבען... גאָט זאָל אייך אָפּהיטען פון צו זאָגען דאָס ראָזען! די דאָזיגע אומגליקליכע פרוי, וואָס האָט אזוי ליעב געהאַט איהר איינציג קינד, איז אויסגעגאנגען מיט א קללה אויף די ליפּען... איהר דאַרפט זיך שטויסען, ווען זי האָט געשאָלטען: זי האָט אייך גערעכענט פאר איהר מלאך־המות, און איהר דאַרפט איהר

מוחל זיין — זי איז געגוג אָפּגעקומען אויף דער וועלט!... איך קאָן זיך אָהן טרערען ניט דערמאָנען, וואָס זי האָט איבערגע־טראָגען פון איהר מאַן דעם דעספּאָט די לעצטע צייט. זי האָט שוין ביי איהם לאַנג פון קיין וועלט ניט געוואוסט; נאָר זינט די טאָכטער איז אַנטלאָפען, איז מאיר פוהרמאַן געוואָרען ערגער, ווי א ווילדע חיה. ער האָט איהר אַלע מינוט געשטאָכען די אויגען מיט דער אויסגעלאַסענער טאָכטער, וואָס איז אַנטלאָפען מיט איין אָרעמען סטודענט (איהר פערשטעהט חאָטש, אייזענשטאַרט, וועמען מע מיינט דאָ?...). און צייטענווייז, אַז זי האָט שוין נישט געקאָנט איבערטראָגען און האָט איהם געענטפערט מיט א וואָרט אָדער צוויי, האָט ער זי געטריבען פון שטוב און האָט איהר געשריען:

„— געה דיר צו דיין טאָכטער, צו דער מופקרת!... איהר מיינט, איהר וועט מיך ירש'ענען לעבעדיגערהייד?...

„אַז זי איז שלאַף געוואָרען, האָט ער נישט געוואָלט רופען דעם דאָקטאָר... די דאָזיגע אומגליקליכע פרוי האָט געצאַנקט, ווי א ליכט. ער האָט נישט צוגעלאָזט צו איהר קיינעם; ער האָט פערטריבען אַלע קרובים. איך האָב זיך ניט געטאָרט ווייזען פאַר זיינע אויגען; ער האָט כסדר געזאָגט, אַז ער וועט מיך פערשיקען אין סיביר... נאָר צום סוף, אַז ער האָט דערזעהען, אַז זיין ווייב געהט שוין אויס, האָט ער אראָפּגעבראַכט אַלע דאָק־טוירים פון דער שטאָדט. ער איז ארומגעלאָפען, ווי א משוגענער. ער האָט געוואָרפען די שליסעלעך. ער האָט געעפענט דעם קאַס־טען און האָט געשריען:

„— ראַטעוועט! ראַטעוועט! נעמט וויפיעל איהר ווילט — און ראַטעוועט!

„ער האָט מיך געשיקט רופען. איך האָב נישט געגלויבט מיינע אויגען: ער איז געווען פערוויינט, צעפלאָכטען, און האָט ניט געקאָנט איינזיצען אויף איין אָרט. ער האָט מיך געחאַפּט

פּאַר אַ האַנד און האָט מיך צוגעפיהרט צום בעטעל, וואו זיין אומגליקליך ווייב איז געלעגען ביי די לעצטע גראַדען.

„— דו זעהסט, טייבעלע? — האָט ער איהר געזאָגט, אייג־בויגענדיג זיך צום בעטעל. — דו זעהסט, טייבעלע? דאָס האָב איך דיר געבראַכט בערטען. דו זעהסט, טייבעלע? אָט דאָס איז בערטע...

„טייבעלע האָט שוין ניט געזעהען און ניט געהערט. אין צוויי שעה אַרום איז זי שוין געווען אויף דער אמת'ער וועלט.

„נאָר דער דאָזיגער אומגליקליכער פּרוי איז אָנגעצייכענט געווען נישט אַזוי גרינג צו קומען אַהין, וואו זי האָט בעדאַרפט געפינען איהר רוה... מאיר פוהרמאַן, וואָס האָט אַ שעה פאַר זיין ווייב'ס טויט געוואָרפען מיט אַ סך טויזענדער — אַבי מע זאָל איהם לעבעדיג מאַכען זיין טייבעלען, האָט זיך נאָך איהר טוידט איינגעשפּאַרט און האָט מעהר ניט געוואָלט געבען דער חברה־קדישא, ווי דרייסיג רובל. אַ גאַנץ מעת־לעת האָט ער זיך געדונגען, ווי מע דינגט זיך פאַר איין אָכס, — ביז מע האָט קוים אויסגעריסען ביי איהם הונדערט רובעל. איך בין גאָר ניט אים שטאַנד צו בעשרייבען אייך די בזיונות, מיט די קללות, מיט'ן גאַנצען רעש, וואָס עס האָט זיך דאָ געטהאָן אין דעם מעת־לעת, וואָס זיין ווייב איז געלעגען אויף דער ערד און ער האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט די שליסעלעך און געטאַפּט דעם אייזערנעם קאַסטען!

„נאָר איין זאַך קאָן איך ניט פערשטעהן: היינט פאַרנאַכט האָב איך געזעהען אַריינגעהן צו פוהרמאַנען אין הויף אַריין דעם הערר מאָטעל פרידמאַן! וואָס קאָן דאָס בעטייטען? אפשר איז ער אַזוי אַריינגעגאַנגען. מנחם־אָבל זיין זיין אַלטען חבר?... איך קאָן דאָס ניט פערשטעהן! איך האָב נאָר־וואָס געשיקט אַהין מיין מיידעל, זי זאָל אַ קוק טהון, וואָס איז דאָרטען און וואָס טהוט זיך ביי פוהרמאַנען?... דאָס מיידעל איז געקומען און זאָגט, אַז

דאָרט איז שוין קיינער ניטאָ אַצינד; נאָר דער הערר פוהרמאַן איז אַזוי בייז, אַזוי צעררייצט! ער שרייט אויף דער דיענסט (ער האַלט איצט ניט מעהר ווי איין דיענסט — איין אַלטע אידינע, אַ קאַרגע, ווי ער אַליין), אַז טאָמער וועט זי דאָס צווייטע מאָל אַריינלאָזען אַט דעם קעשעניק, אַט דעם גנב, — וועט זי האָבען ביי איהם דעם טויטס! איך קאָן דאָס גאָר ניט פערשטעהן, וואָס דאָס בעטייט!...

„אַך, אייזענשטאַדט, אייזענשטאַדט! איך בין אייך מקנא אויף אייער פלעגמאַטישען כאַראַקטער. איהר קאָנט אַלץ איבער־טראָגען קאַלטבלוטיג. איהר זענט קיינמאָל ניט געווען קיין אומ־גליקליכע פרויענצימער, און אייער הארץ, ווי איך זעה־אַרויס, איז נאָך גאַנץ פריי פון דעם הייליגען געפיהל, וואָס ווערד אָנגערופען „ליעבע"... איהר ווילט נישט גלויבען, אַז באָריס איז מיט זיין גאַנץ לעבען איבערגעגעבען ראָזען. איהר קאָנט דאָס ניט פער־שטעהן, איאָ? — זאָג איך אייך, אַז עס איז געווים אַזוי!... אמת, איך האָב דאָס פון באָריסען נישט געהערט, מחמת זעהען זיך מיט איהם ביז אהער איז מיר נישט געווען מעגליך בשום אופן ואופן. און איצט... איצט איז ער ניטאָ; ער איז מיט זיין מוטער ערגיץ אַוועקגעפאָהרען. מע זאָגט, אַז קיין אויסלאַנד; נאָר עס איז ניט אמת: מיין דיענסטמיידעל האָט געהערט פון אַליק דעם משרת, אַז די בריעף שיקט מען זיי קיין וואַרשאָ, ניט קיין אויסלאַנד. איך רעכען, אַז צוליעב דעם זענען זיי זיך דורכ־געפאָהרען קיין וואַרשאָ צו זייערען אַ פריינד אָדער אַ בעקאַנטען, בכדי די מיילער פון אונזערע רכילות'ניקעס (איהר געדענקט די מאַדאַם רעגענבויגען, שטעבענהאָלץ, שפּיגעלגלאָז א. ד. ג.?) זאָלען פערשטאָפּט ווערען אויף אַ קליינער צייט... און איך זאָג אייך, אַז עס איז גאָר קיין עולה ניט פון זייער זייט, מחמת פון דעם ערשטען טאָג נאָך אייער אַוועקפאָהרען פון דאַנען האָבען זיך דאָ די מיילער נאָך ניט צוגעמאַכט ביז היינטיגען טאָג. עס איז געווען אַזאַ גערודער אין שטאָדט, אַז עס האָט זיך געטהאָן

חושך, חושך! אין יעדען הויז, אויף יעדער גאַס, אין אַלע ווינ־קעלעך האָט מען נאָר גערעדט פון מאיר פוהרמאַנ׳ס טאָכטער, וואָס איז אנטלאָפען מיט איין אָרעמען סטודענט, פרידמאַנ׳ס א חבר. און מערקווירדיג! איהר זענט דאָך מיט קיינעם ניט גע־ווען בעקאַנט אין דער דאָזיגער שטאָדט, — און פון דעסטוועגען זאָלט איהר הערען, וואָס פאַר מיינונגען יעדער זאָגט זיך וועגען אייך; דער זאָגט, אַז מע האָט געזעהען ביי אייך אויפ׳ן פּנים אָנגעצייכענט, אַז איהר זענט א גנב, א רוצח, א מענשענפרעסער; דער זאָגט, אַז איהר זענט גאָר ניט קיין סטודענט, נאָר א „ליט־וואַק", וועלכער האָט ערגיץ אין דער ליטא נאָך דריי ווייבער; און דער דריטער זאָגט, אַז איהר זענט גאָר איין אַנטלאָפענער סאָלדאַט!... הכלל, עס איז גאָר ניט איבערצוגעבען די אַלע היס־טאָריעס, וואָס יעדער דערצעהלט זיך דאָ אָן וועגען אייך. און שטעלט אייך פאָר זייער איבעררעשונג, ווען זיי האָבען דערהערט, אַז ניט איהר, נאָר דער יונגער פרידמאַן האָט חתונה געהאַט פאַר דער אַנטלאָפענער! דאָ איז געוואָרען אַזאַ גוואַלד אין שטאָדט, אַז ווען איך זאָל ניט געווען מורא האָבען אַרויסצוגעבען דעם סוד, וואָלט איך שוין לאַנג אַנטלאָפען פון דאַנען. איך ווייס נאָך עד היום ניט, פון וואַנען און ווי אַרום איז מען דאָ געוואָהר געוואָרען וועגען דער חתונה, נאָר מע ווייסט שוין אַלץ, ניט קוקענדיג דער־רויף, וואָס די פרידמאַנס האָבען ניט בעוויזען קיין שום מינע, אַז עס קעהר זיך אָן מיט זייער זוהן. שטעלט אייך פאָר, ווי אַזוי איז געווען דער מאַדאַם פרידמאַן צו קומען צוריק אַליין, אָהן באָריסען, און נאָך מאַכען יעדען א פרייליכע מינע, רעדען גלייך מיט אַלע וועגען אייער ראָמאַן מיט ראָזע פוהרמאַן... און נאָך דעם, אַז מען איז אין גיכען געוואָהר געוואָרען דעם אמת, האָט יעדער איהר געקוקט אין פּנים אַריין און האָט געוואָלט איבער־לייענען ביי איהר אויפ׳ן שטערן די מעשה מיט איהר זוהן און מיט דער אַנטלאָפענער — און זי, די מאַדאַם פרידמאַן, זאָל דאָס אפילו מיט איין אויג א פינטעל טהון! גאָרניט, לעבעדיג, פרייליך,

ווי תמיד!... כמעט יעדען טאָג זענען געקומען צו איהר די גוטע פריינד, די מאַדאַם רענענבויגען מיט די געלע טעכטער, די מאַדאַם שפּיעגעלגלאַז און די מאַדאַם שטעכענהאָלץ, און די גאַנצע צייט האָבען זיי מיט איהר גערעדט נאָר וועגען „דער אַנטלאָפענער”, און הונדערט מאָל א מינוט איבערגעפרעגט, וואו איז אַצינד איהר בּאָרים? וואָס מאַכט ער אין געזונד? פאַר וואָס זאָל מען איהם ניט אָפּזוכען קיין רעכטע פּאַרטיע? אַליק דער משרת האָט מיר איבערגעגעבען, אַז אויף די אַלע פראַגען האָט זי געענטפערט פריילין, גלייך ווי תמיד. דערפאַר אָבער האָט זי זיך מיט זיי אָפּגערעכענט אָט דאָ, אַז בּאָרים איז געקומען! זי איז מיט איהם די גאַנצע צייט געזעסען אויפ'ן באַלקאָן, בכדי מע זאָל איהם זעהען, אַלע זאָלען איהם זעהען — און דערמיט פערשטאָפּען די בייזע מיילער. זי איז געגאַנגען און געפאָהרען מיט איהם עטליכע מאָל אין טאָג שפּאַציערען און האָט איהם אויסגעפיהרט אין אַלע גאַסען, אין אַלע געסלעך, — אַלע זאָלען זעהען, אַז איהר בּאָרים איז דאָ, אַז ער איז ניט אַנטלאָפען מיט קיינעם, ובפרט נאָך מיט דער שוואַרצער ראָזע פּוהרמאַן פונ'ם קליינעם שטיבעל מיט די „רויטע לאָדען”. מע האָט מיר דערצעהלט פון דער זעליגער מאַדאַם פּוהרמאַן, אַז בשעת מלכה פרידמאַן מיט'ן זוהן זענען דורכגעגאַנגען פערביי איהר פענסטער, איז זי געפאַלען אויפ'ן בעט, און מע האָט זי קוים אָפּגעראַטעוועט... נאָר די מאַדאַם פרידמאַן האָט שוין מעהר נישט געקאָנט איבערטראָגען אויף זיך דעם גיפט פון די לאַנגע צונגען און האָט געמוזט אָפּטרעטען אויף א קליינער צייט מיט בּאָריסען פון דאַנען — און זיי האָבען געטהאָן זעהר קלוג! אָך, ווען איהר זאָלט געווען זעהען, ווי אַזוי אונזער יונגער העלד האָט אויף מיר געקוקט מיט זיינע שענע אויגען פונ'ם אייזערנעם באַלקאָן, בעת איך בין פערבייגעגאַנגען א האַלבע שעה פאַר זיין אָפּרייזען פון דאַנען מיט דער מוטער! ווען איהר זאָלט געווען אין דער דאָזיגער מינוט א קוק טהון בּאָריסען אין די אויגען אריין, וואָלט איהר שוין מעהר ניט געצווייפעלט, אַז זיין

ליעבע צו ראָזען איז פיעל גרעסער און שטארקער, ווי איהר קאָנט זיך פאָרשטעלען מיט אייער שכל...

„כדי איהר זאָלט מיך בעסער פערשטעהן, וועל איך אייך דאָ איבערגעבען אלץ, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען מיר און באָריסען זינט ער איז געקומען צוריק מיט זיין מוטער.

„אז באָרים איז געקומען, האָב איך מיך דערוואוסט באלד פון אליק דעם משרת, וועלכען איך האָב אונטערגעקויפט שוין פון לאנג, ער זאָל מיר אָפּטראָגען יעדע קלייניגקייט, וואָס עס קומט פאָר ביי די פרידמאַנס אין הויז. איך האָב איהם פיין בעלוינט און געהייסען, ער זאָל איבערגעבען באָריסען פון מיר א בריעף. איך דאַרף אייך ניט דערצעהלען, וואָס איך האָב איהם געשריבען; איהר קאָנט זיך אליין פאָרשטעלען, ווי איבעררא־שט איך בין געווען, אז איך האָב דערהערט, אז באָרים איז געקומען אליין, אָהן איהר! אויף דעם צווייטען טאָג האָט מיר אליק איבער־געגעבען, אז מיין בריעף האָט ער איהם אָפּגעגעבען מיט גרוים מיה, נאָר קיין ענטפער קאָן אזוי גיך ניט זיין, מחמת די מאדאם פריד־מאַן טרעט נישט אָפּ אויף קיין רגע פון איהר זוהן. זי זיצט מיט איהם, זי געהט מיט איהם, זי לאָזט פון איהם קיין אויג נישט אראָפּ; אפילו אז ער לעגט זיך שלאָפען ביינאכט ביי זיך אין צימער, שטעהט זי לאנג הינטער דער טיהר, אָדער זי דרעהט זיך אזוי ארום אין דעם צווייטען צימער, בכדי זי זאָל קאָנען זעהן, וואָס ער טהוט, און הערען, וואָס ער רעדט דאָרט מיט אליק'ען אָדער מיט איין אנדער בעדיענער. זי האָט שטרענג פערבאָטען, אז קיינער זאָל זיך ניט דערוועגען ברענגען אָדער אָפּטראָגען א בריעף פון באָריסען אָהן איהר וויסען, אזוי אז יעדער בריעף, וואָס ער שיקט־אָפּ אויף דער פּאָסט, פאַלט אריין גלייך צו איהר אין די הענד אריין... היינט פערשטעהט איהר שוין, ליעבער איי־זענשטאדט, ווי אומגליקליך אונזער יונגער העלד איז ביי אָט אזעלכע פאנאטישע עלטערען, ביי אָט אזעלכע דעספּאָטען? ערשט אויף דער אנדערער וואָך האָט מיר אליק געבראכט אויף אלע

מיינע בריעף (מעהר אלס צעהן) איין ענטפּער פון באָריסען. איך געב אייך דאָ איבער, ליעבער אייזענשטאַדט, בוכשטעבליך זיין קוויטעלע, פון וועלכען איהר וועט זיך געוויס קאָנען אראָפּנעמען א מוסר, וואָס הייסט ליעב האָבען און זיין אומגליקליך. אָט וואָס באָרים שרייבט מיר:

„טייערסטער פריינד בערטע! איין גאָט איז מיין עדות, אז איך האָב אייך ביז היינטיגען טאָג ניט געקאָנט שרייבען. איך שרייב יעדען טאָג בריעף צו מיין טייערער ראָזעטשקען, און האָב ביז היינט קיין שום ענטפער. איהר פרעגט מיך, וואָס האָב איך גע'פּועל'ט מיט מיין קומען אהיים? אָ, איך פערהאָף, אז איך וועל געוויס מיין ציעל דערגרייכען! גיך־גיך וועלען מיר זיין גליקליך צוזאמען מיט מיין טייערער ראָזען, וועלכע שטעהט מיר שטענדיג פאר מיינע אויגען (איהר הערט, אייזענשטאַדט?). איך וועל איין מאָל פאר אלע מאָל לעגען א פעסטען פונדאמענט, אויף וועלכען אונזער ליעבע וועט זיין געבויט עפּענטליך פאר אלעמען, אזוי אז אלע זאָלען וויסען און זעהען, אז ראָזע איז מיינע, מיינע אויף אייביג!... איך בעט אייך, ליעבע בערטע, שרייבט צו מיין ראָזען און גיט איהר איבער מיין ביטערע לאגע, אין וועלכער איך געפין זיך אצינד, און טרייסט זי מיט דער האָפענונג, אז מיר וועלען גיך ווידער לעבען צוזאמען, און אונזער ליעבע, אונזער גליק וועט שוין מעהר קיינער ניט שטעהרען, און עס וועט שוין אלע זיין גוט, אזוי ווי עס בענעהרט אייער איבערגעבענער

„באָרים פרידמאַן".

„עס פערשטעהט זיך, אז אויף דעם ראָזינען בריעף האָב איך איהם אָפּגעענטפערט פּינקטליך, אויף יעדער זאַך בעזונדער, און האָב איהם געגעבען אונטעררייכט, ווי אזוי ער זאָל צוטרעטען צום פאָטער און צו דער מוטער וועגען דער הויפּטפראגע, און ווי אזוי ער זאָל ווירקען אויף זייערע הערצער — ער איז דאָך פאָרט זייער איין־און־איינציג קינד, איין אויג אין קאָפּ! איך וויים ניט ער

היום, וואָס און ווי אַזוי ער האָט מיט זיי גערעדט און צו וואָס פאַר אַ רעזולטאַט זיי זענען געקומען, מחמת פון באַריסען האָב איך שוין מעהר קיין בריעף ניט געקאָנט בעקומען; נאָר ווערליג ווי אַליק האָט מיר איבערגעגעבען איניגע קליינינקייטען, פערשטעה איך, אַז אונזער מיה וועט ניט זיין אומזיסט, און אונזער אומ־גליקליך פּאַר־פאָלק וועט ענדליך ווידער צוזאַמען זיין אויף אימער און אייביג. דערהויפּט בעט איך אייך, ליעבסטער אייזענשטאַדט, אַכטונג געבען אויף אונזער טייערסטער ראָזעטשקע און — חיות ניט זיכער! — ניט אַרויסהאַפּען זיך פאַר איהר מיט אַזעלכע ווערטער, ווי איהר שרייבט צו מיר. היט־אָפּ, אייזענשטאַדט, דאָס דאָזיגע יונגע בלימעל, עס זאָל אויף דעם קיין שטויב ניט פאַלען. דאָס איז אייער פּליכט אַלס מענש און מאַנספּערזאָן. אַדיע! אונזער ראָזעטשקען שיק איך בעזונדער אַ בריעף.

„אייער בעסטער פריינד, וואָס פערבלייבט צו אייך מיט גרויס אַכטונג, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס איהר זענט אַזאַ קאַל־טער עגאָאיסט...

„בערטע שימשעלביין".

ג.

פון פּ. אייזענשטאַדט צו בערטע שימשעלביין.

„בערטע! קומט צו פאָהרען. אפשר וועט איהר בעסער קאָנען אויסקומען מיט איהר... זי איז זעהר־זעהר אומגליקליך און דאַרף האָבען הילף. זי נויטיגט זיך, מע זאָל זי היטען — און איך קאָן דאָס ניט, איך טויג ניט דערצו. איך זעה, אַז איך פער־שאַף איהר נאָר שמערצען — און מעהר נישט! פאַר אייער אַרויס־פאָהרען שרייבט מיר אַ בריעף. איך ערוואַרט אייך, איך קוש־אַרויס אויף אייך. למען השם, קומט צו פאָהרען!

„פּ. אייזענשטאַדט".

ד.

פון בערטע שימשעלביין צו פ. אייזענשטאדט.

„ליעבסטער פריינד! איהר האָט מיך מיט אייער לעצטען בריעף אזוי פיעל איבערגעשראָקען, אז איך בין אוים מענש. איך פאָהר באלד ארוים און וועל שוין זיין אליין ביי ראָזעטשקען, און איהר זאָלט די רגע ארויספאָהרען אהער און קומען גלייך צום העררן פרידמאַן. איהר וועט איהם טרעפען דאָ אליין, ווייל אונזער אומגליקליכער באָרים מיט דער מוטער זענען אצינד אין אויסלאנד. איך גלויב, אז ביי דער מוטער האָט באָרים שוין לאנג געפועל׳ט; מע דארף נאָר איבעררעדען מיט׳ן פאָטער. מיין איך, אז איהר, ליעבער אייזענשטאַדט, זענט דערצו מעהר פעהיג, ווי איין אנדערער. איהר זאָלט אויסנוצען אלע מיטלען און אויסמאָהלען פאר איהם מיט אלערליי פארבען די טרויעריגע לאגע פון זיין בן־יחיד און פון זיין יונגער אומשולדיגער פרוי ראָזע, וואָס האָט שוין גענוג־גענוג געליטען, גענוג איבערגעטראָגען, גענוג אָפּגעקומען פאר די זינד פון די עלטערן, וועלכע זענען אזוי איינגעשפארט אין זייער פאנאַטיזם!... איך דארף אייך נישט לערנען, ווי אזוי צו רעדען. רעדען קאָנט איהר; הלואי וואָלט איהר אזוי געקאָנט פיהלען, ווי איהר קאָנט רעדען... גריסט ראָזען און זאָגט איהר, אז איך פאָהר צו איהר די מינוט, די רגע!

„אייער בעסטער פריינד בערטע שימשעלביין".

ה.

פון פ. אייזענשטאַדט צו בערטע שימשעלביין.

„בערטע! בערטע! צו וואָס האָט איהר מיך געשיקט אהער? קארג געוועזען פאר מיר דאָס, וואָס איך האָב איבערגעטראָגען דאָרט? אָך, וואָס פאר א הארטער מענש דער העררן פרידמאַן איז! און

מערקווירדיג — וואָס פאַר אַ קלוגער מענש, וואָס פאַר אַ פּראַק־טישער מענש דאָס איז! איך האָב איהם גאָר ביז יעצט אַזוי פיעל ניט געקענט. איך האָב קיין צייט ניט געהאַט צו אויסרעדען עט־ליכע ווערטער, האָט ער מיך שוין איבערגעשלאָגען און האָט מיר פאָרגעלעגט אַזעלכע פראַגען, אַז איך בין געבליבען אָהן לשון. איך האָב אייך געפאָלגט, בערטע, און האָב איהם אָנגעהויבען אויס־צומאָהלען מיט שרעקליכע פאַרבען די ביטערע לאַגע פון זיין אומ־גליקליכען זוהן. האָט ער מיך אַזוי אויסגעלאַכט, אַז איך האָב שוין ווייטער ניט געהאַט, וואָס צו זאָגען.

„— ע, ברודער! — האָט ער מיר געזאָגט דערויף מיט אַ קלאַפּ אין די פּלייצעס אַריין. — ע, ברודער! איהר לאַכט מיך אויס, איהר מאַכט פון מיר חוזק, אַפּנים, יונגערמאַן! נישקשה, איהר וואָלט זיך געמעגט ווינשען חאָטש האַלב אַזוי אָפּלעבען ווי אייער אומגליקליכער „העלד" לעבט זיך אָפּ אַצינד אין אויסלאַנד! אך, ווי טרויעריג זיין לאַגע איז! ווי „אומגליקליך" ער איז אַצינד ערגיץ אין אַ טהעאַטער נעבאַך, אָדער אין אַ שענעם רעסטאָראַן נעבאַך, וואו ער זיצט נעבאַך איבער אַ שענעם מאָלצייט נעבאַך מיט אַ גוטען גלאָז וויין, און מיט איין אַראָמאַטישען ציגאַר נעבאַך! איהר פאַרשטעהט צי ניין?...

„גלויבט מיר, בערטע, אַז ער קען זיין זוהן אַ סך מעהר, ווי איך מיט אייך קענען איהם. צום לעצט האָט ער מיר ערנסט גע־זאָגט, אַז ער האָט רחמנות אויף דער אומגליקליכער ראָזע און פער־שטעהט, ווי שלעכט עס איז איהר אַצינד און ווי טרויעריג איהר לאַגע ווערט נאָך זיין שפּעטער... ווי אַ גוטער פריינד, האָט ער מיר איין עצה געגעבען, אַז מיר זאָלען ביסלעכווייז אויפדעקען פאַר איהר, ווער איהר אָפּגאָט איז און וואָס ער איז... ער האָט מיך אויס־געפרעגט, ווי אַזוי זי פערברענגט די צייט, און פון וואָס לעבט זי, און צי נויטיגט זי זיך אַצינד אין געלד, ווען ער איהר שיקען, וויפיעל זי דאַרף... אך, בערטע, בערטע, איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, און וועל אייך שטענדיג זאָגען דאָס זעלבע, אַז

מיר, נאָר מיר, זענען שולדיג אין איהר אומגליק, און גאָט ווייסט, מיט וואָס עס וועט זיך נאָך ענדיגען !...

„איך האָב דאָ שוין מעהר ניט וואָס צו טהון, און אויף זיין מוטער זאָלט איהר אויך קיין האָפענונג ניט האָבען. דער העדר פרידמאַן האָט מיר אויסדריקליך געזאָגט, אז „פריהער וועט דער הימעל קומען צו דער ערד, איידער מיין מלכה וועט דערלאָזען, אז איהר באָרים זאָל זיין פוהרמאַנ׳ס איידעם, און ווען איהר זאָלט קענען מיין מלכה׳ן, וואָלט איהר געזעסען בערוהט אין דער היים, ווארום מיין מלכה — דאָס איז שטאָל און אייזען: זי וועט זיך ניבער צעברעכען, איידער איינבויגען. איהר פערשטעהט צי ניין?" — און מיט די ווערטער האָט מיך דער העדר פרידמאַן אָפּגעלאָזט. איך בלייב דאָ נאָך אויף א צוויי טעג און ווארט אויף אייער ענטפער. שרייבט מיר, איך בעט אייך, וואָס מאכט ראָזע? גאָט זאָל העלפען, זי זאָל איבערקומען, ווי עס געהר צו זיין... איך זואָלט איהר איבערגעגעבען א גרוס, נאָר איך ווייס, אז זי געהט ניט אזוי שטארק אויס נאָך מיין גרוס... א וואונדערליכע זאך, בלעבען !...

„אייער פריינד, וואָס קוקט ארוים אויף אייער גיבען בריעף,

„פ. אייזענשטאדט".

ו.

פון בערטע שימשעלביין צו פ. אייזענשטאדט.

(טעלעגראמע).

„הערר אייזענשטאדט. היינט אָבענד האָט ראָזע געהאַט א מיידעל און איז געשטאָרבען. דאָס קינד לעבט. קומט צו פאָהרען.

„בערטע".

עפּילאָג.

וואו דער פּערפאַסער זאָגט נאָך עטליכע ווערטער און געפינט, אז עס איז שוין צייט צו געזעגענען זיך מיט'ן לעזער און מאַכען אַ סוף מיט דער דאָזיגער ווירקליכער געשיכטע.

געזעגענענדיג זיך מיט'ן לעזער, מוזען מיר, ווי עס פיהרען זיך אויף דער וועלט די אַלע ראָמאַניסטען, שענקען איהם איין עפּילאָג און איבערגעבען אַלץ, וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אונזערע העלדען, וועלכע ווערען דערמאָנט אין דער דאָזיגער ריכטיגער, ניט אויסגעטראַכטער געשיכטע.

אַלע אונזערע בעקאַנטע פּאַרשוינען זענען געזונד און שטאַרק, אויסער די צוויי אומגליקליכע פרויען: טייבעלע פוהרמאַן און ראָזע פרידמאַן. אפילו דער אַלטער מאיר פוהרמאַן לעבט נאָך! נאָר זיין לעבען איז טרויעריגער, ווי דער טוידט: צו וואָס און פון וועמענסוועגען לעבט אַזאַ אומגליקליך נפש אויף דער וועלט? פון וועמענסוועגען האַלט ער דעם אייזערנעם קאַסטען מיט געלד? צו וואָס פערשליסט ער די רויטע לאָדען אַלע נאַכט, און אַז ער דערהערט אַ שאָרך פון אַ מויז, ווערד ער פערציטערט און חאַפּט זיך צו די שליסעלעך? צוליעב וועמען טרייבט ער איין אָרעמאַן פון שטוב? פאַר וועמען און פאַר וואָס קוילעט ער זיך אַלע טאָג מיט דער אידינע פאַר די אָפּגעלעקטע ביינער, וואָס זי וואַרפט אַרוים פאַר די הינד? אַז עס וועט אַ קלאָפּ טהון זיין לעצטע שעה, וועט ער שיקען רופען דעם רב מיט די דיינים און וועט מאַכען אַ „צוואה": כך וכך רובעל אויף „עולמות"; כך וכך רובעל אויף אַ מרחץ; כך וכך אויף דעם הקדש; כך וכך קיין ליבאַוויטש דעם רבי'ן אויף אַ סוכה (וואָס ווייטער ווערד ער אַלץ פרימער); כך וכך אויף „חברה־קדישא", אויף „הזכרת־נשמות", אויף „חברה תהלים", אויף „חברה משניות", אויף „עשרה בטלנים"... אויף דעם דאָזיגען געלד וועט ער מאַכען עטליכע אָפּעקונעס, גבירים, שענע אידען, וואָס וועלען זיך נאָכדעם צווישען זיך צעטיילען אחת ואחת, און די אָרעמע לייט פון דער שטאָדט וועלען ארומגעהן

פון איינעם צום אַנדערען און וועלען שרייען: „גנבים! רוצחים! הולטייעס! וואו איז ערגיץ דאָס געלד, וואָס רב מאיר פוהרמאַן האָט איבערגעלאָזט? די נגידים האָבען זיך צעטיילט — און מיר וועלען שווייגען?! גיט אונז אָפּ פוהרמאַנ'ס געלד — עס איז אונזער געלד!"...

אָט אַזוי זענען, הייסט עס, די „רויטע לאָדען" שוין פערמאַכט פאַר אונז אויף תמיד... אָבער דער „אייזערנער באַלקאָן"?

דער „אייזערנער באַלקאָן" איז תמיד יונג, תמיד פריילּיך, תמיד בעלויכטען און פול מיט געסט, פּונקט ווי פריהער, קיין שום פערענדערונג! דאָס געשעפט פון דער גלענצענדער פירמאַ „פרידמאַן" איז זעהר אַ גרויס געשעפט. די קליימען וואַכסען. די קאַנטאָר ארבייט. מאָטעל פרידמאַן איז שטענדיג פערנומען מיט זיינע חשבונות. ער איז שטענדיג פערטראָגען. ער איז איינגעטונקט פון קאָפּ ביז פיס אין ציפער... אַז זיין זוהן איז דאָס ערשטע מאָל געקומען אַהיים צו־גאַסט מיט זיין גרויסאַרטיגער פרוי „יאַדוויגאַ", די טאָכטער פונ'ם וואַרשעווער באַנקיר לודוויג עסיגמאַכער, איז מלכה געוועזען אַזוי גליקליך, אַז זי האָט אַרומגעהאַפּט דעם מאַן קושען.

— וואָס זאָגסט דו עפּיס, מאָטעל, אויף אונזער באַריסען און אויף זיין פרוי, אויף יאַדוויגאַ'ן?...

— יאָ, אויב אונזער פויגעל וועט אַוועקוואַרפען די שאַרלאַטאַנסקע שטיק, קאָן פון איהם ווערען מיט דער צייט אַ שטיקעל מענטש, דו פאַרשטעהסט צי ניין?... איך האָב געהאַט אַ דעפּעש פון זימעלשטיין. פּאַרקויפט דרייסיג טויזענד פּוד צוקער אויף חודש מאַי — בין איך צופריעדען. דו פאַרשטעהסט צי ניין?...

וואָס האָט געטהאָן מאָטעל פרידמאַן ביי מאיר פוהרמאַן, בעת יענער איז געבליבען איין אַלמן? עס ווייזט אויס, אַז אין פרידמאַנען האָט פּלוצים אָנגעהויבען צו רעדען זיין געוויסען. צי אפשר האָט ער זיך דערמאַנט, אַז ער, מ אָ ט ע ל ־ מ ז י ק, איז

אמאָל געווען א חבר און א גוטער ברודער מיט מ א י ר ־ ק ו ו א־ ש ע? אָדער ער האָט געוואָלט מיט זיין וויזיט פונ׳ם „אייזערנעם באַלקאָן״ צו די „רויטע לאָדען״. אויסקויפען זיינע אַלטע זינד אָקעגען זיין געוועזענעם שותף?...

מזל־טוב! אונזערע הארציגע שוועסטער מאשא און פאשא רעגענבויגען האָבען שוין חתונה געהאַט פאַר גאַנץ רייכע קאָמער־סאַנטען. די מאַדאַם רעגענבויגען איז גליקליך. אַלע יאָהר קומען איהר צו א פּאָר אייניקלעך.

אַליק דער משרת איז ביי די יונגע פרידמאַנס א לאָקיי. ער טראָגט א ווייסען זשילעט מיט א זילבערנעם זייגער און זאָגט: „ביי אונז אין וואַרשאָ״.

גאָלדענשטאַדט און זילבערשטאַדט האָבען שוין דיפּלאָמען אין די הענד. דער ערשטער איז א דאָקטאָר און קוקט־אַרויס אויף פּאַציענטען, וואָס ווייזען זיך עפּים ניט. און דער אַנדערער איז איין אַדוואָקאַט, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט די עהרע צו זעהען א קליענט אין די אויגען. זיי זוכען רייכע פּאַרטיעס און ארבייטען אויף אַלע כלים.

אייזענשטאַדט האָט זיך נישט שטאַרק פערענדערט פון יענער צייט. עס האָט זיך איהם נאָר אויסגעשאָטען א קליין שפּיצעביג בערדעל, וועלכס גיט איהם צו דעם זיעבעטען חן. ער איז זעהר בעליעבט ביי אַלע זיינע חברים־סטודענטען, און אויף יעדער אסיפה איז ער תמיד דער ערשטער, הגם ער קריכט ניט צום אויבענאָן און רייסט זיך ניט אויף די ווענד.

ראָזע׳ס קינד — זי הייסט נאָך דער מוטער: ראָזעטשקע — געפינט זיך ביי בערטע שימשעלביין.

„בערטע די גרושה״ איז נאָך עד היום א גרושה. זי איז געערכט, וואָס זי זאָגט, אז אונזער לעבען איז א לאַנגע טראַגעדיע און מיר, מאַנסבילען, זענען די העלדען — גוטע און שלעכטע

העלדען, עהרליכע און פערדאָרבענע. זי זאָגט נאָך עד היום:
„אָ, מענער, מענער!"...

* * *

אָט אזוי נישט־פריילעך האָט זיך אויסגעלאָזט אונזער ראָמאן — א ראָמאן, אין וועלכען די הויפט־ראָלען האָבען געשפּיעלט נישט קיין העלדען, נאָר קינדער.

ע נ ד ע.